STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00347

# YIDN IN ALTN POYLN

Isaac Lewin

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Harold Stainer*
*in memory of*
*Elizabeth W. Stainer*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר יצחק לעווין

# יידן אין אַלטן פּוילן

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

## 160

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-ליטער:

אַבראַהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע ביכער צום סוף פון בוך

ד״ר יצחק לעווין

# יידן אין אלטן פוילן

## היסטאָרישע עסייען

●

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, 1962 — התשכ״ב

# אינהאַלט


יצחק אַבראַמאָוויטש פון לעמבערג און בת־שבע פון ווין — — — — — — 7

ווי אַ רייכער גוי איז אַמאָל געוואָרן אַ סוחר מיט אתרוגים — — — — 56

ווי ר׳ חיים כהן ראַפּאַפּאָרט האָט זיך געלאָדן מיט לעמבערגער קהל ווענן זיין געהאַלט — — — — — — — — — — — — — — — — 66

אַ סדרה קהילה־וואַלן אין לעמבערג אין 18טן יאָרהונדערט — — — — 82

אַ קאַפּיטל יידישע שתדלנות אין אַלטן פּוילן — — — — — — — — — 104

שבת, שחיטה, שבועה און חרם אין אַלטן פּוילן — — — — — — — — 131

ר׳ מרדכי יפה און זיין מצבה אין פּויזן — — — — — — — — — 154

ר׳ דוד גאַנז און זיינע ספרים — — — — — — — — — — — — — 160

ר׳ אריה־לייב, דער מחבר פון „שאגת אריה״ — — — — — — — — 172

ר׳ חיים אלעזר וואַקס, דער מחבר פון „נפש חיה״ — — — — — — — 177

מקורים — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 183

# יצחק אַבראַמאָוויטש פון לעמבערג און בת־שבע פון ווין

.1

ביים אָנהייב פון 17טן יאָרהונדערט איז די אַלטע יידישע קהילה פון לעמבערג געווען ווייט באַרימט מיט דער תורה פון אירע רבנים און מיט דער רייכקייט פון אירע באַלעבאַטים. זי האָט געשמט נישט נאָר אין פוילן, נאָר אויך מחוץ די גרענעצן פון לאַנד. און וואָס דער וווּנדער? אַזעלכע שטערן, ווי לעמבערג האָט דעמאָלט פאַרמאָגט, באַווייזן זיך גאָר זעלטן אויפן הימל פון יידישן ציבור־לעבן און דעריבער האָט די וועלט מיט דרך־ארץ און ליבשאַפט זיך באַצויגן צו דער בכבודיקער הויפּט־קהילה פון רייסן.

אויף דער כסא־הרבנות איז געזעסן ר׳ מאיר בן גדליה, איינער פון די שאַרפסטע מוחות, וואָס דאָס יידנטום האָט אַרויסגעגעבן. ער איז געוואָרן לעמבערגער רב נישט זייענדיק נאָך אַלט קיין פערציק יאָר, און פריער איז ער געווען רב אין קראָקע, ווו אויף דער כסא־הרבנות איז פאַר אים געזעסן זיין שווער ר׳ יצחק שפּירא. די קאַריערע פון ר׳ מאיר בן גדליה האָט דערמאָנט אַ מעטעאָר; ער האָט העל אויפגעבליצט און זיך באַוויזן מיט אימפּעט און שטורעם, ביז ער איז מיט דערזעלבער געשווינדקייט אונטערגעגאַנגען. אין אָנהייב פון זיבעצטן יאָרהונדערט איז ער געווען אין זיין פוילן גלאַנץ. צוליב דעם, וואָס ער האָט געשטאַמט פון לובלין, האָט מען אים גערופן מהר״ם מלובלין.

מיט אַ גרויסער ישיבה האָט אין לעמבערג אין יענער צייט אָנגעפירט אַ רב, וואָס איז אין גאונות זיכער נישט געווען קלענער פון ר׳ מאירן. דאָס איז געווען ר׳ יהושע־פאַלק כהן, דער מחבר פון באַרימטן

ספר „מאירת עינים״ אויפן „חושן המשפט״. צווישן זיינע תלמידים האָבן זיך געפונען גרויסע חריפים, וועלכע האָבן דערנאָך ממשיך געווען די תורה פון זייער רבין. איינער פו זיי איז געווען ר׳ אברהם שרענצעל ראַפּאַפּאָרט, וואָס איז געוואָרן אַ גרויסער גביר און אַ פּרנס פון „ועד ארבע ארצות״. ר׳ אברהם שרענצעל ראַפּאַפּאָרט איז געווען אַ גרויסע מאַכט־פיגור נישט נאָר אין לעמבערג, נאָר אין גאַנץ פּוילן. ער איז אויך געווען אַ גרויסער גאון און האָט מחבר געווען אַ וויכטיקן ספר אונטערן נאָמען „איתן האזרחי״. צו האָבן אַזאַ תלמיד אין שטאָט באַדייט גאָר אַ סך.

צווישן די באַלעבאַטים פון לעמבערג האָט פאַרנומען אַ שיינעם אָרט ר׳ אברהם וואָלפש (אָדער וואָלפאָוויטש), אַ שוואָגער פון שטאָט־רב, ר׳ מאיר בן גדליה. שוין צוליב זיין קרובהשאַפט מיטן רב, איז ר׳ אברהם געווען אָנגעזען און פאַרשטייט זיך, אַ בכבודיקער מחותן ביי שידוכים.

במשך דעם יאָר 1610 איז געשלאָסן געוואָרן אַ „וועלט־שידוך״: איינער פון די גרויסע גבירים פון ווין, אין עסטרייך, מיטן נאָמען ר׳ שמואל־פּייוויש, האָט געהאַט אַ טאָכטער, בת־שבע, און געזוכט פאַר איר אַ חתן פון שענסטן יחוס. ר׳ אברהם וואָלפש פון לעמבערג האָט געהאַט אַ זון, יצחק, אַ בחור פון קנאַפּע פופצן יאָר. ר׳ שמואל־פּייוויש האָט זיך צונויפגערעדט מיט ר׳ אברהמען, אַז מען זאָל זיך משדך זיין. ער האָט דער טאָכטער צוגעזאָגט אַ נדן פון דריי טויזנט גילדן. יצחק האָט באַ־קומען אַ געמוירערט הויז אין לעמבערג. מען האָט געשריבן תנאים און באַלד געפּראַוועט אַ גרויסע חתונה. דאָס יונגע פּאָר איז אַוועק וווינען קיין ווין.

נישט לאַנג האָט געדויערט דאָס גליק. יצחק איז אין ווין קראַנק גע־וואָרן. מען האָט, פאַרשטייט זיך, גערופן די בעסטע דאָקטוירים, אָבער עס איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. מען האָט נישט געקענט בייקומען די שלאַפקייט און דער קאַשמאַר פון טויט האָט אָנגעהויבן צו באַווייזן זיך אין ר׳ שמואל־פּייווישעס הויז.

דער ווינער גביר איז געווען באַזאָרגט נישט בלויז וועגן לעבן פון זיין יונגן איידעם. נאָך מער האָט ער זיך געשראָקן, ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון דעם, וואָס קען פּאַסירן, אין פאַל פון יצחקס

טויט, מיט זיין בת־שבען. נישט האָבנדיק נאָך קיין קינדער, וואָלט זי געדאַרפט אָנקומען נאָך אַ חליצה צו יצחקס ברודער אין לעמבערג. אָן דעם וואָלט זי פאַרבליבן אַן אייביקע אלמנה. אמת, מען האָט געקענט באַצייטנס זיך פאַרזאָרגן מיט אַ „שטר חליצה", דאָס הייסט מיט אַ שריפט־לעכער התחייבות פון יצחקס ברודער, אַז ער וועט מסכים זיין צו אַ חליצה. אָבער ר' שמואל־פייוויש האָט דאָס געהאַט פאַרזען און נישט פאַרלאַנגט דעם שטר פאַר דער חתונה. איצט איז שוין געווען צו שפּעט צוליב צוויי טעמים. קודם־כל ווער ווייסט, צי ר' אברהם וואָלפש וואָלט דערלאָזט, אַז זיין אַנדערער זון זאָל חתמענען אַ „שטר חליצה", בשעת יצחק איז אַזוי שווער קראַנק געוואָרן. און צווייטנס, ס'איז שוין קיין צייט נישט געווען צו שיקן אַ שליח קיין לעמבערג. ס'האָט אויסגעוויזן, אַז יצחק וועט פריִער שטאַרבן ווי דער שליח וועט קענען צוריקקומען. די לאַגע איז געווען פאַרצווייפלט.

די איינציקע מעגלעכקייט צו ראַטעווען בת־שבען איז געווען — דורכצופירן אַ גט. אַמאָליקע צייטן האָט זיך ביי ייִדן געפירט, אַז אַ שווער קראַנקער מענטש, אַ „שכיב־מרע", האָט געגעבן אַ „גט על תנאי" צו זיין פרוי, און ממה־נפשך: איז ער געבליבן לעבן דאַן האָט דער גט קיין ווערט נישט געהאַט (ווייל ער איז נאָר געווען „על תנאי", אויב ער וועט שטאַרבן), איז ער שפּעטער געשטאָרבן, דאַן איז די פרוי נישט געבליבן קיין אלמנה, נאָר אַ גרושה און האָט קיין חליצה נישט באַדאַרפט.

אָבער ווי איבערצייגט מען עפּעס דעם קראַנקן יונגעמאַן, אַז ער דאַרף געבן אַ גט זיין ווייב? מען האָט דאָך אים נישט געקענט זאָגן, אַז ר' שמואל־פייוויש האָט מורא, אַז אויב ער, יצחק, וועט שטאַרבן, וועט זיין ברודער הייסן געבן זיך אַ מטמון מיט געלט פאַרן דורכפירן די חליצה. עס איז בכלל נישט געווען באַטעמט פאַר דער משפחה פון ווינער גביר זיך אַליין צו נעמען צו אַזאַ ענין. אָבער עס איז נישט געווען קיין ברירה. האָט זיך צו דער זאַך גענומען ר' שמואל־פייווישעס ווייב, אַ ייִדענע, וואָס האָט פאַרנומען אין דער משפחה אַ דאָמינירנדיקע שטעלונג. זי האָט דערקלערט יצחקן, אַז אייגנטלעך גייט עס מער וועגן זיין טובה: ווייל עס הייסט, אַז אַזאַ „גט על תנאי" העלפט ווערן געזונט... און וואָס

האָט ער מורא צו האָבן? אויב ער וועט, מיטן אויבערשטנס הילף, געזונט ווערן, איז דער גט סיי־ווי גאָר נישט ווערט.

יצחק האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָנט־שיידן און איז געלעגן, ווי טויט, אין בעט, בשעת די שוויגער האָט צו אים גערעדט.

דערווייל איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז עס זענען אָנגעקומען קיין ווין צוויי געהויבענע געסט פון לעמבערג. איינער איז געווען ר׳ יהושע־פאַלק כהן, דער גרויסער ראש־ישיבה, און דער צווייטער איז געווען ר׳ מנוח הענדעל, אַ ייִד אַ צדיק, וואָס האָט מחבר געווען אַ פירוש אויפן „חובות הלבבות״. יצחק האָט, נאַטירלעך, ביידן גוט געקענט, און ר׳ שמואל־פּייווישן איז תיכף געקומען דער געדאַנק אין קאָפּ, אַז אויב זיי וועלן דעם קראַנקן צורעדן צו געבן אַ גט, וועט ער זיי זיכער פאָלגן. ווער רעדט נאָך אויב זיי וועלן גאָר דורכפירן דעם גט, וועט יצחק אָן ספק מסכים זיין צו אַלץ.

ר׳ שמואל פּייוויש האָט באַלד אָנגעזאָגט דעם איידעם די בשורה, אַז די צוויי לעמבערגער ראשי־ישיבה זענען פאַרפאָרן קיין ווין און וועלן אים קומען מבקר חולה־זיין. ער האָט אויך גלייך אַוועקגעשיקט זיין זון, פייטעלן, צוזאַמען מיט אַן אַנדערן איידעם, הערץ, צו די געסט פון לעמ־בערג, כדי זיי זאָלן וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. פייטל מיט הערצן האָבן זיי דערציילט, אַז יצחק וואַקלט זיך נאָך, אָבער אויב מען וועט אים צורעדן צום גט, וועט ער מסכים זיין. די רבנים האָבן גענומען אויספרעגן ביי מענטשן, וואָס האָבן געקענט דעם מצב, און אויך גערעדט מיט די דאָק־טוירים, וואָס האָבן באַהאַנדלט יצחקן. אַלע האָבן געזאָגט, אַז מען מוז זיך צואיילן, ווייל ער שטייט גאָר שמאָל.

ר׳ יהושע פאַלק און ר׳ מנוח הענדעל זענען אַוועק צום קראַנקן. ווען דער פּופּצן־יאַריקער חולה מסוכן האָט זיי דערזען, האָט ער זיך צעוויינט און זיי האָבן אים גענומען טרייסטן. ער האָט זיי דערציילט, אַז זינט ער איז אָנגעקומען קיין ווין פילט ער זיך קראַנק. איצט איז שוין גאָר שלעכט און ער טראַכט, אַז אויב ער וועט געבן זיין ווייב דעם גט, וועלכן די משפחה פאַרלאַנגט, וועט אפשר זיין מזל בעסער ווערן...

— זיכער! זיכער! — האָבן די רבנים אים געענטפערט. דער גט איז

אַ סגולה צום געזונט ווערן. וואָס שנעלער, אַלץ בעסער און אַלץ קראַנ־טער. אָבער איין זאַך זאָל ער וויסן: דער גט קען נישט זיין קיין „גט על תנאי". עס מוז זיין אַ ריכטיקער, פעסטער גט, אָן באַדינגונגען. אַזוי איז דער דין. אַמאָליקע צייטן פלעגט מען געבן אַ „גט על תנאי" אָבער דאָס האָט שוין אויפגעהערט. דער גט, וועלכן אַ „שכיב־מרע" גיט זיין ווייב, איז אָן באַוואָרענישן. מען פאַרבינדט זיך אָבער דורך אַ חרם און מען וואַרפט זיך אונטער אַ געלט־קנס, אַז נאָכדעם ווי מען ווערט געזונט וועט מען נאָכאַמאָל חתונה האָבן.

— זאָל זיין אַזוי! — האָט יצחק געזאָגט צו די רבנים. ער האָט פון זיי פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן דורכפירן דעם גט, וועט ער זיין רויק און זיכער, אַז אַלץ איז כדת וכדין.

די לעמבערגער רבנים האָבן מקבל קנין געווען מיט ר' שמואל־פּיי־ווישן און מיט זיין פרוי. מען האָט גערופן צוויי עדות און ר' שמואל־פּייוויש האָט דערקלערט פאַר זיי, אַז אויב זיין ביז־איצטיקער איידעם יצחק, דער זון פון אברהם וואָלפש, וועט געזונט ווערן פון זיין קראַנקייט, דאַן וועט במשך דרייסיק טעג פון זיין געזונט־ווערן געפּראַוועט ווערן אַ נייע חתונה צווישן אים און בת־שבען. דער צד, וואָס וועט חרטה האָבן, וועט אַריינפאַלן אין אַ שווערן חרם און חוץ דעם באַצאָלן דעם אַנדערן צד אַ קנס פון צוויי טויזנט גילדן. דאַן האָט מען דאָס אויפגעשריבן און אַלע האָבן זיך געחתמעט.

דערנאָך האָט מען מסדר געווען דעם גט. אַ סך חשובע באַלעבאַטים פון וויך, פריינט פון דער משפּחה, זענען געווען אַנוועזנד ביים גט. נישט איין טרער איז דערביי פאַרגאָסן געוואָרן. אַזאַ אומגליק זאָל זיך טרעפן ביי ר' פּייווישן!

צומאָרגנס, אַנשטאָט עס זאָל יצחקן בעסער ווערן, ווי אַלע האָבן גע־האָפט, איז געוואָרן נאָך ערגער. אָט־אָט, האָט מען געמיינט, איז יציאת־נשמה.

מען האָט זיך אין לעצטן מאָמענט נאָך גענומען צו איין מיטל, כדי יצחקן צו העלפן. ווען מען האָט אַרויסגענומען דאָס ספר־תורה אין שיל צום לייענען, האָט מען אים געמאַכט אַ „מי שברך" און דערביי משנה־שם געווען. נישטאָ מער קיין „יצחק בן אברהם", וואָס האָט געדאַרפט

שטאַרבן. דער יונגערמאַן האָט איצט געהייסן „ישראל־יצחק בן אברהם״ און אויף אים איז דאָך נישט געווען קיין גזירה, אַז ער דאַרף שטאַרבן.

און ווונדער איבער ווונדער, ניסים איבער ניסים: ישראל־יצחק איז געזונט געוואָרן!...

פון מאָמענט, ווען עס איז געמאַכט געוואָרן דער „מי שברך״ אויף ישראל־יצחקן, האָט זיך עפּעס אַלץ געענדערט צום גוטן. לאַנגזאַם, אָבער זיכער, איז ער צוריק געקומען צו זיינע אַמאָליקע כוחות.

ווען ער איז שוין געווען פולשטענדיק געזונט, האָט ער אָנגעהויבן צו מאָנען, אַז מען זאָל, אין הסכם מיטן אונטערגעשריבענעם אָפּמאַך, אָפּשטעלן אַ זמן־חתונה. ער האָט געוואָלט צוריק האָבן זיין בת־שבען. ס׳איז אים, נאַטירלעך, נישט איינגעפאַלן, אַז ס׳קען זיין אַנדערש. אָבער דאָ האָט אים דערוואַרט אַ גרויסע אַנטוישונג.

.2

ר׳ שמואל־פייוויש האָט זיך נישט געאיילט מגביל צו זיין דעם זמן־החתונה.

עס זענען געווען כסדר תירוצים פאַר וואָס מען מוז וואַרטן. יצחק האָט לכתחילה געמיינט אַז די תירוצים זענען ריכטיקע און זיך פאַרהאַלטן רויק. אָבער איינמאָל האָט ביי אים שוין די געדולד געפּלאַצט. דאָס איז געווען, ווען די שוויגער זיינע, ר׳ שמואל־פייווישעס ווייב, האָט זיך געגרייט צו פאָרן אויף אַ לענגערן וויזיט צו איר משפחה קיין פּראָג. ר׳ שמואל־פייוויש האָט געוואָלט, אַז מען אָל וואַרטן מיטן אָפּשטעלן דעם זמן פון דער חתונה ביז זיין פרוי וועט צוריקקומען. דאָ האָט זיך שוין יצחק צעקאָכט: „וואָס וויל מען פון אים האָבן?״ — האָט ער געפרעגט אַן אויפגערעגטער. ניין: ער פאַרלאַנגט דורכויס מ׳זאָל באַלד אָנזאָגן, ווען די חתונה וועט זיין!

ער האָט דערביי אַרויסגענומען דאָס כתב, וואָס איז געוואָרן אונטערגעשריבן פאַרן גט. די שוואָגערס האָבן גענומען אין זיין קעגנוואַרט לייענען דאָס כתב און אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

— אויב דו ווילסט פאָדערן עפּעס פון אונדז לויטן דאָזיקן כתב, —

האָבן זיי צו אים געזאָגט, — דאַן וועסטו מוזן אונדז נאָך צוצאָלן און דער גט איז אַ גט!

יצחק איז געוואָרן צעמישט. ער האָט דורכגעלייענט דאָס כתב און עס איז אים געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן. אין כתב איז געשטאַנען נישט מער, ווי אַז דער צד, וואָס וועט זיך אָפּזאָגן חתונה צו האָבן דאַרף באַצאָלן צוויי טויזנט גילדן שטראָף. ס׳איז נישט געווען דערמאָנט, אַז ער פאַלט אַריין אין אַ חרם. ס׳האָט זיך אויך נישט געזאָגט, אַז די אַלטע כתובה, וואָס יצחק האָט פאַרשריבן זיין ווייב ביי זיין חתונה, איז גע־וואָרן בטל. אַזוי ווי דער גט איז געווען אָן באַדינגונגען, איז ממילא גע־פאַלן אויף אים דער חוב צו באַצאָלן די כתובה. צוזאַמען מיט דעם צו־גאָב („תוספות כתובה״) האָט דאָס אויסגעמאַכט פיר טויזנט און זעקס הונדערט גילדן.

אַזוי־אַרום וואָלט ער אַפילו נאָך די צוויי טויזנט גילדן שטראָף געדאַרפט צוצאָלן בת־שבען צוויי טויזנט און זעקס הונדערט גילדן. די שוואָגערס זענען געווען גערעכט. און דעם גט האָט ער נישט געקענט צוריקציִען.

אין זיין פאַרצווייפלונג האָט יצחק געבעטן מ׳זאָל אים דאָך זאָגן, וואָס ער האָט צו טאָן, כדי צוריקצובאַקומען זיין ווייב. ער האָט דאָך גאָר נישט געזינדיקט.

אויף דעם האָט מען אים געגעבן די תשובה: מ׳וועט איצט שרייבן נייע תנאים און אָפּשטעלן דעם זמן־חתונה. אָבער ער מוז פאַרשרייבן זיין ווייב אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, אַפילו דאָס הויז אין לעמבערג, וואָס ער האָט באַקומען אַלס נדן. יצחק האָט אויף אַלץ מסכים געווען.

מען האָט געשריבן די תנאים און אַ חוץ דעם פּונקט וועגן הויז אויך קלאָר אַריינגעשטעלט דאָס, וואָס איז פון פריִערדיקן כתב געווען נאָר מעגלעך אַרויסצודרינגען: אַז אויב יצחק זאָל זיך צוריקציִען פון שידוך, דאַן מוז ער באַצאָלן נישט נאָר די שטראָף פון צוויי טויזנט גילדן, נאָר אויך די אַלטע כתובה מיטן צוגאָב, צוזאַמען אַ קיימא־לן פון 6,600 גילדן. אויב בת־שבע זאָל חרטה האָבן, דאַן איז איר שטראָף בלויז 2,000 גילדן. יצחק האָט געלייגט אויף דעם זיין אייגענע חתימה.

די שוויגער איז אַוועקגעפאָרן קיין פּראָג און יצחקן האָט מען גע־

שיקט קיין לעמבערג ער זאָל פאַרקויפן דאָס הויז און ברענגען דאָס געלט קיין ווין. זיין שוואָגער הערץ איז מיט אים מיטגעפאָרן אַלס באַפולמעכטיקטער פון בת־שבען.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען דער יונגער — דעמאָלט שוין זעכציאַריקער — חתן איז אָנגעקומען קיין לעמבערג, האָט זיין משפחה אויפגעהויבן אַ געוואַלד. מען האָט אים געבונטעוועט און אויפגעוויזן, אַז מ׳האָט אים אין ווין שרעקלעך באַשווינדלט. ס׳איז געקומען צו אַ שאַרפן קאָנפליקט צווישן יצחקן און הערצן. און דעמאָלט האָט הערץ דערקלערט: זאָל ער זיך האַלטן דאָס הויז, אָבער ער מוז באַצאָלן די אַלטע כתובה, פון וועלכער ער מעג אָפּרעכענען די 2,000 גילדן שטראָף.

אויף דעם האָט יצחק געענטפערט:

— אויב אַזוי, טאָ מאָן איך צוריק מיין געלט, וואָס איך האָב אַריינגעלייגט אין שווערס געשעפטן נאָך דער חתונה.

הערץ האָט אויך אויף דעם געהאַט אַ גרייטע תשובה:

— די געשעפטן זענען שלעכט אַוועק און דאָס געלט איז פאַרלוירן!

— אַ חשבון איז אויך געווען צוגעגרייט.

וואָס איז יצחקן פאַרבליבן צו טאָן? ער האָט פאַרלאָרן דאָס ווייב, דעם נדן, דאָס פאַרמעגן און געבליבן ביי גאָר נישט. ער האָט באַשלאָסן צו ראַטעווען וואָס עס וועט זיך נאָך לאָזן און גערופן הערצן צו אַ דין־תורה. פאַרשטייט זיך, אַז זיין פעטער, דער לעמבערגער רב ר׳ מאיר, איז נישט געזעסן ביי דער דין־תורה. די דיינים האָבן פאַרלייגט וועלטן, כדי דעם אומגליקלעכן יונגנמאַן צו העלפן. אָבער וואָס האָבן זיי געקענט טאָן בשעת הערץ האָט געוויזן זיינע דאָקומענטן? אַלץ איז געווען דורכגעפירט כדת וכדין: דער גט און די נייע תנאים. יצחקס חתימה איז געווען אויפן לעצטן כתב און עס איז ממש נישט געווען מעגלעך צו זאָגן אַ וואָרט, כדי מבטל צו זיין דעם אָפּמאַך.

ביי די דיינים איז אַפילו דורכגעלאָפן דורכן געדאַנק, אַז מען זאָל אפשר פרווון שטעלן אין ספק דעם גאַנצן גט. אָבער ווי קען מען וואָגן דאָס צו טאָן אויב די מסדרי־הגט זענען געווען צוויי פון די גרעסטע גאונים און צדיקים? איינער האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט. ר׳ מנוח הענדעל, דער מחבר פון ספר „מנוח הלבבות״, איז נפטר געוואָרן אַ קור־

צו צייט נאָך דעם, ווי ער איז צוריקגעקומען פון ווין. דער צווייטער, ר׳ יהושע־פאַלק כהן, דער מחבר פון „מאירת עינים״ און פון „דרישה ופרישה״, איז געווען אַזוי באַליבט און אָנגעזעען אין לעמבערג, אַז ווייַ וואָלט געווען צו יענעם, וואָס וואָלט געהאַט די העזה צו זיין מפקפק אין ר׳ יהושע־פאַלקס פסקים!

צוליב דעם האָבן די דיינים פאַרמיטלט אַ פשרה. מ׳האָט געגעבן הערצן צו פאַרשטיין, אַז סוף־סוף איז דער יונגערמאַן אַלט זעכצן יאָר און מ׳קען ביי אים נישט צונעמען, חוצן ווייב, אויך זיין גאַנץ געלט... נאָך שווערער מי איז געלונגען צו פועלן ביי הערצן, ער זאָל געבן יצחקן פאַר אַלע זיינע תביעות אַ סכום בערך טויזנט גילדן און מיט דעם זאָל זיך די גאַנצע זאַך פאַרענדיקן.

די לעמבערגער דיינים האָבן דאַן דעם 11טן אָב שע״א (1611) אַרויסגעגעבן אַזאַ בריוו צו הערצן:

„פאַר אונדז, דיינים פון דער שטאָט לעמבערג, האָט זיך געשטעלט ר׳ ישראל־יצחק און אָנערקענט מיט אַ פולשטענדיקער אָנערקענונג, פון זיין גוטן ווילן און מיט זיין גאַנצן האַרץ, אַז דער גט, וועלכן ער האָט געגעבן זיין ווייב בת־שבע אין ווין, איז געמאַכט געוואָרן כדת משה וישראל, ווי אַלע כשרע גיטין, וואָס ווערן געגעבן ביי ייִדן, אָן וועלכן באַדינג אין דער וועלט, מיט זיין גוטן ווילן און אַ מיושבדיקער דעה.

„אויך האָט ער פאַר אונדז געשווירן, אַז ער וועט נישט מערער זיין אויף דעם גט, נישט ער און נישט זיין שליח, פון היינט אָן, און ער וועט אויך נישט, חס־ושלום, רעדן קיין שלעכטס אויף אים (אויף דעם גט).

„אויך אַנטזאָגט ער זיך און איז מוחל אַלע שטראָפן און דעם חרם פון די קהילות, ביי וועלכן זיי האָבן זיך פאַרבונדן, אַז מען זאָל פריש חתונה האָבן.

„אויף דעם האָט ער געשווירן און זיך אונטערגעוואָרפן די האַרבסטע שטראָפן, אויב ער וועט נישט אויספאָלגן פאַר אונדז, די געחתמעטע דיינים״.

הערץ האָט, פאַרשטייט זיך, מיט שמחה באַצאָלט די טויזנט גילדן און איז תיכף אַוועקגעפאָרן קיין ווין צום שווער. אַ קורצע צייט דערנאָך האָט מען בת־שבען פאַרקנסט צו אַן אַנדערן און זיך געגרייט צו דער חתונה.

ביי ר׳ אברהם וואָלפש אין שטוב האָט זיך די שטימונג געביטן. אין ערשטן אויגנבליק איז מען נאָך דער פשרה ביים בית־דין געווען צופרידן, אַז מ׳האָט כאָטש טויזנט גילדן געראַטעוועט פון דער שריפה. אָבער באַלד האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער ווינער גביר איז צו ביליק אַרויס פונעם עסק. ווען מ׳האָט געהערט, אַז בת־שבע איז אַ כלה געוואָרן, איז דער כעס און די אויפרעגונג געוואָרן גאָר שטאַרק.

אין שטאָט האָבן זיך געטראָפן גוטע פריינט, וואָס האָבן געזאָגט, אַז ר׳ מנוח הענדעלס טויט איז געווען אַ סימן, אַז דער גט איז נישט געווען אין גאַנצן אין אָרדענונג. הגם דער פאַרשטאָרבענער גאון און צדיק האָט זיכער זיך נישט פאַרזינדיקט מיט זיין אייגענער דעה — אַזוי האָט מען גערעדט אין שטאָט, — אָבער ער האָט זיך געלאָזט באַנוצן דורך דעם ווינער ייִד צו אַ מיאוסן אָפּנאַרן פון אַ יונגנמאַן, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק. מען האָט אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז ר׳ שמואל־פייוויש, וועלנדיק פטור ווערן פון איידעם, האָט ער אים געלאָזט פאַרסמען. די גאַנצע קראַנקייט איז געווען אַן אָנגעשטעלטע, כדי אַזוי־אַרום אַרויסצו־באַקומען אַ גט. דער סם איז נישט געווען קיין געפערלעכער און יצחק האָט נאָר געדאַרפט קראַנק ווערן אויף אַ ווייל. ר׳ מנוח הענדעל האָט זיך נישט געכאַפּט אויף דעם שווינדל און דערפאַר באַצאָלט מיט זיין אייגענעם לעבן...

אָבער וואָס איז מיטן צווייטן מסדר־הגט? ר׳ יהושע־פאַלק כהן האָט געלעבט און, נאַטירלעך, אָפּגעלייקנט די אַלע שמועות. ער האָט פאַרזי־כערט, אַז ער האָט אַליין גערעדט מיט די גרויסע ווינער דאָקטוירים, וואָס האָבן באַהאַנדלט יצחקן, און פון זיי געהערט, אַז יעדע מינוט קען ער שטאַרבן. דעריבער האָט ער, ר׳ יהושע־פאַלק, צוגערעדט יצחקן ער זאָל געבן דעם גט, ווייל אַנדערש וואָלטן שפּעטער געווען צרות מיט אַ חליצה. אויב יצחק איז געזונט געוואָרן, דאַן דאַרף ער דאַנקען השם־

יתברך פֿאַר זײַן חסד און נישט לאָזן מוציא שם רע־זײַן אויף ר׳ מנוח העגדלען.

די גוטע פֿרײַנט פֿון דער וואָלפֿש־משפּחה האָבן זיך פֿון דעסטוועגן געהאַלטן בײַ זייער טענה, אַז דער אַמאַליקער ווינער מחותן האָט מיאוס אָפּגענאַרט, והראיה: מען האָט דאָך יצחקן צוגעזאָגט, אַז נאָך דעם ווי ער וועט געזונט ווערן, וועט דער גט נישט בלײַבן קיין גט נאָר מען וועט נאָכאַמאָל חתונה האָבן. ממילא דאַרף אַזוי ווײַטער זײַן. הגם יצחק האָט אונטערגעשריבן דאָס ערשטע כתב און הגם ער האָט בײַם בית־דין אָנגענומען דעם פּשר, דאַרף מען דעם גט מבטל־זײַן. מ׳קען נישט צולאָזן — האָט מען געטענהט אין שטאָט — אַז מיט שווינדל זאָל מען אַרויסבאַקומען אַ גט!

בײַ אַ שטאַרק צערײַצטער שטימונג אין לעמבערג זענען סײַ דער רב ר׳ מאיר בן גדליה, סײַ דער ראש־ישיבה ר׳ יהושע־פֿאַלק כהן אַרויסגעפֿאָרן קיין יאַראָסלאַוו, ווו אין חודש אלול פֿלעגט אָפּהאַלטן זײַנע סעסיעס דער „ועד אַרבע אַרצות“. מען האָט זיך געקענט אָנשטויסן, אַז אין יאַראָסלאַוו וועט מען נאָך דן־זײַן איבערן „ווינער גט“.

.3

ווען דער „ועד אַרבע אַרצות“ איז זיך צונויפֿגעקומען, אלול שע״א (1611), אין יאַראָסלאַוו, איז די פֿראַגע פֿון „ווינער גט“ באַלד אַרויף אויפֿן סדר־היום. חוץ דעם לעמבערגער רב ר׳ מאיר בן גדליה, וועלכער האָט געזוכט צו איבערצייגן די פֿאַרזאַמלטע רבנים פֿון דער פֿאַרגעקומענער עוולה, האָט ר׳ יהושע־פֿאַלק כהן, דער מסדר פֿון גט, אויך גענוג געאַרבעט; ער האָט, נאַטירלעך, פֿאַרזיכערט, אַז אַלץ איז געווען כדת וכדין. בײַדע לעמבערגער גדולים זענען געווען זייער אָנגעזעען און עס האָט זיך באַלד געשאַפֿן אַן אויפֿגערעגטע שטימונג, ווײַל יעדער האָט געפֿונען זײַנע אָנהענגער.

צו דער אויפֿרעגונג האָט אַ סך בײַגעטראָגן די שמועה, וואָס די מקורבים פֿון לעמבערגער רב האָבן פֿאַרשפּרייט, אַז יצחקן האָט מען אין ווין פֿאַרסמט. מען האָט מיט דעם געוואָלט שטעמפּלען ר׳ שמואל־פֿײַווישן

פאַר אַ פשוטן פאַרברעכער. ממילא וואָלט אויך אויסגעקומען, אַז ר׳ יהושע־פאַלק האָט זיך באַטייליקט אין אַזאַ שרעקלעכן טאַט.

עס זענען זיך געהאַט צונויפגעפאָרן קיין יאַראָסלאַוו אייניקע פון די וויכטיקסטע רבנים פון די פיר לענדער (גרויס־פוילן, קליין־פוילן, רוס־לאַנד און וואָלין). ר׳ יהושע־פאַלק האָט אַזוי הויך געשריגן, אַז די שמו־עות וועגן פאַרסמען זענען שקר, אַז ער איז אַזש הייזעריק געוואָרן. ער האָט אַפעלירט, אַז מען זאָל זיך אָננעמען אויך פאַרן כבוד פון פאַר־שטאָרבענעם חבר זיינעם, ר׳ העשדלען, אויף וועמען עס איז געפאַלן פונקט אַזאַ חשד, ווי אויף אים, ר׳ יהושע־פאַלקן.

ערשט מיט פיר יאָר צוריק, אין יאָר תס״ז, האָט ר׳ יהושע־פאַלק געהאַט דורכגעפירט אין „ועד אַרבע אַרצות״ אַ גאַנצע ריי פון גאָר וויכ־טיקע תקנות; זיין אויטאָריטעט איז דעריבער געווען זייער גרויס. און ער האָט דורך עדות אויפגעוויזן, אַז די קרובים פון דער וואָלפש־משפחה האָבן ערשט אין לעמבערג אַרויסגעלאָזט די פאַלשע שמועה וועגן כלור־מרשטן פאַרסמען פון יצחקן אין ווין. פונקט אַזוי פאַלש איז דאָס, וואָס ווערט באַהויפטעט, אַז די דאָקטוירים זענען געוואָרן אונטערגעשטעלט, כדי צו דערקלערן יצחקן, אַז ער גייט שטאַרבן. ר׳ יהושע־פאַלק האָט בנוגע דעם פרט נישט געדאַרפט קיין עדות; ער אַליין האָט דאָך גע־רעדט מיט די דאָקטוירים און ווער האָט געקענט זיין אַ מער באַגלויביק־טער עדות, ווי דער מחבר פון סמ״ע?

מ׳האָט, אַגב, נישט געדאַרפט האָבן קיין עדות בכלל, כדי אָנצונע־מען מיט דער גאַנצער זיכערקייט, אַז דער גט איז געוואָרן דורכגעפירט אָן וועלכע ערמות אָדער תחבולות. יצחק, דער מגרש, האָט דאָך אַליין אונטערגעשריבן אַ כתב ביים לעמבערגער בית־דין, אַז ער אָנערקענט די וויכטיקייט פון גט. די שלוחים פון זיין אַמאָליקער ווייבס משפחה, וועלכע זענען אויך געווען אין יאַראָסלאַוו, האָבן פאַרן „ועד אַרבע אַרצות״ פאַר־געשטעלט די אָריגינעלע דאָקומענטן. עס האָט ממש נישט געקענט זיין קיין שום ספק, אָבער דאָך...

די פאַרטרעטער פון אברהם וואָלפש האָבן אָנגעהויבן צו זוכן זייער רעכט דורך אַ נייע טענה: די יונגע עלטער פון יצחקן זאָל זיין אַ סיבה,

אַז מען זאָל דעם גאַנצן גט — אַפילו אויב ער איז דורכגעפירט אין גרעסטער אָרדענונג — דערקלערן אַלס אַ פּשוטן שווינדל.

דער פעטער פון יצחקן, דער לעמבערגער רב ר׳ מאיר, האָט צווישן די פאַרזאַמלטע רבנים אויפגעוואָרפן די שאלה, צי דער גט האָט נישט געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ „גט על תנאי״, הגם מען האָט אים מסדר געווען אָן אַ באַדינגונג. אַזוי ווי מען האָט דערקלערט דעם מגרש, אַז אין פאַל פון זיין געזונט־ווערן וועט מען צוריק חתונה האָבן, קען זיין, אַז ער האָט נאָר אונטער דער באַדינגונג געגעבן דעם גט. אַנדערש וואָלט ער דאָך נישט מסכים געווען אויף אַ גט.

באַלד איז געוואָרן דעבאַטירט די פראַגע: אפשר איז גאָר יעדער „גט שכיב־מרע״ אַ גט „על תנאי״, הגם מען איז אים מסדר אָן אַ תנאי? מיט אַנדערע ווערטער: נאָר אין פאַל פון טויט פון מגרש איז דער גט גילטיק, אָן באַדינגונגען, כדי די אלמנה זאָל זיין פריי פון חליצה, אָבער אויב ער ווערט געזונט — איז דער גט בטל און זיי זענען ווייטער מאַן און פרוי!

עס איז נישט געווען לייכט צו פסקענען אין יאַראָסלאַוו אַזאַ שווערע שאלה. די רבנים זענען, אמת, געווען גדולי־ישראל פון גרעסטן קאַליבער און האָבן ציטירט די גמרות פון אויסנווייניק, אָבער סוף־סוף האָט מען געדאַרפט אַריינקוקן אין אַ ספר אויך, און אין יאַראָסלאַוו זענען דעמאָלט בכלל נישט געווען בנמצא קיין ספרים. איינער פון די רבנים, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער סעסיע פון „ועד אַרבע אַרצות״, דער פאָדהייצער רב, ר׳ בנימין־אהרן סאָלניק, האָט געשריבן וועגן דעם: „ואף גם זאת כי אין ספר בידי לבקש ולעיין בו, עם כל זה הוכרחתי לחוות דעתי...״. דער גאַנצער וויכוח איז אָנגעגאַנגען אָן איין איינציקע גמרא, און פונדעסטוועגן האָט זיך קיינער נישט געקענט פטרן; ער האָט געמוזט זאָגן אָדער יאָ, אָדער ניין, אַזוי היציק זענען געוואָרן די געמיטער.

אין דער שטאָט יאַראָסלאַוו (וואָס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט צו אַ חשובער קהילה) איז צו יענער צייט אַפילו קיין ספר־תורה נישט געווען. ווען עס זענען פאָרגעקומען די זיצונגען פון „ועד אַרבע אַרצות״, פלעגט מען ברענגען אַ ספר־תורה פון פשעמישל. ר׳ מאיר בן גדליה, דער מהר״ם, דערציילט וועגן דעם אין זיינע תשובות (סימן פ״ד). מיט דריי

יאָר צוריק, אין יאָר שס״ח, האָט זיך געטראָפן, אַז אין ספר־תורה, וואָס מען האָט געבראַכט פון פשעמישל, האָט מען אַנטדעקט, אַז עס פעלט אַ גאַנץ וואָרט. אַזוי ווי דאָס איז געשען שבת ביים דאַווענען, נאָכדעם ווי מען האָט שוין געלייענט דעם „שביעי״ (אָבער עס איז נאָך נישט געווען ביים סוף פון דער סדרה), האָט דער לעמבערגער רב געפסקנט, אַז מען זאָל פאַרענדיקן די קריאה און דער יִיד, וואָס איז געוואָרן אויפגערופן, זאָל מאַכן די צווייטע ברכה. אייניקע פון די רבנים האָבן זיך געבעטן אויך בנוגע דער פראַגע פון „ווינער גט״, אַז מען זאָל זיי לאָזן צו רו און זיי וועלן אַרויסזאָגן זייער מיינונג נאָכן צוריקקומען אַהיים און נאָכן נאָכ־לערנען דעם דין.

אָבער דער צד פון בת־שבען האָט נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט גע־שריגן, אַז מען וויל זי מאַכן פאַר אַן „עגונה״. דעריבער האָבן די רבנים געמוזט זאָגן אַ קלאָר וואָרט.

געווונען האָט ר׳ יהושע־פאַלק כהן. זיין צד־שכנגד, ר׳ מאיר בן גדליה, איז נאָך נישט געווען געהעריק צוגעגרייט צום ענין.

דעם פסק האָט מחבר געווען דער שוין דערמאָנטער פּאַדהייצער רב, ר׳ בנימין־אַהרן סאַלניק, דער מחבר פון ספר „משאת בנימין״. ער האָט געשריבן אָט וואָס:

„מיר האָבן געהערט אַ קול ענות און אַ קול חלושה (דאָס איז געווען אַ רמז פון שמות, פרשת תשא, ווען יהושע האָט געזאָגט צו משהן: „אין קול ענות גבורה ואין קול ענות חלושה קול ענות אנכי שומע״) אויפן יריד יאַראָסלאַוו שע״א וועגן גט שכיב־מרע, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין ווין דורך יצחק בן ר׳ אברהם צו זיין ווייב בת־שבע, די טאָכטער פון ר׳ פייווישן.

„עס האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט אַלע עדות, כדי אויסצו־פאָרשן און אויסצוגעפינען, צי איז דאָ אַ ממש אין דעם גרויסן שטורעם, אָדער נישט.

„נאָך דער אויספאָרשונג איז קלאָר געוואָרן, אַז איין מענטש אָדער אייניקע מענטשן האָבן אַרויסגעלאָזט די שמועה, אַז די קרובים פון דער פרוי בת־שבע האָבן מיט היטערליסטיקייט פאַר־

אורזאַכט די קראַנקייט פון ר׳ יצחקן, ווייל זיי האָבן אים געלאָזט טרינקען אַ סם, און זיי האָבן אויך אָנגעשטעלט די דאָקטוירים, אַז זיי זאָלן אים זאָגן, אַז ער איז געפערלעך קראַנק. און דורכדעם האָבן זיי געקענט אים איבעררײדן, אַז ער זאָל גטן זײַן פרוי מיט אַ „גט שכיב־מרע״; קומט אויס, אַז דער גט איז געווען בטעות, ווייל ווען דער מגרש וואָלט געוווּסט, אַז ער איז נישט געפערלעך קראַנק, וואָלט ער נישט געווען געגעבן דעם גט.

„אויך האָט מען אַרויסגעלאָזט אַ קול, אַז די קרובים פון דער דערמאָנטער פרוי האָבן געזאָגט צום מגרש, אַז אַפילו ווען ער וועט זאָגן צום מסדר פון גט, אַז ער גיט דעם גט אָן אַ תנאי, איז אָבער דער דין, אַז אויב ער וועט געזונט ווערן איז דער גט בטל, נאָר עס איז אַזאַ תקנה פון די חכמים צו זאָגן, אַז דער גט איז אָן אַ תנאי.

„אויך האָט מען אים פאַרזיכערט, אַז ווען ער וועט געזונט־ווערן, וועט מען נאָכאַמאָל חתונה־האָבן, און אויפן סמך פון די צוויי פאַרזיכערונגען, אין וועלכע ער האָט געגלויבט, האָט ער גע־געבן דעם גט.

„דעריבער איז געקומען אַ טייל פון די קרובים פון דער פרוי צו די טירן פון די רבנים, וואָס געפינען זיך דאָ (אין יאַראָסלאַוו), אַז זיי זאָלן נאָכקוקן וועגן באַפרייען די דאָזיקע פרוי, צי זי מעג חתונה האָבן, ווייל זיי באַהויפּטן, אַז דאָס איז אַלץ שקר און די שונאים האָבן אַרויסגעלאָזט די שמועה, כדי צו מאַכן די פרוי פאַר אַן עגונה און כדי זי זאָל ברויכן נאָך אַ גט.

„צוליב דעם חשש פון אַן עגונה, האָבן מיר זיך צוגעהערט צו זייער פאַרלאַנג און זיך מתווכח געווען וועגן דער דאָזיקער עגונה.

„און מיר גלויבן, אַז עס איז נישטאָ קיין ממש אין די שמו־עות און דער גט איז כשר... ווייל דער גרויסער און אויסגעצייכנ־טער רב, ר׳ פאַלק כהן, לאַנג לעבן זאָל ער, איז דאָך געווען דער מסדר פון גט, און ער איז באַקאַנט מיט זײַן חכמה און ערלעכקייט, און ער שטייט פאַר אונדז און שרייט הויך, אַז מיט אים צוזאַמען איז געווען דער גאון ר׳ הענדעל זכרונו לברכה, און זיי האָבן נישט

געהערט און נישט מרגיש געווען קיין שום הינטערליסטיקייט, נאָר עס איז געווען אַ ריכטיקער גט שכיב־מרע.

„אויך האָט דער מגרש אַליין מודה געווען פאַרן לעמבערגער בית־דין, אַז דער גט איז געגעבן געוואָרן אין פולסטער אָרדענונג.

„און דעריבער דאַרף מען זיך גאָר נישט רעכענען מיט די ליג־נער און עס איז אַ מצוה מבטל צו זיין זייער שלעכטע מחשבה, כדי זיי זאָלן נישט קענען בחנם מאַכן אַ יידישע טאָכטער פאַר אַן עגונה״.

צום פסק זענען נאָך צוגעגעבן געוואָרן אייניקע קורצע באַמערקונ־גען וועגן דער טעאָרעטישער פראַגע, צי ביי אַ גט דאַרף מען זיך רעכענען מיט אַ „גילוי דעת״ און צי עס האָט וועלכע באַדייטונג די מחשבה פון מגרש ביים געבן דעם גט. צום סוף קומט דער אויספיר, אַז „די פרוי (בת־שבע) מעג חתונה־האָבן און ווער עס וועט אויסריידן אויפן גט, איז עובר אויף אַ חרם, דאַקעגן ווער עס וועט העלפן די דאָזיקע פרוי, דעם וועט מען העלפן פון הימל *).

אָבער דער שאַרפער פסק פון „ועד אַרבע אַרצות״ האָט די זאַך נאָך ווייט נישט דערליידיקט. דער מהר״ם איז אַהיים געפאָרן און ביי זיך באַ־שלאָסן, אַז אין לעמבערג וועט ער נעמען גרינטלעך אויסאַרבעטן אַ קעגן־פסק, וועלכער וועט באַווייזן, אַז דער „ווינער גט״ איז גאָר נישט ווערט. און ער האָט געהאַלטן וואָרט.

### 4.

ר׳ מאיר בן גדליה, דער לעמבערגער רב, איז אַהיים געקומען אַ צע־קאָכטער. דער פסק פון „ועד אַרבע אַרצות״, וועלכער האָט באַשטעטיקט די גילטיקייט פון „ווינער גט״, האָט אים שרעקלעך אויפגערעגט. מען האָט דאָך גאָר נישט גענומען אין באַטראַכט זיינע אַרגומענטן און בנוגע אַלע פרטים האָט גובר געווען די מיינונג פון ר׳ יהושע־פאַלק כהן.

---

*) דער חרם קעגן מענטשן, וואָס רעדן אויס אויף אַ גט, ד. ה. וואָס קוועסטיאָ־נירן זיין גילטיקייט, איז געוואָרן געוואָרפן דורך רבנו תם, בערך אין יאָר 1160.

דער מהר״ם האָט דעריבער, דורך אָנווענדן אַלע זיינע געוואַלטיקע גייסטיקע כוחות, אָנגעהויבן צו אַרבעטן איבער אַ תשובה, וואָס האָט געזאָלט באַשיצן די אינטערעסן פון אָפּגענאַרטן יצחק, דעם זון פון זיין שוואָגער ר׳ אברהם וואָלפש. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס איז געבוירן געוואָרן אַ מייסטער־ווערק, אַ חריפותדיקער בנין, וואָס האָט דערשטוינט די לומדים. דער גאון האָט זיך באַוויזן אין זיין גאַנצער פּראַכט און ער איז געשוווּמען אין די טיפע וואַסערן פון ים־התלמוד מיט אַ געניטקייט, וואָס האָט ממש נישט געהאַט אירס גלייכן.

ר׳ מאיר האָט זיך לגמרי נישט פאַרנומען מיט דער טענה, אַז מען האָט יצחקן אין ווין פאַרסמט. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס קעגנגעוויכט פון ר׳ יהושע־פאַלקס עדות־זאָגן, אַז די דאָקטוירים האָבן געפונען די קראַנקייט פאַר מסוכנדיק, וועט זיין שטאַרקער. אָבער צוליב וואָס דאַרף מען די גאַנצע טענה, אויב דער גאון האָט זיך געפּילט בכוח צו באַווייזן, אַז דער גט, הגם ער איז געגעבן געוואָרן אָן באַדינגונגען, האָט דאָך על פּי דין דעם כאַראַקטער פון אַ „גט על תנאי״?

ער האָט אָנגעהויבן זיין תשובה פון אַ גמרה אין בבא מציעא דף ס״ה, אין וועלכער עס שטייט, אין פלוג, פונקט פאַרקערט: „אַ שכיב־מרע האָט געשריבן זיין ווייב אַ גט און האָט דאָן זיך געחלשט און געקרעכצט. זאָגט צו אים דאָס ווייב: וואָס קרעכצסטו? אויב דו וועסט בלייבן לעבן, בין איך דאָך דיינע. האָט געזאָגט רב זביד: דאָס זענען בלויז גערעדעכצער״ (ווייל די ווערטער האָבן נישט דעם כאַראַקטער פון אַ תנאי און שפּעטער קען דאָס ווייב חתונה־האָבן מיט אַן אַנדערן ווען ער ווערט געזונט).

ווי קען מען פון דעם דרינגען, אַז אַ „גט שכיב־מרע״ איז אַ „גט על תנאי״ אַפילו אויב ער ווערט געגעבן סתם? די גמרא זאָגט דאָך פונקט פאַרקערט!

זאָגט אויף דעם מהר״ם: מען דאַרף אויך זען וואָס תוספות זאָגט. און תוספות (אויפן אָרט, דיבור־המתחיל „פטומי״) באַהויפּטעט, אַז נאָר דעמאָלט זענען די ווערטער „בלויזע גערעדעכצער״ (פּטומי מילי בעלמא), ווען דער מאַן האָט באַשלאָסן ביי זיך און דערקלערט מיט זיין מויל, אַז ער וויל גטן אָן אַ תנאי. די דאָזיקע ווערטער פון תוספות מיינען, אַז דער מאַן מוז בפירוש דערקלערן: „דער גט איז גילטיק אַפילו ווען איך וועל

געזונט ווערן״. אין דעם פאַל איז די טרייסט פון דער פרוי, אַז „אויב דו בלייבסט לעבן — בין איך דיינע״, גאָר נישט ווערט, און זי קען חתונה האָבן מיט וועמען זי וויל, אויב ער בלייבט לעבן. אָבער אויב ער האָט דעם גט געגעבן ס ת ם , דאַן זענען שוין די ווערטער פון דער פרוי נישט קיין „פטומי מילי בעלמא״, נאָר זיי זענען ווי אַ תנאי!

וואָס טוט מען מיטן באַקאַנטן פאַרלאַנג, אַז אַ באַדינגונג ביי אַ גט דאַרף האָבן די פאָרעם פון אַ „תנאי כפול״? די גמרא זאָגט (גיטין, דף ע״ה), אַז שמואל האָט מתקן געווען, אַז אַ קראַנקער דאַרף זאָגן: „אם לא מתי לא יהא גט ואם מתי יהא גט״ („אויב איך וועל נישט שטאַרבן, זאָל דאָס נישט זיין קיין גט, אויב אָבער איך וועל יאָ שטאַרבן — דאַן איז עס אַ גט״). אין ווין איז דאָך זיכער אַזאַ תנאי נישט געווען, טאָ ווי קען מען אַננעמען, אַז עס איז געווען אַ „גט על תנאי״?

גיט זיך מהר״ם אַן עצה: ערשטנס, דעם באַגריף פון אַ „תנאי כפול״ האָט ממציא געווען ר׳ מאיר (וואָס האָט דאָס אַנגעלענט אין דעם תנאי פון די בני גד ובני ראובן אין דער תורה, וועלכער איז געווען אַ דאָפּלטער), און לויטן ר״ן און רי״ף בלייבט נישט די הלכה ווי ר׳ מאיר. צווייטנס, די תקנה פון שמואלן איז נאָר געווען, כדי עס זאָל נישט פּאַסירן, אַז אַ בית־דין זאָל פּסקענען ווי ר׳ מאיר, אין פאַל, ווען דער גט זאָל געגעבן ווערן מיט אַן איינפאַכן (און נישט קיין דאָפּלטן) תנאי. אָבער אין אמתן, דאַרף מען קיינמאָל נישט האָבן קיין „תנאי כפול״.

מיטן אַן אומגעהייערער חריפות דרינגט מהר״ם פון דער גמרא גופא אין בבא מציעא, אַז מען דאַרף נישט קיין „תנאי כפול״ ביי אַ גט פון אַ „שכיב מרע״. ער אַרגומענטירט אַזוי: די גמרא זאָגט דאָרט, אַז די ווער־טער פון דער פרוי (אַז זי בלייבט זיינע, דעם מאַנס, אויב ער וועט געזונט ווערן) זענען „בלויזע גערעדעכצער״. פאַרוואָס? ווייל זי האָט נישט גע־מיינט ערנסט, נאָר אַזוי, כדי אים צו טרייסטן. אָבער אויב זי האָט גע־זאָגט מיט אַ פולן ערנסט — איז דאָ יאָ אַ תנאי. איז דאָך געדרונגען, אַז עס איז גענוג, אַז זי זאָל דאָס זאָגן ערנסט; קיין פאָרמעלן „תנאי כפול״ דאַרף מען נישט.

אין ווייטערדיקן פאַרלויף פון דער תשובה קאָנסטרויִרט מהר״ם דעם ווינער גט אויף אַזאַ אופן, אַז צוליב די דערקלערונגען פון דער משפחה,

פון דער פּרוי גופא און פון מסדר פון גט (ר׳ יהושע פאלק) צו יצחקן, איידער דער גט איז געגעבן געוואָרן, אַז אַלץ ווערט געמאַכט נאָר צוליבן ווילן צו פּטרן בת־שבען פון אַ חליצה — איז יצחקס דעה געווען, אַז ער גיט דעם גט „על תנאי״, אויב ער וועט שטאַרבן. הגם ער האָט דאָס נישט געזאָגט בפירוש, אָבער ז יי ע ר ע ווערטער דערזעצן זיין דערקלערונג. ממילא איז דער גט בטל, ווייל יצחק איז געזונט געוואָרן און דער תנאי (אַז ער וועט שטאַרבן) איז נישט דערפילט געוואָרן.

ר׳ יהושע פאלק האָט, וואָס אַן אמת, געזאָגט צום קראַנקן מגרש, אַז נאָר אַמאָליקע צייטן פלעגט מען געבן ביי אַ „שכיב מרע״ אַ גט „על תנאי״, און איצט איז דאָס אַנדערש, מען גיט אַ גט אָן באַדינגונגען און מען באַוואָרנט זיך דורך אַ חרם און אַ געלט־שטראָף, אַז מען וועט נאָכ־אַמאָל חתונה־האָבן. אָבער דאָס קען נישט אָפּשוואַכן די רעכט פון יצחקן, זאָגט מהר״ם; די תקנה וועגן געבן אַ גט פון אַ „שכיב־מרע״ אָן באַדינ־גונגען, וואָס שטאַמט פון ר׳ יחיאל פון פּאַריש (13טער יאָרהונדערט), איז געמאַכט געוואָרן נישט כדי קלענער צו מאַכן די רעכט פון מאַן. די פאַרפליכטונג אונטער אַ חרם און אַ געלט־שטראָף, אַז מען וועט צוריק חתונה־האָבן נאָך זיין געזונט־ווערן, איז אַ צוגאָב צו זיינע רעכט.

וועלכן צוועק די תקנה פון ר׳ יחיאל מפּאַריש האָט בכלל געהאַט, איז מהר״ם מברר שפּעטער. לויט זיין מיינונג, איז ער נאָר געווען, כדי עס זאָל נישט זיין קיין שום ספק וועגן דער גילטיקייט פון גט, אין פאַל, ווען דער מאַן זאָל שטאַרבן. אָבער אויב ער בלייבט לעבן, דאַן איז דער כאַ־ראַקטער פון גט אַ — „גט על תנאי״!

בשעת דער גט איז געגעבן געוואָרן איז לגמרי נישט געווען וואָר־שיינלעך, אַז די פּרוי וועט אַמאָל ברעכן דעם אָפּמאַך. דעריבער קען מען דאָס צוגלייכן צו דעם, וואָס שטייט אין דער גמרא גיטין, דף ע״ג: „דער מאַן זאָגט צום ווייב: דאָס איז דיין גט, גילטיק פון היינט, אויב איך וועל שטאַרבן פון אָט דער קראַנקייט, דערווייל איז ער געשטאָרבן, ווייל עס איז אויף אים אַרויפגעפאַלן אַ הויז אָדער ווייל עס האָט אים געביסן אַ שלאַנג — דער גט איז „נישט גילטיק״. אויך אין פאַל פון ווינער גט קען דער מאַן (יצחק) זאָגן צום ווייב (בת־שבען): אויב איך זאָל געווען קלערן,

אַז דו וועסט ברעכן דעם חרם אָדער וועלן באַצאָלן דעם קנס — וואָלט איך דיר איבערהויפּט קיין גט נישט געוועזן געגעבן...

מהר״ם חזרט איבער עטלעכע מאָל זיין פּסק: „פּשיטא ופּשיטא שזה הגט למפרע הוא בטל". עס איז פֿאַר אים קיין שום ספק נישט, אַז דער גט איז פון ערשטן מאָמענט נישט גילטיק.

אויב דער מסדר פון גט (ער מיינט, נאַטירלעך, ר' יהושע פאלקן) זאָל באַהויפּטן, אַז ער האָט געגעבן יצחקן ספּעציעלע דערקלערונגען, דאַרף מען דאָס לגמרי נישט נעמען אין באַטראַכט, ווייל דאָס וואָלט באַוויזן, אַז ער האָט אים געוואָלט פאַרפירן אין אַ טעות. מהר״ם שרעקט זיך נישט פֿאַר אָנגרייפן דעם מסדר־הגט. מען זעט בכלל, אַז וואָס מער ער האָט זיך פֿאַרטיפט אין דעם ענין און ווייטער געשריבן זיין תשובה, אַלץ מער אויפגערעגט איז ער געוואָרן. עס איז ביי אים אויך שטאַרקער געוואָרן די איבערצייגונג, אַז דער ווינער גט איז בטל.

דער פאַקט, אַז דער מגרש האָט אָנערקענט די גילטיקייט פון גט שפּעטער, ווען ער האָט זיך געפינען פאַרן לעמבערגער בית־דין, האָט נישט די מינדעסטע באַדייטונג. „זאָלן זיך שעמען אַזעלכע בעלי־הוראה!" — שרייט ער אויס. אויב דער גט איז בטל, ווי קען אים אַ שפּעטערדיקע דערקלערונג פון מאַן גילטיק מאַכן?

מהר״ם גרייפט אויך אָן יענע, וואָס ווילן באַהויפּטן, אַז צוליבן חרם פון רבנו תם טאָר מען נישט „מוציא לעז" זיין (קוועסטיאָנירן) דעם ווינער גט. זיי האָבן נישט גענוג געלערנט אין בית־המדרש און זענען אין כלל פון יענע, וואָס „אינם בקיאים ויודעים בטיב גיטין וקידושין". ווייל דאָ איז דאָך נישט קיין פראַגע פון אַ פעלער ביים גט, נאָר עס האַנדלט זיך וועגן פעסטשטעלן, אַז עס איז געווען אַ תנאי ביים גט און ממילא איז דער גט בטל. אדרבא: ווער עס העלפט בת־שבען און איז גורם, אַז זי גייט נישט צוריק צו איר ריכטיקן מאַן — דער איז „מתיר אשת איש לעלמא" (אויב ער דערלויבט איר חתונה צו האָבן מיט אַן אַנדערן מאַן) און איז אויך „מרבה ממזרים בישראל", אויב בת־שבע וועט נאָך האָבן קינדער מיט אַן אַנדערן מאַן).

דער אויספיר פון דער תשובה איז:

„איך זאָג, אַז יעדער בעל־הוראה, וואָס וועט זיך האַלטן דערביי,

אַז ער איז מתיר דער דאַזיקער פּרוי (בת־שבען) חתונה צו האָבן אויפן סמך פון ווינער גט, דער וועט דאַרפן דאָס שווער פאַרענט־פערן, ווייל ביי אַזאַ האַרבן איסור דאַרף מען מחמיר זיין (דאָס הייסט: נישט דערלויבן חתונה־האָבן) און נישט מקיל זיין.

„די מסקנא, וואָס איך קום צו איר, לויט מיין מיינונג, צוליב אַלע דערמאָנטע אַרגומענטן איז, אַז די פּרוי דאַרף האָבן אַן אַנדערן כשרן גט פון איר מאַן, פון זיין גוטן ווילן און זי טאָר נישט חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן אויפן יסוד פון דערמאָנטן גט".

מהר"ם האָט זיך מיט דער תשובה נישט באַנוגנט, נאָר נאָכן אויס־פיר נאָכאַמאָל צוזאַמענגענומען אין פופצן פונקטן די טענות פון די „מקי־לים" און זיי קורץ און שאַרף צעקלאַפּט. ער באַנוצט דערביי אַ שפּראַך שוין אָן צוריקגעהאַלטנקייט. ער שרייבט, למשל (ביים פּונקט 10), אַז אַ געוויסע טענה איז „שקר מוחלט". עס ווייזט זיך אויס, אַז די פופצן פּונקטן זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן פון ר' יהושע פאַלקן אַליין, ווייל מהר"ם רעדט טיילמאָל נישט פון די „מקילים", נאָר פון דעם, וואָס „ער זאָגט, אַז ער האָט געזאָגט דעם שכיב־מרע" אאַז"וו. עס איז דעריבער קלאָר, אַז ער ענטפערט, און דאָס אויף אַ גאָר היציקן אופן, ר' יהושע פאַלקן, דעם מחבר פון „מאירת עינים".

פיר לעמבערגער ראשי־ישיבות, פון וועלכע דריי זענען גלייכצייטיק געווען מיטגלידער פון בית־דין: ר' יעקב היילפּרון, ר' שמשון באַכנער, ר' אהרן־אבא הלוי און ר' צבי־הירש ז"ק האָבן צוגעשריבן צו דער תשובה פון מהר"ם אייניקע ווערטער פון פול־האַרציקער הסכמה. אינטערעסאַנט איז געווען וואָס ר' שמשון באַכנער, אַ תלמיד פון ר' יהושע פאַלקן, האָט געשריבן: „ווען אַלע חכמים פון פוילן און רוסיא וואָלטן געווען אויף איין וואָגשאָל און דער גאון ר' מאיר אויף דער צווייטער, וואָלט ער זיי אַלע איבערגעוואויגן מיט זיין שאַרפן פּלפּול און מיט דער בקיאות, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין דער תשובה. איך, דער יונגער אין חכמה און אין יאָרן, בין געקומען צו זאָגן, אַז מען טאָר נישט אָפּגעבן קיין כבוד ר' פאַלקן, ווען מען דאַרף אָפּזונדערן דעם איסור. די הלכה בלייבט ווי ר' מאיר און מען מוז מחמיר זיין!".

די תשובה פון מהר״ם איז צעשיקט געוואָרן צו די גדולים איז דער מדינה און דאָס גרויסע פייער פון מחלוקת האָט זיך באַלד מוראדיק צעפלאַקערט.

.5

ר׳ יהושע פאַלק כהן האָט זיך דערוווּסט, אַז דער לעמבערגער רב האָט זיך געשטעלט צום קאַמף און דערקלערט דעם ווינער גט פאַר נישט גילטיק.

חוץ זיין תלמיד, ר׳ שמשון באכנער, וואָס איז געווען אַ דיין ביים מהר״ם, האָט ער נאָך געהאַט אַנדערע גוטע פריינט אין דער סביבה פון רב, פון וועלכע ער האָט געהערט, אַז דער ענין איז דורכן מהר״ם גרינטלעך דורכגעטראַכט געוואָרן און אַ גרויסע תשובה איז צעשיקט געוואָרן צו די גדולים פון לאַנד מיט אַ פאַרלאַנג צו דערקלערן בת־שבען אַלס יצחקס ריכטיקע פרוי, כל־זמן זי וועט נישט באַקומען פון אים אַ נייעם גט.

ר׳ יהושע פאַלק האָט דעריבער באַלד צוזאַמענגענומען אַלע זיינע אַרגומענטן פאַר דער גילטיקייט פון גט און מחבר געווען אַ תשובה אין דעם זין. אויך זיין תשובה איז צעשיקט געוואָרן צו אַ גרויסער צאָל רבנים אין פוילן מיט דער בקשה, אַז זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין פסק, אַז דער ווינער גט איז גילטיק.

אָנגעהויבן האָט ער קאַטעגאָריש און שאַרף: „נראה דאין צריך גם מחדש וגט הוא כשר״, מען דאַרף נישט קיין נייעם גט און דער גט איז כשר. דאַן איז ער אַריינגעגאַנגען אין טעאָרעטישן אַנאַליז, צי דאַרף מען זיך בכלל רעכענען מיט אַ באַהאַלטענעם געדאַנק פון אַ מענטש, בשעת ער פירט דורך אַ יורידישן אַקט. ר׳ יהושע פאלק כהן האָט נישט געקענט לייקענען, אַז דער „אומד הדעת״ שפּילט אַ ראָלע ביי געוויסע האַנדלונגען, אָבער ער שטעלט פעסט, אַז ביי אַ „גט שכיב־מרע״ בלייבט די הלכה אַנדערש: די „אומדנא״ (געדאַנקלעכע אָפּשאַצונג) האָט נישט קיין באַדייט, נאָר דאָס, וואָס ווערט קלאָר אַרויסגעזאָגט. די ווערטער פון רב הונא אין דער גמרא גיטין דף ע״ב, אַז אַ גט פון אַ שכיב־מרע איז ענלעך צו אַ מתנה פון אַ שכיב־מרע אוןביידע קענען ווערן צוריקגעצויגן אויב ער

ווערט געזונט, זענען באַקעמפט געוואָרן דורך צוויי אַנדערע וויכטיקע אמוראים, רבה און רבא, און די פוסקים האָבן אָנגענומען, אַז דער דין איז ווי רבה און רבא.

אָן שום ספק האָט ר׳ יהושע פאלק כהן געקענט, בעת ער האָט גע־שריבן זיין תשובה, די הויפּט־אַרגומענטן פון מהר״ם, ווייל ער רעאַ־גירט אויף זיי און וויל זיי אָפּפרעגן. דעם אויפטו, אַז די דערקלערונג פון יצחקס שוויגער פאַרן גט, אַז נאָך זיין געזונט־ווערן וועט בת־שבע בלייבן זיין ווייב, דאַרף מען באַטראַכטן אַלס ריכטיקן תנאי (לויט דער גמרא אין בבא מציעא, דף ס״ה, איז דער קונציקער אינטערפּרעטאַציע פון מהר״ם) — צעקלאַפּט ר׳ יהושע פאלק כהן צוליב פאָלגנדע דריי מאָטיוון: ערשטנס, האָט מען דאָך אויסדריקלעך דערקלערט, אַז די פאַרפליכטונג, איז פאַל פון יצחקס געזונט־ווערן, איז אונטער אַ חרם און אַ קנס, ממילא קען נאָר זיין אַ פראַגע פון חרם און פון קנס (און דאָס האָט יצחק אַליין שפּעטער מוחל געווען!) אָבער נישט פון דער גילטיקייט פון גט גופא; צווייטנס, האָט די דערקלערונג אָפּגעגעבן נישט די פּרוי (ווי אין דער גמרא בבא מציעא, דף ס״ה), נאָר די שוויגער און יצחק האָט זיך אַוודאי אויף דעם נישט סומך געווען; דריטנס, אַפילו דער שוויגערס דערקלערונג איז נישט געווען פּונקט פאַרן גט, נאָר אַ ווייל פריער וואָס איז ווידער אַנדערש ווי דער פאַל, וואָס איז באַשריבן אין דער גמרא בבא מציעא, דף ס״ה.

עס איז אַ „פשיטא״, שרייבט ר׳ יהושע פאלק כהן, אַז בת־שבע דאַרף נישט האָבן קיין נייעם גט. און אפשר וועט מען וועלן זאָגן, אַז אין פאַל פון „אישות״ דאַרף מען באַזונדער מחמיר זיין? מיט אַנדערע ווער־טער: הגם דער דין איז, אַז דער גט איז גילטיק, אָבער כדי צו באַשיצן די הייליקייט פון חתונה־פאַרהעלטעניש צווישן מאַן און פרוי — דאַרף מען דאָך נישט אָנערקענען דעם ווינער גט? ניין; דאָס וואָלט געווען גראָד פאַלש, ווייל מען וואָלט אין דער צוקונפט אויך אַזוי געפּסקנט און פאַר־לאַנגט אַ נייעם גט. ממילא, וואָלט אַלץ געווען אָפּהענגיק פון געזונט־געוואָרענעם מאַן און עס וואָלטן פאַרבליבן אַ סך „עגונות״...

ר׳ יהושע פאלק כהן גיט אייניקע באַווייזן פון דער גמרא, אַז ביי אַ גט איז אַ „גילוי דעת״ (אַ דערקלערונג פון מאַן, אַז ער איז מבטל דעם

גט, וואָס אַ שליח האָט געדאַרפט איבערגעבן זיין ווייב) גאָר נישט ווערט. דאָס פאַרשטאַרקט, נאַטירלעך, זיין גרונד־געדאַנק, אַז אַ גט קען נישט ווערן שפּעטער דערקלערט פאַר נישט־גילטיק. ער ציטירט אויך אַ תשובה פון מהרש״ל, אַז אַ תנאי ביי אַ גט דאַרף זיין אַ „תנאי כפול״ (אַ טאָפּל־טער תנאי, לויטן מוסטער פון תנאי פון די בני גד און בני ראובן אין דער תורה). ר׳ יהושע פאַרשטאַרקט פון זיין זייט די דעה פון מהרש״ל זייער חריפותדיק. דער פּועל־יוצא איז, אַז דער ווינער גט, ביי וועלכן עס איז קיין „תנאי כפול״ זיכער נישט געווען, איז — גילטיק.

דער פאַקט, אַז עס איז שוין באַקאַנט, אַז דער גט ווערט קוועסטיאָ־נירט, האָט נישט קיין באַדייטונג. (געוויינלעך רעכנט מען זיך מיט דעם און מ׳לאָזט די „מגורשת״ נישט חתונה האָבן, כדי מען זאָל נישט זאָגן, אַז זי האָט חתונה געהאַט אָן אַ גילטיקן גט). „זה הבל ורעות רוח!״ — זאָגט ר׳ יהושע פאלק. מען ווייסט גאַנץ גוט, אַז די אַלע בייזע שמועות האָבן נישט קיין יסוד. עס איז גאָר נישט געוואָרן פעסטגעשטעלט ביי אַ בית־דין, וואָס זאָל קענען פּסלען דעם גט, באַלד ווי די שמועות וועגן דער פאַלשקייט פון גט זענען געוואָרן פאַרשפּרייט, האָבן גאונים בודק־געווען די זאַך און אויסגעפינען, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

די תשובה פון גרויסן לעמבערגער ריש־מתיבתא, וועלכער איז אַריין אין דער געשיכטע אַלס מייסטער פון חריפות, האָט נישט פאַרפעלט צו מאַכן אַ געהעריקן איינדרוק. ער האָט פאַר זיך געהאַט נישט בלויז זיין אייגענע אויטאָריטעט, נאָר אויך די גאַנצע וואָגיקייט פון „ועד אַרבע ארצות״, וואָס האָט אָקערשט אָנגענומען אַ קלאָרע שטעלונג לטובת דער גילטיקייט פון „ווינער גט״.

די אָנטיילנעמער אין דער יאַראָסלאַווער סעסיע האָבן, פּונקט ווי די צוויי אָפּאָנענטן, זיך ערשט גענומען צו דער אַרבעט ווען זיי זענען צוריק־געקומען אַהיים. באַזונדערס דער רב פון פּאָדהייעץ, ר׳ בנימין־אהרן סאָל־ניק.

„הגם אויפן יאַראָסלאַווער יאַריד האָבן זיך די פאַרזאַמלטע גאונים פון דער וועלט אָפּגעשטעלט אויף די שמועות קעגן דער גילטיקייט פון ווי־נער גט״ — האָט געשריבן דער פּאָדהייצער רב אין אַ גרויסער תשובה, וואָס ער האָט מחבר געווען נאָכן קומען אַהיים — „און כמעט אַלע האָבן

מסכים געווען, אַז מען דאַרף מבטל זיין די שמועות (דעם „קול") און מכשיר־זיין דעם גט, אָבער איך האָב מורא פאַר דער האַרבקייט פון איסור פון אַן „אשת איש" און מיין גייסט האָט מיך נישט געלאָזט רוען: אפשר איז עס געווען אַ טעות?". אויפן יאַריד איז ער געווען פאַריאָגט און נישט געהאַט קיין צייט נאָכצולערנען דעם דין. בכלל איז דאָך איבערהויפּט נישט געווען אַפילו קיין איינאונאיינציק ספר צו דער האַנט אין יאַראָסלאַוו, טאָ ווי האָט מען געקענט אַרויסטראָגן אַ פעסטן פּסק?

דעריבער האָט ער גענומען מעיין־זיין אין דין, דורכגעוואָרפן אַלע מקורים, שטודירט דעם תלמוד און פאַרשיידענע ספרים — און ער איז געקומען צו דערזעלבער מסקנא, אַז בת־שבע מעג נאָכאַמאָל חתונה האָבן, אויפן סמך פון ווינער גט, מיט וועמען איר האַרץ גלוסט.

ר' בנימין־אהרן סאָלניק האָט, קודם־כל, געפּטרט דעם אַרגומענט, אַז צוליב דעם „קול" (די בייזע שמועות) אויפן גט קען זיין אַ צווייפל אין זיין גילטיקייט. דער אמת איז, אַז מען פּסקנט, אַז אַ „קול" איז מען נישט מבטל, ווייל אַזוי פלעגט מען טאָן אין נהרדעא, אין בבל, לויט דער גמרא גיטין, דף פ"ט. אָבער וואָס פאַר אַ „קול"? אין דער זעלבער גמרא זאָגט רב אשי, אַז „כל קלא דלא איתחזק בבי דינא לאו קלא הוא" (יעדער קלאַנג, וואָס איז נישט געוואָרן פעסטגעשטעלט ביים בית־דין, איז נישט קיין קלאַנג). ממילא קומט אויס, אַז קלאַנגען, וועלכע צירקולירן סתם אַזוי אויס בייזוויליקייט האָבן נישט דעם מינדעסטן ווערט. און בנוגע דעם ווינער גט איז דער קלאַנג, אַז מען האָט יצחקן אָפּגענאַרט, נישט נאָר נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן ביי קיין בית־דין, נאָר אדרבה: דער „ועד ארבע ארצות" מיט אַלע זיינע רבנים האָט אָפּגעוואָרפן די קלאַנגען! דאָס איז דאָך ווי די משנה זאָגט: „ובלבד שלא יהא שם אמתלא, איזו היא אמתלא, גירש איש פלוני את אשתו על תנאי" (גיטין, דף פ"ח). דאָס מיינט: „עס טאָר נישט זיין קיין טעם דערצו (צום קלאַנג), ווי אַזוי? אַז איינער האָט געגט זיין פרוי מיט אַ תנאי...". ווו עס איז פאַראַן אַ טעם, אַן „אמתלא", ווערן די קלאַנגען נישט אָנערקענט. און אין אונדזער פאַל, זאָגט ר' בנימין־אהרן סאָלניק, איז פאַראַן אַן „אמתלא": מ'קען זיך פאַררופן אויפן יאַראָסלאַווער פּסק, און דעריבער איז דער „קול" בטל ומבוטל. חוצדעם דאַרף אַ קלאַנג, כדי ער זאָל האָבן וועלכע באַדייטונג על־פּי

דין, ווערן אַרויסגעטראָגן אין דער זעלבער שטאָט (ווו דער גט איז פאָר־
געקומען) און אַפילו אין דעם זעלבן טאָג. און דער „קול״ וועגן אָפּגאָרן
יצחקן איז אויפגעקומען גאָר אין יאַראָסלאַוו, אייניקע חדשים נאָכן גט.
דאָס אַליין איז גענוג, אַז מען זאָל אַריבערגיין צו דער טאָג־אָרדענונג אי־
בער די דאָזיקע קלאָגעס.

ר׳ בנימין־אהרן סאָלניק גייט דאָן איבער צו באַהאַנדלען זאַכלעך דעם
אַרגומענט, אַז דער גט איז געגעבן געוואָרן בטעות. ער דערמאָנט דעם
חשש, אַז יצחק איז געוואָרן פאַרסמט דורך זיין שווער און שוויגער און אַז
די דאָקטוירים זענען געוואָרן אונטערגעשטעלט, כדי זיי זאָלן זאָגן יצחקן,
אַז ער איז געפערלעך קראַנק. „כל אלה דברי רוח הם״, זאָגט ער זייער
קאַטעגאָריש; דאָס איז אַלץ ווי אַ ווינט, וואָס האָט קיין ווערט נישט.

פאַרוואָס איז דאָס ווי אַ „ווינט״? עס פעלן נישט קיין סיבות דערצו.
ערשטנס, האָט דאָך ר׳ פאלק כהן, „וועלכער צייכנט זיך אויס מיט חכמה
און חסידות״, דערקלערט, אַז דאָס איז אַ שקר גמור, וועלכן זיינע שונאים,
יצחקס קרובים, האָבן זיך פשוט אויסגעטראַכט. זיי ווילן, אַז בת־שבע
זאָל זיך בייטיקן אין אַ צווייטן גט, כדי זי זאָל מוזן אָנשטאָפּן יצחקס קע־
שענעס מיט גאָלד און זילבער... און ווייטער: דער פאַרשטאָרבענער ר׳
הענדעל איז געווען ביים געבן דעם גט און ער האָט, לויט ר׳ פאלקס פאַר־
זיכערונגען, פונקט אַזוי נישט געהערט קיין שלעכטס און נישט געזען קיין
שום היינטערליסטיקייט מצד ר׳ שמואל־פייווישן און זיין משפחה אין
ווין... ביים גט זענען געווען אַ סך חשובע יידן פון פּראָג און פון אַנדערע
קהילות און קיינער האָט גאָר נישט געזען די כלומרשטע ערמות, טאָ וואָס
טשעפּעט מען זיך היינט מיט אַזעלכע נישט־געשטויגענע מעשיות? — ר׳
פאלק האָט לויטן אָנגענומענעם מנהג געפרעגט אַלע מענטשן, וואָס זענען
געווען אָנוועזנד ביים גט, זיי זאָלן זאָגן, אויב עפּעס איז נישט אין אָרדע־
נונג מיטן גט, ווייל שפּעטער וועט חל־זיין דער חרם פון רבינו תם; קיינער
האָט זיך נישט אָנגערופן. ר׳ פאלק און ר׳ הענדל זענען נאָכן מסדר־זיין דעם
גט נאָך געבליבן אייניקע טעג אין ווין און מען האָט נישט געהערט דעם
מינדעסטן קלאַנג, אַז דער גט זאָל האָבן געווען אַן אויסגענאַרטער...

דעריבער: „מי הוא זה ואיזהו אשר מלאו לבו לבדוק מן המזבח ול־
מעלה ולהרהר אחרי שני המאורות הגדולים!״; ווער איז דאָס, וואָס האָט

די חוצפּה צו זוכן העכער פונעם מזבח און נאָכצוקלערן וועגן די צוויי גרויסע ליכט?

ר׳ בנימין־אהרן סאָלניק לאָזט זיך דאַן אַריין אין די פּראָבלעמען פון „תנאי כפול״ פון „גילוי דעת״ אאַז״וו. ער ציטירט אויך די תשובה פון מהרש״ל (וועלכער איז געווען זיין רבי און דעריבער רופט ער אים: „מורי מהרש״ל ז״ל״), אַז עס מוז דווקא זיין אַ „תנאי כפול״, וואָס איז נישט געווען, לכל־הדעות, אין ווין.

ער שליסט אָפּ זיין תשובה מיט פעסטקייט: „מעתה אין כאן בית מיחוש כלל, אך האשה הזאת מותרת, רצויה כקטורת, להיות גברת, לבעלה עטרת, במי שבוחרת״. ער איז אַזש איבערגעגאַנגען אין פּאָעזיע און אין גראַמען, וועלכע האָבן געזאָגט: „נישטאָ דער מינדעסטער קלער, נאָר דער פרוי איז דערלויבט זי זאָל חתונה־האָבן און זיין אַ קרוין צו איר מאַן, וועלכן זי וועט זיך אויסקלייבן״. צוליב דעם גראַם „מותרת״ און „קטורת״ איז ביי ר׳ בנימין־אהרנען אויסגעקומען, אַז בת־שבע איז געגליכן צו דער קטורת פון די קרבנות אין בית־המקדש. אויף יצחקן האָט ער, נאַטירלעך, קיין גראַמען נישט געזוכט. די פיילן פון זיין שאַרפן בויגן זענען געלאָפן אויך אָן גראַמען, און ר׳ בנימין־אהרן סאָלניק, דער פּאָדהייצער רב און מחבר פון ספר „משאת בנימין״, איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט אַריינגעשאָסן אין יצחקן און אין זיין פעטער, דעם לעמבערגער רב ר׳ מאיר בן גדליה.

## 6.

אַלס איינער פון די שאַרפסטע קעגנער פונעם מהר״ם האָט זיך אַרויסגעשטעלט דער דעמאָלטיקער בעלדזער רב, ר׳ יואל סירקעש, וואָס איז באַרימט געוואָרן אַלס מחבר פון גרויסן פירוש אויפן „טור״, אונטערן נאָמען „ב״ח״ (ראשי־תיבות פון: „בית חדש״).

ר׳ יואל סירקעש האָט זיך באַטייליקט אין דער יאַראָסלאַווער סעסיע פון „ועד ארבע ארצות״ און האָט מיטגעשטימט פאַרן באַשלוס אָפּצוואַרפן אַלע שמועות קעגן דער גילטיקייט פון „ווינער גט״ און צו דערלויבן בת־שבען חתונה צו האָבן אויפן סמך פון דאָזיקן גט. אָבער, ווי ר׳ בנימין־

אהרן סאַלניק, האָט אויך ר׳ יואל סירקעס, נאָכן אַהיימקומען דערשפּירט די נויטיקייט זיך אַביסל צו פאַרטיפן אין דעם ענין.

ווען ער האָט דעריבער באַקומען אַ בריוו פון ר׳ יהושע פאלק כהן, אין וועלכן עס זענען געווען אויסגעשטעלט זיינע מאָטיוון פאַר דער גילטיקייט פון גט, איז ער געוואָרן ווי עלעקטריזירט. ער האָט, נאַטירלעך, תיכף מסכים געווען זיך אַנצושליסן אין „היתר״ פאַר בת־שבען, לויט ווי ר׳ יהושע פאלק האָט פון אים פאַרלאַנגט. אָבער ער האָט דאָס נישט געטאָן אַזוי איינפאַך. ער האָט אויסגעאַרבעט אַ גרויסע תשובה, אין וועלכער ער האָט מיט גרויס חריפות און בקיאות באַלויכטן דעם גאַנצן פּראָבלעם.

די תשובה האָט ער אַדרעסירט צו ר׳ יהושע פאלקן מיט פאָלגענדע ווערטער:

„צום גרויסן צעדער־בוים, וואָס בליט אין לבנון; דער באַרמהאַרציקער זאָל אים אויסלייזן פון די שאַרפע פיילן פון אַ גיבור; אַזוי ווי יהושע בן נון רייסט ער אַרויס בערג און צעמאַלט זיי; מיט זיין פּלפּול בויט ער און צעשטערט און בויט און פאַרפעסטיקט אַ דעק איבער זיין ווױנונג, וואָס ברענגט אים נאָר כבוד; דאָס איז דער גרויסער רב אין זיין דור, וואָס אין זיין ליכט גייען די מיטמענטשן אַזוי ווי זיי ווענדן זיך צו גאָט, כדי צו הערן פון אים תורה ווי די הלכה, גלייכע סברות, קלאָרע און ריינע, דורכגעזופּטע דרייצן זיפּן; דער ראש־ישיבה און ראש־גלותא, דאָס ליכט פון ישראל, וואָס שטאַמט פון דער העכסטער מנורה, די פּראַכט און מאַיעסטעט פון יידישן פאָלק; דער פירשט און גאון, אונדזער רבי ר׳ פאלק; ער זאָל לייכטן און לעבן ביז עס וועט קומען משיח, אָמן סלה״.

נאָך די אַלע טיטלען איז ער איבערגעגאַנגען צום עצם ענין.

ער וויל שרייבן בקיצור, פונקט ווי מען נעמט אַרויס איינצלנע זאַנגען פון גרויסע הויפנס תבואה, — האָט ער אָנגעהויבן זיין תשובה — הגם ער האָט זיך שוין אַרויסגעזאָגט אין יאַראָסלאַוו, אָבער דאָרט האָט ער דאָך נישט געהאַט קיין ספרים און אַלץ איז געווען פון אויסנווייניק, דעריבער האָט מען נישט געקענט ברענגען קיין באַווייזן פאַר דעם אָנגעשריבענעם פּסק, אַז דער גט איז גילטיק און ווער עס איז אין אים מפקפק דער איז „מוציא לעז״.

פאַר וואָס האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט? ער האָט געהערט, אַז „דער חכם, וואָס איז דער מאַן פון דער מומע פון מגרש, באַרימט זיך אין שטאָט, אַז ער וועט אָנשרייבן אַ געהיימע מגילה אויף צו קענען שטעלן אין ספק דעם גט".

ר׳ יואל סירקעש גיט דאַן אַ קורצע באַשרייבונג פון פאַל און גייט איבער צו דער לומדישער זייט. וועגן דער פראַגע, צי מיר דאַרפן זיך רעכענען מיט דער „אָפּשאַצונג" פון דער דעה פון מגרש, איז דאָך „פשוט פאַר קליינע קינדער", אַז ביי אַ גט גייט מען נישט נאָר דער „אומדנא".

ער באַהאַנדלט אויספירלעך ר׳ יהושע פאלקס באַווייזן פון דער גמרא וועגן „אומדנא" און „גילוי דעת". עס קומט אים אויס צו מאַכן אַ חילוק צווישן אַ „גילוי מלתא" (אַן אויפקלערונג פון אַ פאַקט), איידער עס איז געשען און אַ „גילוי מלתא" נאָך דער מעשה. (ביים ווינער גט איז עס, נאַטירלעך, געווען פאַר דער מעשה).

ווייזט אויס, אַז דעם מהר"מס אויפטו, אַז דער גט האָט געהאַט אַ כאַראַקטער פון אַ „גט על תנאי" צוליב דעם, וואָס די קרובים פון בת־שבען האָבן אים פאַרזיכערט דאָס שפּעטערדיקע חתונה־האָבן אין פאַל ווען ער וועט געזונט ווערן — איז שוין געווען באַקאַנט צווישן די לומדים. ר׳ יואל סירקעש דערמאָנט עס אַנאָנים אַלס אַרגומענט פון די „מערערים" (די וואָס פרעגן אָפּ). ער לאָזט זיך אַריין אין אַ וויכוח מיט ר׳ יהושע פאלקן וועגן געוויסע פאַרגלייכן פון דער גמרא און וועגן געוויסע סברות, אָבער דער סוף איז, אַז ער האָט אייגענע מאָטיוון, כדי צו דערקלערן דעם גט פאַר גילטיק און אַלע שמועות פאַר בטל ומבוטל.

שוין נאָכן אָנשרייבן די תשובה האָט ר׳ יואל סירקעש באַקומען אין האַנט דעם עלאָבאָראַט, וואָס ר׳ מאיר בן גדליה, דער לעמבערגער רב, האָט צעשיקט צו די גדולים פון לאַנד, כדי צו פסלען דעם גט און דערקלערן בת־שבען פאַר יצחקס געזעצלעכע ווייב. ר׳ יואל סירקעש האָט ממש אויפגעקאָכט. ער האָט תיכף אָנגעשריבן אַ צוגאָב צו זיין ערשטער תשובה, כדי אָפּצוווענדן די אַרגומענטן פון „החכם הרב ר׳ מאיר בעל דודתו של הבעל המגרש". און ער האָט אים שוין גאָר נישט געשאַנעוועט. ער וואַרפט אים פאָר, אַז ער, דער מהר"ם הייסט עס, האָט זיך טועה־געווען ביים דערקלערן פאַרשידענע גמרות, אַז ער האָט פאַרזען ציטאַטן, וועלכע זענען נישט גינ־

סטיק פאַר זיין מיינונג. ער באַהאַנדלט אים, אין פאַרגלייך צו דער יראת־הכבוד פאַר ר׳ יהושע פאלקן, ווי אַ חדר־יינגעלע.

„הדור אתם ראו כמה דחק עצמו זה החכם לעגן האשה בדברי רוח״ — שרייבט ר׳ יואל, דער מחבר פון „ב״ח״. ער, דער מהר״ם, האָט זיך „געקוועטשט״, כדי צו מאַכן בת־שבען פאַר אַן עגונה, און דאָס מיט לויזע ווינט־ווערטער...

„אין בדברים אלו לא ריח ולא טעם אלא הבל שאין בו ממש ודברים הפורחים באויר ורוח הולך ולא ישוב״, — זאָגט ער ווייטער. אין זיינע, דעם מהר״מס, ווערטער איז נישטאָ נישט קיין ריח און נישט קיין טעם, עס איז ממש גאָרנישט, עס זענען ווערטער, וואָס פליען אין דער לופט, ווי אַ ווינט, וואָס גייט און קומט נישט צוריק...

ר׳ יואל סירקעש איז באַזונדער אויפגערעגט ווען ער רעדט פון די אָנקלאַגעס, וואָס ווערן געמאַכט אויפן אַדרעס פון מסדר־הגט, ר׳ יהושע־פאַלק כהן, (אַז ער האָט פאַרפירט יצחקן אין אַ טעות אַאַז״וו). „חלילה וחס להאמין על שום בר אוריין שטעה טעות כזה״. ניין, מען קען דאָס נישט גלייבן אויף קיין שום תלמיד־חכם, אַז ער זאָל זיך אַזוי האָבן טועה־געווען. ר׳ יהושע־פאַלק כהן האָט אַלץ געמאַכט אין גרעסטער אָרדענונג.

„למי האמת עקרן של דברים הללו אין אלא לעז״. דאָס איז נאָר אַ פאַרלוימדונג. דערצו קעגן אַ „תלמיד חכם גדול בדורו״, אַ למדן, אַ גדול־הדור. אויף דעם האָט געוואָרפן אַ חרם רבנו תם און אַלע גדולים.

דער לעצטער רמז איז געווען אַן אָנצוהערעניש דעם מהר״ם, אַז ער זאָל זיך היטן זיין כבוד, ווייל עס קען נאָך אָנהייבן צו ווירקן דאָס שרעק־לעכע מיטל פון חרם.

ווי ווייט די רבנים אין פוילן האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון ר׳ יהושע־פאַלקן קעגן דעם מהר״ם, קען מען זען פון פאַקט, אַז אַפילו זיין אייגענע משפחה, דעם מהר״מס מחותנים, זענען געווען אין פיינטלעכן לאַגער. אין כעלם איז דעמאָלט געווען רב דער גרעסטער חריף פון דור, ר׳ שמואל הלוי, גערופן „איידעלש״ (נאָך זיין שוויגער איידעל, וועלכע האָט אים אויסגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט, צוזאַמען מיט אַ גאַנצער ישיבה). ר׳ שמואל איז געווען שפּעטער באַרימט (און איז געבליבן ביז היינט) אונ־טער דעם קיצור פון זיין נאָמען: מהרש״א. און אָט דער ר׳ שמואל, אַ

מחותן פון מהר״ם, האָט אויך אָנגעשריבן אַ תשובה, אין וועלכער ער האָט באַוויזן מיט זיין גרויסער חריפות, אַז דער ווינער גט איז פולשטענדיק גילטיק. ווען מהר״ם האָט דאָס דערזען, איז ער געבליבן דערציטערט. וואָס, ר׳ שמואל, דער גרויסער גאון און מחותן, איז אויך אַ שונא? עס האָט אים שרעקלעך וויי־געטאָן.

ר׳ מאיר בן גדליה האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צום מחותן אין כעלם, אָנגעשלאָגן אַ פּיינטלעכן טאָן, צעלייגט די אַרגומענטן פון מהרש״א און געבעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל צוריקציִען זיין הסכמה אויף דער גיל־טיקייט פון ווינער גט. אַ ספּעציעלער שליח איז אַוועק קיין כעלם מיטן לעמבערגער רבס בריוו. אָבער בחינם. דער מהרש״א איז געבליבן שטאַנד־האַפטיק. און ביים סוף פון זיין באַרימטן פירוש צו דער מסכתא גיטין איז ער צוריקגעקומען צום דאָזיקן ענין. ער האָט אָנערקענט יעדן „גט שכיב־מרע״ פאַר גילטיק.

מען מוז אָבער זאָגן, אַז דער מהר״ם האָט נישט פאַרלוירן זיין גלייכ־געוויכט, הגם די גאַנצע וועלט האָט זיך קעגן אים פאַרשוווירן. ער איז ביי זיך געווען פעסט און אומבייגזאַם. אים איז נישט אָנגעגאַנגען, וואָס אַנ־דערע האָבן געטראַכט, גוזאָגט אָדער אַפילו געטאָן.

אין דער שטאָט לעמבערג האָט געקאָכט. די תלמידים און אָנהענגער פון ר׳ יהושע־פאַלק כהן האָבן אָפט געמאַכט אַ גערודער. זעט, ווי די לומ־דישע וועלט איגנאָרירט דעם רב — האָבן זיי געטענהט — און אידענטי־פיצירט זיך מיטן ראש־מתיבתא. מען האָט דערביי, פאַרשטייט זיך, פּרו־בירט בכלל אַרונטעררייסן די אויטאָריטעט פון שטאָט־רב. נישט איין מאָל, נאָר גאָר אָפט, איז געקומען צו ערנסטע סכסוכים אין דער קהילה.

דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען גאַנץ לאַנג, ביז עס איז געקומען צו אַן עקספּלאָזיע. אָט וואָס עס איז פאַרגעקומען:

ר׳ יהושע־פאַלק כהן האָט געהאַט אַ תלמיד, וואָס איז געווען גרויס סיי אין לערנען, סיי אין עשירות. זיין נאָמען איז געווען ר׳ אברהם־שרענצל ראַפּאַפּאָרט. דער דאָזיקער תלמיד האָט אַליין אויך מחבר געווען אַ ספר, וואָס רופט זיך „איתן האזרחי״. ער איז געווען אַ פּרנס אין דער קהילה, אַ גבאי פון ארץ־ישראל־געלט און פאַרנומען איינע פון די וויכטיקסטע

געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס נישט נאָר אין לעמבערג, נאָר אין דער גאַנ־צער מדינה פּוילן.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז ר׳ אברהם־שרענצל ראַפּאַפּאָרט האָט געמאַכט חתונה זיינס אַ זון. הגם ער איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון זיין רבין ר׳ יהושע־פאַלקן, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער מכבד געווען מיט סידור־קידושין דעם שטאָט־רב, דעם מהר״ם. ער האָט נישט נאָר פאַרשטאַנען, אַז דער כבוד געהערט צום מרא־דאתרא, נאָר ער האָט, סוף־סוף, אויך אָפּגעשאַצט דאָס גוואַלדיקע גאונות פון מהר״ם.

נאָך דער חופה, איז ר׳ מאיר צוריקגעגאַנגען צו זיך אַהיים. ער האָט לאַנגזאַם געשפּרייזט איבער די גאַסן. דער מוח האָט געאַרבעט און דער רב האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי דער בעל־שמחה, ר׳ אברהם־שרענצל ראַ־פּאַפּאָרט, גייט אים נאָך.

ווען ער איז שוין געווען פאַרן הויז, ווו ער האָט געוווינט, איז ביים פענצטער געשטאַנען די רביצין. זי האָט דערזען, אַז דער רב שענקט נישט די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט דעם באַדייטנדן באַלעבאָס, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען.

די רביצין איז שנעל אַרויסגעלאָפן פון הויז און אויסגערופן צום רב:

— זעסט נישט ווער עס גייט דיר נאָך?

ר׳ מאיר האָט זיך צוריקגעדרייט און דערזען ר׳ אברהם־שרענצלען. אָבער עס האָט אים גאָרנישט געאַרט, וואָס דער באַלעבאָס איז אַזוי נאָכ־געגאַנגען, ווי אַ שמש. ער האָט געענטפערט דער רביצין, אָבער אַזוי, אַז ר׳ אברהם־שרענצל האָט עס אויך געקענט הערן:

— טאָ וואָס איז? און זיין רבין וואָלט נישט געפּאַסט מיך צו באַ־גלייטן?...

ווי ר׳ אברהם־שרענצל האָט דאָס דערהערט, איז ער געבליבן ווי געע־פּלעפט. וואָס, אַזאַ בזיון פאַר זיין טייערן רבין, ר׳ יהושע־פאַלק! ניין, דאָס וועט ער נישט מוחל־זיין!

דער צעקאָכטער בעל־שמחה איז צוריקגעגאַנגען אַהיים אַן אויפגע־רעגטער. פאַרשיידענע געדאַנקען זענען אים געקומען אין קאָפּ, ווי אַזוי צו נעמען נקמה פאַר דעם פאַרשוועכטן כבוד פון זיין רבין. ער האָט ביי זיך

באַשלאָסן, אַז איצט איז געקומען די צייט פּטור צו ווערן אינגאַנצן פון ר' מאירן.

נאָך אייניקע טעג האָט מען צוזאַמענגערופן אַ זיצונג פון קהל. ר' אברהם־שרענצל האָט איבערגעגעבן, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַרן הויז פון שטאָט־רב, ווי ער האָט אַליין געהערט אַ באַליידיקונג אויפן אַד־רעס פון באַליבטן ראש־מתיבתא. על־כן, האָט ער פאָרגעלייגט, זאָל מען אָפּזאָגן ר' מאירן פון זיין שטעלע. נאַטירלעך, האָט ער נאָך צוגעגעבן אַנדערע מאָטיוון. נישט ווייניק האָט מען אויך גערעדט אין קהל־שטיבל פון דער מעשה מיטן ווינער גט. ר' אברהם־שרענצל ראַפּאָפּאָרט האָט אויפ־געוויזן, אַז די גאַנצע לומדישע וועלט האָט פאַרדאַמט ר' מאירס פסק.

הגם ר' אברהם־שרענצל איז געווען זייער איינפלוסרייך אין דער קהילה, אָבער אויך ר' מאיר האָט געהאַט זיינע אָנהענגער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע און שטורמישע דעבאַטע, וועלכע האָט זיך געצויגן במשך אייניקע זיצונגען.

דערווייל האָט ר' מאיר באַקומען אַ וויכטיקע שטיצע אין זיין קאַמף וועגן דער גילטיקייט פון ווינער גט.

.7

אין פּויזן האָט געלעבט ר' מרדכי יפה, דער עלטסטער פון די פּויליש רבנים, אין יענער צייט, וואָס האָט הינטער זיך געהאַט אַ וואונדערבאַרע רבנישע קאַריערע און איז דורך לאַנגע יאָרן געווען איינער פון די געאַכטעסטע פירער פון „ועד ארבע ארצות”. זיין נאָמען האָט געשמט אויך מחוץ פּוילן; ער איז געווען אַ צייט לאַנג רב אין דער טשעכישער הויפּט־שטאָט פּראָג און אויך פאַרבראַכט יאָרן אין איטאַליע. אין פּוילן האָט ער פאַרנומען די גרעסטע רבנות: גראָדנע, לובלין, קרעמעניץ און איצט, זייענדיק שוין העכער אַכציק יאָר אַלט, איז ער געווען רב אין פּויזן. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ וויכטיקן ענין, אַרום וועלכן עס האָט זיך גע־טומלט אין פּוילישן יידנטום, ווי דער „ווינער גט”, איז מען געווען גע־שפּאַנט צו הערן אויך די מיינונג פון ר' מרדכי יפה, דעם מחבר פון די „לבושים”.

צוליב אַ צופאַל איז דער ערשטער שריפטלעכער דאָקומענט בנוגע דעם „ווינער גט״, וואָס איז אָנגעקומען קיין פויזן, געווען די תשובה פון ר׳ יהושע־פאַלק כהן, דעם מסדר פון גט.

ווען ר׳ מרדכי יפה האָט באַקומען די תשובה, האָט ער געהייסן זיך פאַרלייענען אַלע אַרגומענטן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען לטובת דער אָנערקענונג פון גט פאַר אַ גילטיקן (עס איז אים שוין געווען שווער אַליין צו לייענען צוליב זיין טיפער עלטער) — און ער איז ממש אויפגעקאָכט געוואָרן! „מיין הארץ האָט געברענט״, שרייבט ער, „אויף די אייניקע רבנים, וואָס האָבן געוואָגט צו מאַכן זינדיקן ישראל און מתיר מאַכן פאַר זיי די חומרות פון אַן אשת איש און צו מערן ממזרים צווישן יידן, חלילה וחלילה!״.

ער האָט באַשלאָסן נישט צו שווייגן, נאָר אַרויסצוגיין מיט דער גאַנ־צער שאַרפקייט, כדי אויפצודעקן די פאַנטאַזיעס פון די „מתירים״, וועלכע זענען לגמרי נישט באַגרינדעט.

קודם־כל האָט ער רעאַגירט אויף דעם לעצטן זאַץ אין ר׳ יהושע־פאַלקס תשובה, וועלכער איז געווען אַ קללה קעגן די, וואָס האָבן געצווייפלט אין דעם גט און האָט זיי געדראָט מיטן חרם פון רבנו תם. דאָס איז אַ פשוטער טעות, זאָגט ר׳ מרדכי יפה. רבנו תם האָט זיין חרם געוואָרפן נאָר אויף יענע, וואָס זענען אָנוועזנד ביים איבערגעבן דעם גט און אָנ־שטאָט צו זאָגן זייער קריטיק תיכף, וואַרטן זיי מיט איר ביז זיי וועלן אַרויסגיין פון דער בית־דין־שטוב. דאָקעגן ווער עס דערוויסט זיך שפּעטער פון אַ פעלער ביים גט, דער מעג עס פריי זאָגן. אַנדערש וואָלט דאָך אי־בערהויפּט געווען נישט דערלויבט צו פסלען אַ גט! „חלילה וחלילה שמפי קדוש רבנו תם יצא דבר כזה״...

בשעת דער גט איז געגעבן געוואָרן — זאָגט ווייטער ר׳ מרדכי יפה — איז זיכער אַלץ געווען אין גרעסטער אָרדענונג, ווייל דערביי האָבן דאָך פונקציאָנירט אַזעלכע גדולי ישראל. אלא וואָס דען? עס זענען שפּעטער אויפגעקומען נייע מאָמענטן, צוליב וועלכע מען מוז דעם גט אַסרן. אין עיקר — ווייל מען פאַרשטייט נישט דעם גאַנצן כאַראַקטער פון אַ „גט שכיב־מרע״.

דאָ קומט ר׳ מרדכי יפה צו איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פאַר־

מולירונגען אין ייִדישן רעכט. זינט זיין פּריעסטער יוגנט איז אים געווען נישט פאַרשטענדלעך, ווי קען איבערהויפּט פאַרקומען אַ „גט שכיב־מרע״, ווייל אַזאַ מין גט איז קעגן דעם באַגריף פון אַ גט בכלל, לויט דער תורה און לויט דער גמרא.

אין דער גמרא גיטין דף צ׳ ווערט דיסקוטירט דער פאַל, ווען קען אַ מאַן גטן זיין פרוי. זאָגט די משנה: „די בית שמאי זאָגן: אַ מאַן זאָל נישט גטן זיין פרוי נאָר אויב ער האָט אין איר געפונען אַן אויסגעלאַסנקייט, ווייל עס שטייט אין דער תורה (דברים כ״ד) כי מצא בה ערות דבר. די בית הלל זאָגן: אַפילו אויב זי האָט פאַרדאָרבן דאָס געקעכטס, ווייל עס שטייט (דאָרט) כי מצא בה ערות דבר. ר׳ עקיבא זאָגט: אַפילו אויב ער האָט נאָר געפונען אַ שענערע פרוי פון איר, ווייל עס שטייט אין דער תורה (אויך דאָרט) והיה אם לא תמצא חן בעיניו.

פרעגט רב פפא אין דער זעלבער גמרא: אויב אַ מאַן האָט נישט גע־פונען אין דער פרוי קיין אויסגעלאַסנקייט און בכלל נישט קיין פעלער און האָט זי טראָץ דעם אָפּגעגט — וואָס איז דער דין? האָט אים רבא גע־ענטפערט: ס׳איז פאַרפאַלן. נאָר אין איין איינציקן פאַל האָט די תורה אויסדריקלעך באַשטימט, אַז מען טאָר נישט גטן (ביי איינעם, וואָס האָט פאַרגוואַלטיקט אַ מיידל, דברים כ״ב). אָבער ביי יעדן אַנדערן גט — איז פאַרפאַלן.

דער יסוד צו דער משנה און דער גמרא זענען, נאַטירלעך, די ווער־טער פון דער תורה אין דער פרשה „כי תצא״ (דברים כ״ד, א׳—ד׳): „כי יקח איש אשה ובעלה והיה אם לא תמצא חן בעי־ניו כי מצא בה ערות דבר וכתב לה ספר כריתות ונתן בידה ושלחה מביתו, ויצאה מביתו והלכה והיתה לאיש אחר, ושנאה האיש האחרון וכתב לה ספר כריתות ונתן בידה ושלחה מביתו או כי ימות האיש האחרון אשר לקחה לו לאשה, לא יוכל בעלה הראשון אשר שלחה לשוב לקחתה להיות לו לאשה אחרי אשר הוטמאה כי תועבה היא לפני ד׳ ולא תחטיא את הארץ אשר ד׳ אלקיך נותן לך נחלה״. (אויף ייִדיש, לויט יהואשן: „אַז אַ מאַן וועט נעמען אַ ווייב און זי באַמאַנען, איז אויב זי וועט געפינען אַן אומחן אין זיינע אויגן, ווייל ער האָט אויסגעפונען

אין איר אַ מיאוסע זאַך, און ער וועט איר שרייבן אַ גט, און געבן אין איר האַנט, און וועט זי אַוועקשיקן פון זיין הויז, און זי וועט אַוועק פון זיין הויז, און גיין ווערן אַן אַנדער מאַנס, און דער לעצטער מאַן וועט זי פיינט קריגן, און וועט איר שרייבן אַ גט, און געבן אין איר האַנט, און וועט זי אַוועקשיקן פון זיין הויז, אָדער דער לעצטער מאַן וואָס האָט זי גענומען פאַר אַ ווייב צו אים, וועט שטאַרבן, טאָר ניט איר ערשטער מאַן, וואָס האָט זי אַוועקגעשיקט, זי צוריקנעמען צו ווערן פאַר אַ ווייב צו אים, נאָכדעם אַז זי איז פאַראומרייניקט געוואָרן; וואָרום אַן אומווערדיקייט איז דאָס פאַר ג־ט; און זאָלסט ניט זינדיק מאַכן דאָס לאַנד וואָס דיין ג־ט גיט דיר פאַר אַ נחלה״).

קומט אויס, אַז אַ באַדינגונג פאַר דער גילטיקייט פון יעדן גט בכלל איז די שנאה פון מאַן צו זיין פרוי. אויב זי „געפינט אומחן אין זיינע אויגן״ אָדער ער „קריגט זי פיינט״ — מעג ער זי גטן. אָבער אויב מיר ווייסן ניט צי ער האָט זי פיינט? אין דעם פאַל נעמען מיר אָן, אַז מסתמא האָט ער זי פיינט, ווייל אַנדערש וואָלט ער זי דאָך ניט געגט. עס איז פאַראַן אַ שנאה אָן אַ טעם (פונקט ווי עס איז פאַראַן אַ ליבע אָן אַ טעם). דער פאַקט פון גט גופא איז אייגנטלעך אַ באַווייז פון שנאה.

אָבער ווי איז דער דין אויב דער מאָטיוו פון גט איז — די ליבע פון מאַן צו דער פרוי?! אָט דער פאַראַדאָקסאַלער פאַל קומט פאָר ביי אַ „גט שכיב־מרע״. נישטאָ דעמאָלט קיין שום אַנדערער גרונט פאַר אַ גט ווי דער ווילן פון מאַן אָפּצוהיטן די פרוי, נאָך זיין טויט, פון די צרות און שיקאַנעס, מיט וועלכע עס איז פאַרבונדן אַ חליצה.

„אין אמתן״ — שרייבט ר׳ מרדכי יפה — „בין איך אין מיין יוגנט אַ לאַנגע צייט געשטאַנען ביי דער דאָזיקער פאַרוווּנדערונג. יעדעס מאָל ווען איך האָב געהערט, אַז ס׳איז געווען אַ מסוכנדיק קראַנקער מענטש אָן קינדער, און ער האָט געהאַט ברידער, און די קרובים פון זיין ווייב האָבן זיך באַמיט ער זאָל זי גטן, כדי זי זאָל ניט אַריינפאַלן צו יבום (און חליצה), האָב איך זיך טיף געוווּנדערט אין מיין האַרץ, פון וואַנען האָבן אונדזערע אַלטע רבנים דאָס אַרויסגענומען, ווייל עס איז דאָך באַ־

ווּסט, אַז אָט דער מענטש האָט ליב זיין ווייב, און דעריבער אפשר איז דער גט גאָר נישט גילטיק און פּטרט זי גאָר נישט פון קיין יבום?״

קיינער האָט ר׳ מרדכי יפהן נישט געקענט ענטפערן אויף דער פראַ־גע, נישט זיינע לערער און נישט זיינע חברים, ביז ער איז איינמאָל צו־געקומען צו אַ משנה און גמרא אין מסכת יבמות, וואָס האָט אים געעפנט די אויגן.

די משנה זאָגט (יבמות דף צ״ב): „אויב מען האָט געזאָגט צו אַ פרוי, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן און זי האָט חתונה געהאַט, דערנאָך איז צו־ריקגעקומען איר ערשטער מאַן, מעג זי צוריקגיין צו אים; הגם דער צווייטער מאַן האָט איר געגעבן אַ גט, ווערט זי נישט געפּסלט פון דער כהונה. אָט דאָס האָט געדרשנט ר׳ אליעזר בן מתיא: עס שטייט אין דער תורה (ויקרא כ״א) ואשה גרושה מאישה (אַז אַ כהן טאָר נישט חתונה האָבן מיט אַ געגטע פרוי), מיינט דאָס, אַז נאָר איינע, וואָס איז געגט פון איר מאַן, אָבער נישט פון איינעם, וואָס איז נישט איר מאַן״. (און אויב דער צווייטער מאַן האָט איר געגעבן אַ גט, איז דאָס נישט געווען קיין גט פון אַ מאַן, ווייל אין אמתן איז זי דאָך נישט געווען דעם צווייטן מאַנס פרוי, ווייל דער ערשטער מאַן האָט דאָך געלעבט).

די גמרא זאָגט דערויף (דאָרט דף צ״ד): „ר׳ יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבן, אַז ר׳ אליעזר האָט געקענט דרשענען אַ פּערל און האָט געדרשנט אַ שטשערבעלע. וואָס איז געווען די פּערל? פון די ווערטער „ואשה גרושה מאישה״ קען מען אַרויסנעמען, אַז אויב די פרוי איז נאָר געגט פון איר מאַן — איז זי שוין פּסול פון דער כהונה; דאָס איז דער ריח פון אַ גט, וואָס פּסלט פון דער כהונה״.

און רש״י דערקלערט דאָס אַזוי: „אויב דער מאַן האָט געלאָזט אָנ־שרייבן אַ גט פאַר זיין פרוי און געזאָגט צו איר „דאָס איז דיין גט אָבער דו זאָלסט נישט זיין פריי צו אַן אַנדערן מאַן״, איז זי פון אים נישט אין גאַנצן געגט, נאָר סעפּאַרירט. איז ער שפּעטער געשטאָרבן, דאַן מעג זי חתונה האָבן, אָבער נישט מיט קיין כהן, ווייל אָט דער „ריח הגט״ פּסלט זי פון דער כהונה״.

ממילא קומט אויס, — שרייבט ר׳ מרדכי יפה, — אַז עס איז מעג־לעך אַ געזעצלעכער צושטאַנד פון אַ סעפּאַראַציע, בשעת וועלכן דער מאַן

הייסט נישט מער קיין ריכטיקער מאַן פון דער פרוי. אויב ער הייסט נישט קיין ריכטיקער מאַן, דאַן איז זיין ברודער אויך נישט מער קיין ריכטיקער יבם. שטאַרבט דער מאַן — דאַן גייט נישט מער אַן דער דין פון יבום.

די קאָנסעקווענצן פון אַט דער קונציקער קאָנסטרוקציע פון אַ גט, וואָס איז נאָר נוגע דעם מאַן און די פרוי אָבער וואָס איז נישט גילטיק לגבי אַנדערע, איז אַ געזעצלעכע „פערל אין אַ פערל״ — טריומפירט ר׳ מרדכי יפה. ווייל אַט די קאָנסטרוקציע פּאַסט זיך וווּנדערבאַר צום צו־שטאַנד, אין וועלכן עס געפינט זיך אַ שווער קראַנקער מאַן, וועלכער גייט גטן זיין ווייב.

עס קען פאַר קיין פאַל נישט זיין מעגלעך, אַז מ׳זאָל דערלויבן סתם אַ מאַן צו טאָן אַזאַ רשעות צו זיין פרוי, אַז ער זאָל זי גטן פון זיך, אָבער זי זאָל פונדעסטוועגן זיין פאַרבאָטן צו דער וועלט. ווען דען קען מעגלעך זיין, אַז ער זאָל זי גטן נאָר פון זיך, און דערביי זאָל זי זיין אָסור צו יעדן אַנדערן מאַן? — נאָר ווען דער גט איז אַ פועל־יוצא פון מאַנס ליבע צו דער פרוי. מיט אַנדערע ווערטער: ער האָט זי ליב און דעריבער וויל ער זי נישט באַפרייען צו אַן אַנדערן מאַן. דער צוועק פון גט איז נאָר — אַז זי זאָל נישט דאַרפן נעמען חליצה נאָך זיין טויט. דאָס הייסט: זי איז סעפּאַ־רירט פון אים, כדי זי זאָל האָבן דעם כאַראַקטער פון אַ גרושה אויס־שליסלעך כדי זי זאָל זיין פטור פון יבום.

אָבער נאָך איין קאָנסעקווענץ קומט פון דעם אַרויס: אַז דער מאַן קען איר מער נישט געבן קיין גט, אַפילו אויב ער וויל דאָס טאָן. ווייל אַ גט קען געבן נאָר אַ פולשטענדיקער מאַן, און ער איז דאָך — סעפּאַרירט! עס איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה, ווי אַז זי זאָל נאָכאַמאָל חתונה האָבן מיט אים!

ווען ר׳ מרדכי יפה האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן זיין תשובה, האָט ער באַקומען אַ בריוו פון מהר״ם, אין וועלכן ער האָט געהאַט פאָרמולירט זיין טעזע, אַז דער גט אין ווין איז געווען אַ „גט מוטעה״, אַ טעותדיקער גט, און דעריבער קען בת־שבע נישט זיין פריי נאָר מיט אַ צווייטן גט. ניין; לויט אים, לויט ר׳ מרדכי יפה, קען דאָס אויך נישט העלפן בת־שבען. זי קען קיינמאָל מער נישט באַקומען קיין גט, וואָס זאָל זי פטרן

פון איר ערשטן מאַן, פון יצחקן, הייסט עס. זי קען נאָר חתונה האָבן נאָכ־אַמאָל מיט אים...

דער פּסק פון ר׳ מרדכי יפה האָט נאָך מער פאַרפּלאָנטערט דעם גאַנצן ענין.

.8

דער פּסק־דין פון ר׳ מרדכי יפה, לויט וועלכן בת־שבע האָט נישט געקענט פריי ווערן, אַפילו מיט אַ צווייטן גט, איז אונטערגעשריבן געוואָרן אין פּויזן, דעם 21סטן שבט פון יאָר שע״ב (1612). דאָס ביטערע מחלוקת צווישן די אָנהענגער פון מהר״ם און פון ר׳ יהושע־פאַלק כהן איז שוין אָנגעגאַנגען אַ לענגערע צייט און עס איז געווען פולשטענדיק קלאָר, אַז אַ גרויסער רוב פון די פּוילישע רבנים האַלט מיט ר׳ יהושע־פאַלקן. ווען ר׳ מרדכי יפה, דער עלטסטער אין יאָרן צווישן אַלע רבנים און דער אָנגעזעענסטער סיי אין לערנען סיי אין עסקנות, האָט פלוצים זיך אַרויס־געזאָגט קעגן דער גילטיקייט פון „ווינער גט״, איז געוואָרן אַ גרייסער רעש: די אויטאָריטעט פון פּויזנער רב האָט געקענט איבערוועגן די וואָג־שאָל לטובת דעם מהר״ם.

דעריבער האָבן תיכף די אָנהענגער פון ר׳ יהושע־פאַלקן גענומען אויפווייזן ר׳ מרדכי יפהן, אַז זיין גאַנצע קאָנצעפּציע וועגן אַ „גט אויס ליבע״, וואָס זאָל גורם זיין בלויז אַ סעפּאַראַציע צווישן מאַן און ווייב איז נישט ריכטיק. זיי האָבן זיך געשטיצט אויף אַ תוספות אין דער מסכת גיטין דף פ״ב. לויט דאָזיקן תוספות איז אַ גט, וואָס פאַראורזאַכט בלויז אַ סעפּאַראַציע, נישט אימשטאַנד צו באַפרייען דער פרוי פון יבום און חליצה. ממילא וואַלט בטל געוואָרן דער גאַנצער איינפאַל פון ר׳ מרדכי יפה, אַז דער „ווינער גט״ האָט נאָר באַצוועקט צו באַפרייען בת־שבען פון חליצה, אָבער ער איז נישט גילטיק צוליבן געזונט־ווערן פון יצחקן.

ווען דער אַלטיטשקער רב האָט געהערט זאָגן, אַז מען האָט געפונען אַ תוספות קעגן אים, איז ער נישט געבליבן איבערראַשט, נאָר זיך גע־הייסן ווייזן דעם תוספות. מען האָט געבראַכט די גמרא, ר׳ מרדכי יפה האָט זי גוט דורכגעלערנט און — באַלד גענומען שרייבן אַ צוגאָב צו זיין

תשובה. „עדיין הם בחוץ״, זיי, די קעגנער, זענען נאָך „אין דרויסן״. זיי קענען נישט דעם ריכטיקן פשט...

כדי צו דערקלערן, פאַר וואָס אַ „סעפּאַראַציע״־גט, פון וועלכן עס רעדט תוספות, באַפרייט נישט פון יבום, און דער „ווינער גט״, וואָס איז אויך נאָר אַ „סעפּאַראַציע״־גט, האָט יאָ געדאַרפט באַפרייען פון יבום, מאַכט ר׳ מרדכי יפה אַ ווייטערן חילוק צווישן אייניקע סאָרטן פון אַ „גט אויס ליבע״.

פאַראַן אַ „גט אויס ליבע״, זאָגט ר׳ מרדכי יפה, וואָס זיין הויפּט־מאָטיוו איז ג ע ל ט. למשל: עס טרעפט זיך, אַז אַ מאַן איז פאַרהייראַט צו אַ פרוי, וואָס האָט אַ רייכן קרוב. דער קרוב האָט זי זייער ליב, אָבער ער האַסט דעם מאַן. ממילא גיט ער איר נאָר נישט קיין געלט צוליב דער שנאה צום מאַן. דער מאַן וואָלט זייער וועלן, אַז די פרוי זאָל האָבן אַ סך געלט (ווייל ער האָט זי דאָך ליב!), און דעריבער גיט ער איר אַ „סעפּאַראַציע״־גט (דאָס הייסט ער גט זיך פון איר, אָבער זי טאָר נישט חתונה האָבן מיט קיין צווייטן). דער רייכער קרוב וועט איר שוין דאַן געבן געלט...

אַן אַנדער פאַל פון אַ „גט אויס ליבע״ קומט פאָר, ווען דער מאָטיוו איז — דער פרויס געזונטהייט. למשל: נאָך דער חתונה הייבט די פרוי אָן צו קרענקען. קומען די קרובים און זאָגן, אַז דאָס איז צוליב אַ נישט־ריכטיקן זיווג. אפשר ווען זי וואָלט זיין געגט פון דאָזיקן מאַן, וואָלט זי געזונט געוואָרן... דער מאַן האָט זי ליב און וויל זי זאָל געזונט ווערן, גיט ער איר אַ „סעפּאַראַציע״־גט, לויט וועלכן זי איז געגט פון אים אָבער נישט מותר פאַר דער גאַנצער וועלט.

אָט וועגן אַזעלכע מינים פון אַ „גט אויס ליבע״ רעדט תוספות אין דער מסכת גיטין, דף פ״ב — זאָגט ר׳ מרדכי יפה. אַוודאי ווערט די פרוי דאָרט נישט באַפרייט פון יבום, ווייל דאָס איז גאָר נישט געווען דעם מאַנס רצון. אָבער אויב דער „גט אויס ליבע״ קומט פאָר, ווי אין ווין, אויסשליסלעך צוליב דעם מאָטיוו, ווייל דער מאַן וויל באַפרייען די פרוי פון די צרות פון אַ יבום אָדער חליצה — דאַן איז זיין רצון מאַסגעבנד. זיין רצון העלפט אויף צו באַפרייען די פרוי גראָד פון דער חליצה, אָבער

באַטירלעך — נ י ש ט פון אים, דעם מאַן, אין פאַל ווען ער זאָל גע־זונט ווערן.

„על־כן גיי איך צוריק צו מיינע ערשטע רייד און צו מיין ערשטן פּסק", — פירט אויס ר' מרדכי יפה, — „אַז בת־שבע, די טאָכטער פון רייכן ר' פייוויש פון ווין, האָט נישט קיין שום מעגלעכקייט חתונה צו האָבן מיט וועלכן עס איז מאַן אין דער וועלט — נאָר זי מוז צוריק חתו־נה־האָבן מיט איר ערשטן מאַן, ישראל־יצחק, דעם זון פון ר' אברהם וואָלפש. ווער עס דערלויבט איר חתונה צו האָבן מיט אַן אַנדערן מאַן, אַ פּ י ל ו מ י ט אַ צ וו יי ט ן ג ט, דער דערלויבט אַן אשת־איש, אַז זי זאָל חתונה האָבן און ברענגט מכשולות פאַר אַ סך מענטשן, כדי צו מערן ממזרים. דאָס איז מיין צווייטע אונטערשריפט: מ ר ד כ י, וו אָ ס ו ע ר ט ג ע ר ו פ ן י פ ה".

וועלכע קאָנסעקווענצן האָט געהאַט די הילף פון פּויזנער רב פאַר ר' מאיר־בן־גדליה? אין זיין כמעט פאַרצווייפלטער לאַגע, ווען ער איז געווען אין גאַנצן איזאָלירט און געהאַט קעגן זיך אַ געשלאָסענעם פראָנט פון כמעט אַלע וויכטיקסטע פּוילישע רבנים, איז די באַטייליקונג פון ר' מרדכי יפה אויף זיין זייט געווען ממש ווי אַ נס. אָבער די לעצטע מסקנא, אַז אַפילו אַ צווייטער גט קען נישט באַפרייען בת־שבען, נאָר זי מוז גאָר צוריק חתונה האָבן מיט יצחקן, איז פאַרן מהר"ם געווען זייער נישט גע־ווונטשן. דאָס איז געווען לגמרי אויסגעשלאָסן, אַז יצחק און בת־שבע זאָלן נאָך קענען זיין מאַן און ווייב. דער רוגז צווישןביידע משפחות איז שוין געהאַט צו ווייט פאַרפאָרן. דער געדאַנק, צוליב וועלכן ר' מאיר בן גדליה איז אַריין אין דער מלחמה, איז געווען אַן אַנדערער: דווקא צו צווינגען דעם ווינער גביר, ער זאָל מוזן אָנקומען נאָך אַ צווייטן גט פאַר זיין טאָכטער. אין דעם פאַל וואָלט ער שוין געמוזט באַצאָלן פאַר אַלע יסורים און בזיונות, וואָס ער האָט גורם געווען דעם אומשולדיקן יונגנ־מאַן און זיינע טאַטע־מאַמע!

ווי אויף צו להכעיס איז זיך ר' מרדכי יפה גראָד אין דעם פּרט פונ־אַנאַנדערגעגאַנגען מיטן מהר"ם. דער פּסק פון ר' מרדכי יפה, ווי גוט ער איז געווען אַלס הילף פון אַזאַ באַדייטנדיקן רב פאַר דעם אָפּגעשוואַכטן צד פון לעמבערגער רב, איז אָבער געווען זייער געפערלעך מיט זיין לעצ־

טער קאָנסעקווענץ. דאָס האָט געמוזט געענדערט ווערן פאַר יעדן פרייז — האָט באַשלאָסן מהר״ם. מען האָט אַוועקגעשיקט אַ שליח קיין פוזין, כדי צו פועלן ביים אַלטן רב, ער זאָל מסכים זיין אויף אַ צווייטן גט.

אגב, האָט באַלד זיך געדאַרפט צונויפקומען דער „ועד אַרבע אַרצות״ אויף זיין ווינטער־סעסיע אין לובלין און מען האָט זיך געגרייט אויפצונעמען דאָרט נאָכאַמאָל די פראַגע פון דער גילטיקייט פון „ווינער גט״. די אַנטשיידונג פון פוזנער רב איז געווען פון גרעסטער באַדייטונג.

ס'האָט נישט געדויערט מער ווי צוויי וואָכן בערך (פון 21טן שבט ביזן 7טן אָדר), און דער שליח פון לעמבערג איז צוריקגעפאָרן מיט אַ נייער דערקלערונג פון ר' מרדכי יפה. דער גטיעג איז זיכער געווען פאַרורזאַכט דורך דער סעסיע פון „ועד אַרבע אַרצות״, וואָס האָט אויף דעם טאָג־אָרדענונג געהאַט אויסדריקלעך אויך דעם ענין פון „ווינער גט״.

ר' מרדכי יפה האָט זיך געלאָזט איבערצייגן.

ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוול דירעקט צום „ועד אַרבע אַרצות״ און דאָרט אויסגעפירט אַט וואָס:

אמת, ער האָט פריִער געהאַט באַשלאָסן ביי זיך, און אַזוי אויך פאַרמולירט זיין פסק, אַז בת־שבע קען נישט פריי ווערן מיט אַ צווייטן גט, וועלכן יצחק זאָל איר עווענטועל געבן, אָבער דאָס איז געווען נאָר אויפן סמך פון דער באַשרייבונג פון די פאַקטן, וועלכע ער האָט געהאַט פון ר' יהושע־פאַלקן. דערנאָך האָט ער באַקומען אַ גאַנץ אַנדערע באַשרייבונג פון „גרויסן גאון און דעם ליכט פון ישראל, ר' מאיר, ער זאָל לעבן״.

אמת, אַז אַפילו דערנאָך האָט ער, ר' מרדכי יפה, געפסקנט, אַז אַ צווייטער גט קען נישט העלפן בת־שבען, אָבער נאַטירלעך איז דאָס געווען מיט אַ רעזערוואַציע, אַז אויב די זאַך וועט נאָך מער קלאָר ווערן, קען ער, ר' מרדכי יפה, ענדערן זיין מיינונג און זיך אין גאַנצן אָנשליסן צו ר' מאיר בן גדליה.

איצט איז באמת מער קלאָר געוואָרן. „חזרתי ועיינתי בפסקי הראשון ואחרי עיוני בו בעיון נמרץ בעיון אחר עיון ראיתי...״ ער האָט געלערנט און נאָכגעקוקט איין מאָל און נאָך איין מאָל און צום סוף געקומען צום באַשלוס, אַז אַ צווייטער גט קען העלפן, כדי צו פטרן דעם גאַנצן ענין.

ר׳ מרדכי יפה שטרייכט דערביי איינציקע מאָל אונטער, אַז זיין ערשטע סברא איז געווען „זייער פעסט״, אָבער דאָך...

וואָס איז געווען די סיבה, וואָס ר׳ מרדכי יפה האָט אָנגעגעבן, כדי צו באַרעכטיקן זיין ריקצוג? אַזוי ווי דער לעצטער רעשט פון חתונה־פּאָר־העלטניש צווישן יצחקן און בת־שבען, צוליב וועלכן זי איז נישט פריי צו נעמען איצט אַ צווייטן מאַן, שטאַמט פון די ערשטע קידושין, מיט וועלכע ער האָט זי מקדש געווען — דעריבער קען ער דאָס אין גאַנצן איבערהאַקן דורך דעם, וואָס ער וועט איר געבן אַ צווייטן גט.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט געווען קיין שום נייער פאַקט, נאָר אַ סברא, וועלכע ר׳ מרדכי יפה האָט אין זיין גאונות אויף פריִער געקענט מחדש־זיין.

אָבער ער האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין קיין ווייטערדיקע אויפ־קלערונגען. ער האָט גאַנץ קורץ דאָס צוזאַמענגענומען און אויסגעפירט אַזוי:

„איך בין געקומען מודיע צו זיין צו אייער הערלעכקייט, די הויכע און גרויסע בערג, די חכמים פון ישראל, די גאונים פון דער וועלט, וואָס איר זייט זיך צונויפגעפאָרן איצט אויף אַ ועד, כדי צו דיסקוטירן דעם דאָזיקן גט, אַז איך האָב אָנטגילטיג באַשלאָסן... מסכים צו זיין מיטן גרויסן און דערהויבענעם גאון ר׳ מאיר, ער זאָל לעבן, אַז די דאָזיקע פרוי (בת־שבע, הייסט עס) קען ווערן פריי און חתונה האָבן אויך מיט אַ צווייטן גט. אָבער אַז מען זאָל זי קע־נען באַפרייען אויפן סמך פון ערשטן גט, ווי עס איז איינגעפאַלן איינציקע פון די מקילים, דאָס איז גאָר פרעמד און ווייט, און חלילה, אַז מען זאָל ביי יידן איינפירן אַזאַ פאַרגרינגערונג ביי אַזאַ הארבן איסור פון אשת־איש און מערן ממזרים ביי יידן, חלילה, חלילה און חלילה! עס וועט אַזעלכעס נישט פאַסירן ביי יידן צוליב איי־ניקע טעמים, וועלכע איך גיב נאָך מינדלעך איבער מיין פּערזענ־לעכן דעלעגאַט, דעם ליבן און פולשטענדיקן חכם, די קרוין פון דער תורה, איר מאַיעסטעט און הערלעכקייט, דעם אַלוף ר׳ בנימין, דיין פון פויזן, ער זאָל לעבן״.

ר׳ בנימין איז געפאָרן קיין לובלין מיט אַ באַזונדערן אויפטראָג, צו משפיע זיין לטובת דעם מהר״ם אויפן „ועד אַרבע אַרצות״, אין נאָמען פון אַלטן פירער פון „ועד״, וועלכער איז איצט געווען קראַנק און נישט גע־קענט זיך שוין אַליין באַטייליקן אין דער סעסיע. ר׳ בנימין האָט אויך געדאַרפט קעמפן מיט די אָנהענגער פון ר׳ יהושע־פאַלק כהן, אויב זיי זאָלן וועלן גאָר באַוועגן דעם „ועד״ נאָכאַמאָל צו באַשטעטיקן דעם ערשטן פסק, אַז דער „ווינער גט״ איז גילטיק.

אָבער מהר״ם האָט געמאַכט אַ גרויסן סטראַטעגישן פעלער דורך דעם, וואָס ער האָט געלאָזט ר׳ מרדכי יפהן ענדערן זיין ערשטן פסק. ווייל דאָס האָט אַרויסגערופן אַ נייע קאָמפּליקאַציע.

## 9.

ווען ר׳ בנימין, דער פויזנער דיין, איז אָנגעקומען קיין לובלין מיט ר׳ מרדכי יפהס בריוו, אַז ער ציט צוריק זיין ערשטן פסק וועגן „ווינער גט״, האָבן די אָנהענגער פון דער גילטיקייט פון גט תיכף דערשפּירט, אַז די סכנה איז פאַר זיי פאַרביי. די גרויסע אויטאָריטעט פון פויזנער רב וואָלט נאָר אין דעם פאַל געקענט העלפן מהר״מן צום נצחון, ווען זיין פסק וואָלט פאַרבליבן אַזוי ווי ער איז לכתחילה אַרויסגעזאָגט געוואָרן. קוים האָט מען זיך אין לובלין דערוווּסט, אַז דער מחבר פון „לבוש״ האָט געענדערט זיין מיינונג, זענען תיכף צירקולירט געוואָרן שמועות, אַז — ער האָט גאָר אָנערקענט די גילטיקייט פון גט.

ס׳איז אַנטשטאַנען אַ טומל. די אָנהענגער פון ר׳ יהושע־פאַלקן האָבן געליאַרעמט:

— האָט איר שוין געהערט די בשורה, אַז דער פויזנער רב האָט צו־ריקגעצויגן זיין ערשטן פסק און באַשטעטיקט דעם ווינער גט? ר׳ מרדכי יפה האַלט, אַז דער ווינער גט איז גילטיק!

אַזעלכע רייד האָבן זיך צעטראָגן איבער לובלין. ביי דער זיצונג פון „ועד אַרבע אַרצות״ האָט דער שליח פון פויזן, ר׳ בנימין, פאַרזיכערט מיט דער גרעסטער פעסטקייט, אַז דאָס איז אַ ליגן. ער האָט געוויזן דעם בריוו פון ז׳ אָדר שע״ב, אין וועלכן ר׳ מרדכי יפה האָט געשריבן, אַז ער

צײַט צוריק זיין ערשטן פּסק נאָר אין איין פּרט (אַז בת־שבע קען פריי ווערן מיט אַ צווייטן גט). ער האָט איבערגעגעבן די פאַרזאַמלטע רבנים און פרנסים, אַז ר׳ מרדכי יפה האָט אים מינדלעך איבערגעגעבן זיין שטאַרקע פאָדערונג, דער „ועד אַרבע אַרצות" זאָל שוין איין מאָל מבטל־זיין דעם „ווינער גט". אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. ר׳ בנימין האָט געזען, אַז מען גלויבט אים נישט. סוף־סוף איז דאָס אַפילו נישט געווען קיין אומצוטרוי פאַר אים, ווייל ר׳ מרדכי יפה האָט דאָך געקענט, נאָך דעם שליחס אַוועקפאָרן פון פּויזן, נאָכאַמאָל ענדערן זיין מיינונג. אויב דער אַלטער רב האָט זיך צוריקגעצויגן איין מאָל, האָט ער עס געקענט טאָן אויך אַ צווייט מאָל.

עס איז דעריבער נישט געבליבן עפּעס אַנדערש צו טאָן, ווי צו שיקן פון לובלין נאָך אַ שליח קיין פּויזן, וואָס זאָל איבערגעבן ר׳ מרדכי יפהן דעם מצב און ברענגען פון אים אַ פרישן בריוו צום „ועד אַרבע אַרצות".

ווען דער שליח איז אָנגעקומען קיין פּויזן, איז ר׳ מרדכי יפה געלעגן אַ שווער קראַנקער אין בעט. דער שליח האָט אָבער נישט אָפּגעטראָטן און פאַרלאַנגט מען זאָל אים תיכף צולאָזן צום קראַנקן, ווייל די זאַך איז העכסט דרינגנד. דער „ועד אַרבע אַרצות" וואַרט אויף אַ תשובה. אויף אַזאַ אָנזאָג האָט מען פאַר אים געעפנט די טיר.

ר׳ מרדכי יפה איז שוין געווען כמעט אַ גוסס. ער האָט געהאַט צו לעבן נישט מער ווי נאָך צוויי טעג. ווען ער האָט דערהערט, אַז מען זאָגט אויף אים, אַז ער האָט אָנערקענט דעם „ווינער גט" פאַר אַ גילטיקן, האָט ער אָנגעהויבן צו ציטערן פאַר אויפרעגונג. באַלד האָט ער צוגערופן דעם שמש און גענומען דיקטירן אַ בריוו צום „ועד" קיין לובלין.

אָנגעהויבן האָט ער מיט אַ טיטל — גרויס ווי דער וועג פון פּויזן ביז קיין לובלין:

„צו די גרויסע ליכט, וואָס לייכטן פאַר דער ערד און אירע איינוווינער, דאָס זענען די הויפּטן פון גלות, וואָס שטייען אויף דער וואַך, די הערלעכקייטן פון ישראל, די שטאַרקע שילדן, די גרעסטע בני־המעלה, וואָס גייען אויף די העכסטע טרעפּ, וואָס זע־נען פאַרזיכטיק מיט זייערע ווערטער, די דינער פון אויבערשטן,

וואָס אויף זיי שטיצט זיך די ערד, די העלדן, וואָס זענען געזעצט געוואָרן אויף דעם, אַז מען זאָל טאָן דעם רצון פון זייער האַר און דעם פאַרלאַנג פון זייער באַשיצער, די פרנסים און די ראשים און די מנהיגים און די דריי לענדער (דער „ועד״ האָט זיך דעמאָלט אַזוי גערופן), לאַנג לעבן זאָלן זיי, צוזאַמען מיט זייער קרוין אין שפּיץ, דאָס זענען די גרויסע ראשי־ישיבות, אויף וועלכע דאָס ייִדישע הויז שטיצט זיך, די גערעכטע וועגווייזער, וואָס פאַרפעס־טיקן אַלע שפּאַלטן, די העלדן, וואָס לייכטן און מאַכן העל, וואָס זיצן פון פאָרנט אין דער מלוכה און פאַר יעדער אמתדיקער זאַך. היטן זאָל זיי דער אמתדיקער היטער אויף תמידו!״

דאָן האָט ער געשריבן אַזוי:

„נאָכדעם, ווי איך האָב אין מיין ערשטן און אין מיין לעצטן פּסק אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די פרוי, וואָס איז געגט געוואָרן אין ווין האָט נישט קיין שום היתר, אַז זי זאָל קענען נאָכאַמאָל חתונה־האָבן מיט אַן אַנדערן מאַן, נאָר דווקא דורך אַ צווייטן גט... האָב איך זיך דערוווסט, אַז די, וואָס זענען מקיל, באַרימען זיך, אַז זיי קענען מיך איבערצייגן, איך זאָל צוריקציִען מיין פּסק און מסכים־זיין מיט זיי...

„גאָט, וואָס גיט לעבן צו יעדן באַשעפעניש, ווייסט און איז אַן עדות, אַז אַזאַ פרעמדע מחשבה איז מיר גאָר נישט אויפגעגאַנ־גען; ס׳איז פּיגול, וואָס וועט קיינמאָל נישט זיין צום איינוויליקן דאָס, וואָס זיי קלערן!

„איך ליג איצט אויף מיין קראַנקן־בעט און בין אָפּהענגיק פון געריכט פון מלך מלכי המלכים, געלויבט איז ער, ער זאָל מיר העלפן מיט אַ רפואה פון דער דאָזיקער קרענק; און איך וויל באַ־פעסטיקן און באַקרעפטיקן מיינע לעצטע רייד, אַז מען טאָר נישט מתיר זיין נאָר דורך אַ צווייטן גט. יעדער, וואָס איז דאָ מקיל, איז מתיר אַן אשת איש און מערט ממזרים ביי ייִדן.

„חלילה, חלילה — דריי מאָל! מען טאָר דאָס גאָרנישט נעמען אין באַטראַכט! זי (די פרוי בת־שבע) איז נאָך פאַרבונדן מיטן מאַן ישראל־יצחק!...

„איך בעט אייך, קוקט נישט אויף די מקילים. אדרבה, אייע־רע הויכקייטן זאָלן זיך בייזערן אויף זיי (אויף די מקילים, הייסט עס)...

„וועקט אייך אויף, וועקט אייך אויף!...

„איך וועל קיינמאָל נישט צוריקציִען מיין לעצטן פּסק, וואָס איך האָב איבערגעגעבן מיין ליבלינג, דעם געטלעכן פריינד און נשיא, פּרעכטיקן תורה־מענטש ר׳ בנימין דיין. ווי זאָל איך טאָן אַזאַ שלעכטס, מתיר צו זיין אַן אשת איש?

„איך האָב אייך אויפגעדעקט אַלע געהיימנישן פון מיין האַרץ, און נעמט דאָס אָן פון מיר, אַז בת־שבע, די טאָכטער פון רייכן ר׳ פייוויש פון ווין, טאָר נישט חתונה האָבן אָן אַ צווייטן גט..

„איך שרייב זיך אונטער מיט ציטערדיקע הענט, אין ראש־חודש אָדר שני שע״ב,

מרדכי, וואָס ווערט גערופן יפה״.

אַזוי ווי די אונטערשריפט איז געווען אַזוי ציטערדיק געשריבן, אַז מען האָט גאָרנישט געקענט מער דערקענען די אותיות, האָט דער שמש און דער סופר באַשטעטיקט, אַז דאָס איז די חתימה פון אַלטן און קראַנקן רב. מען האָט מורא־געהאַט, אַז די אָנהענגער פון דער גילטיקייט פון „ווי־נער גט״ וועלן נאָך זאָגן, אַז דער בריוו איז אַ געפעלשטער.

צוויי טעג שפּעטער איז ר׳ מרדכי יפה שוין געשטאַנען פאַרן בית־דין של מעלה. ווען דער שליח פון פּויזן איז אָנגעקומען קיין לובלין, האָט שוין דער גרויסער מחבר פון די „לבושים״ נישט מער געלעבט. מהר״ם איז געווען פולשטענדיק איזאָלירט. דאָס קורצע בריוועלע פון ראש־חודש אָדר שני שע״ב איז געלייענט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס אַלס לעצטער פּסק פון פּויזנער רב, אָבער די מיינונג פון די רבנים און פּרנסים פון „ועד אַרבע אַרצות״ איז שוין געווען אַן אָפּגעמאַכטע.

דער „ועד״ האָט נאָכאַמאָל באַשטעטיקט די גילטיקייט פון גט.

ר׳ בנימין־אהרן סאָלניק, דער פּאָדהייצער רב, איז באַשטימט גע־וואָרן צו פאָרמולירן דעם אַנטגילטיקן פּסק פון „ועד אַרבע אַרצות״. פריִער איז, נאַטירלעך, פאָרגעקומען אַ מינדלעכע דיסקוסיע, בשעת וועלכער

מהר״ם איז געוואָרן אַזוי שאַרף אָנגעגריפן, אַז ס׳האָבן אים אַזש פאַר־פעלט אַרגומענטן. ער האָט, צום ביישפּיל, נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף אַ פראַגע פון ר׳ יואל סערקעש; „פאַרוואָס ווערט דער דאָקומענט פון גט דורכגעשניטן מיטן קרע בית־דין אַפילו ביי אַ שכיב־מרע, אויב דער דאָזיקער גט זאָל נישט מער זיין ווי אַ גט על תנאי?״ געוויינלעך ווערט אַ גט, נאָך דעם ווי דער מאַן גיט אים דער פרוי און די צערעמאָניע איז פאַרענדיקט, דורכגעשניטן, וואָס זאָל אויסדריקן, אַז ער האָט שוין אויס־געפירט זיין צוועק. אָבער ביי אַ גט שכיב־מרע, לויט דער אינטערפּרעטאַ־ציע פונעם מהר״ם, האָט דער דאָקומענט געדאַרפט נאָך פאַרבלייבן גאַנץ, וויל ער האָט נאָך נישט גאַנץ אָפּגעדינט. טאָ פאַרוואָס האָט מען אים דורכגעשניטן? מהר״ם האָט נישט געהאַט אויף דער טענה קיין ענטפער.

אין פּסק, וואָס ר׳ בנימין־אהרן סאָלניק האָט אויפגעשריבן „מיט דער הסכמה פון די רבנים״, איז געוואָרן דערקלערט, אַז יעדער גט פון אַ „שכיב־מרע״ איז, לויט דער תקנה פון ר׳ יחיאל פון פאַריש, אַ ווירקלעך באַדינגונגסלאָזער און האָט נישט קיין שום באַהאַלטענעם תנאי אין זיך. ער איז גילטיק אויך אין פאַל ווען דער מאַן ווערט געזונט. דער אָפּמאַך צווישן מאַן און פרוי, אַז זיי וועלן שפּעטער נאָכאַמאָל חתונה האָבן, קען ווערן פון זיך צוריקגעצויגן.

ר׳ מאיר בן גדליה, דער לעמבערגער רב, איז צוריקגעפאָרן פון לוב־לין אַ פולשטענדיק באַזיגטער. ווי עס האָט שפּעטער געשריבן ר׳ דוד הלוי אין זיין באַרימטן פּירוש צום „שולחן ערוך״, וואָס רופט זיך „טורי זהב״ (צום חלק „אבן העזר״ סימן קמ״ה), האָבן „כמעט אַלע רבנים״ זיך אַרויס־געזאָגט קעגן מהר״ם.

ער האָט אָבער פאַרשפּילט נישט נאָר דעם דין פון אַ גט שכיב־מרע. ער האָט אויך פאַרלוירן דאָס לעמבערגער רבנות.

אַן אַלטע פאַרצייכענונג אין אַ פּנקס זאָגט, אַז „ס׳איז אָנגעקומען אַ שקריפט פון קעניג, אַז מהר״ם מוז פאַרלאָזן לעמבערג״. דאָס האָט געזאָלט זיין דער סוף פון זיין מחלוקת מיט ר׳ אברהם־שרענצל ראַפּאָפּאָרט.

די ידיעה טראָגט אַ לעגענדאַרן כאַראַקטער. ס׳איז שווער אָנצונע־מען, אַז פּשוט צוליב דעם נישט־געפעלן אַ רייכן באַלעבאָס זאָל ר׳ מאיר בן גדליה האָבן פאַרשפּילט דאָס לעמבערגער רבנות. גיכער ווייזט אויס,

אַז נאָך דעם לעצטן באַשלוס פון „ועד אַרבע אַרצות״ האָבן דעם מהר״מס קעגנער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אַוועק. זיי האָבן אויסגעפירט און ר׳ מאיר האָט קאַפּיטולירט. ער איז אַוועק אין זיין אַלטער שטאָט לובלין, ווו מען האָט אים באַלד געשטעלט ווידער אין שפּיץ פון דער שטאָטישער רבנות.

מהר״ם איז געשטאָרבן דריי יאָר נאָך דעם לעצטן באַשלוס פון „ועד אַרבע אַרצות״ וועגן „ווינער גט״, אין יאָר שע״ו. זיין טויט איז פאַרגעקור־מען ביי מיסטעריעזע אומשטענדן. דער קבר איז פאַרשוווּנדן און בכלל איז אַ ספק, צי ער האָט זיך געהאַלטן אין לובלין ביז צום סוף פון זיין לעבן.

זיין קעגנער, דער זיגער פון „ווינער גט״, ר׳ יהושע־פאַלק כהן, איז געשטאָרבן באַלד נאָכן נצחון, אין יאָר שע״ד.

דער מגרש פון ווין איז פאַרבליבן אין לעמבערג. ער שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער דאָזיקער שטאָט. „יצחק אַבראַהאַמאָוויטש״, וואָס איז איי־דענטיש מיט אונדזער „ישראל־יצחק בן ר׳ אברהם וואָלפש״, ווערט אַ גרויסער גביר און ווערט אָפט דערמאָנט אין די פּוילישע און לאַטייניש־דאָקומענטן פון זיין צייט. אין יאָר 1626 באַרגט ביי אים דער קעניג וולאַ־דיסלאָוו דער פערטער אַ היפּשן סכום. אין יאָר 1634 באַקומט ער פון דאָזיקן קעניג וויכטיקע פערזענלעכע פּריווילעגיעס.

בת־שבע אין ווין לעבט שוין אין אַ גאַנץ אַנדערער וועלט. וועגן איר שווייגן די שפּעטערדיקע מקורים. זי איז נאָר געוועזן ווי אַ קליינער פּונק, וואָס האָט אָנגעצונדן אַ גרויס פייער צווישן די רבנים פון פּוילן פון 17טן יאָרהונדערט. דאָס פייער איז פאַרלאָשן געוואָרן און פון יענעם פּונק איז מער קיין זכר נישט געבליבן.

# ווי אַ רייכער גוי איז אַמאָל געוואָרן אַ סוחר מיט אתרוגים

.1

אין דער צווייטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט האָבן די ייִדישע קהילות אין פוילן געהאַט איין גרויסע, בשותפותדיקע דאגה: ווו נעמט מען געלט צו באַצאָלן חובות? די גוואַלדיקע הוצאות, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן העלפן די אומגליקלעכע קרבנות פון כמיעלניצקיס באַנדעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן די שחיטות און הריגות אויף ייִדן אין יאָר 1648 — די דאָזיקע הוצאות האָבן כמעט אויסגעשעפּט די בודזשעטן פון די איינצלנע קהילות און פון זייער צענטראַלער אינסטאַנץ, דעם „ועד אַרבע אַרצות". נישט האָבנדיק קיין אַנטשפּרעכנדע הכנסות, איז פאַר זיי נישט געבליבן קיין אַנדערער אויסוועג, ווי צו באָרגן געלט. מען האָט נישט צופיל געקלערט, בשעת די נויט האָט צוגעדריקט. ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט, האָט מען געבאָרגט: ביי גלחים, ביי די גרויסע פּריצים און ביי גוייִשע סוחרים אויף די מערק. מען האָט זיך נישט צופיל געדונגען וועגן די פּראָצענטן. אָפט ווען עס איז אונטערגעקומען די צייט פון באַצאַלן אַ וועקסל, האָט מען געבאָרגט אַ נייעם גמילת חסד, כדי צו קענען באַצאָלן כאָטש די פּראָצענטן פון אַלטן חוב. אַזוי האָט מען געלייגט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, און דער קאָשמאַר פון די חובות איז געוואָרן וואָס אַ יאָר אַלץ שווערער און דריקנדער.

אין יאָר 1676 האָט דער „ועד אַרבע אַרצות" געבאָרגט אַ היפּשן סכום אין דער שלעזישער הויפּטשטאָט ברעסלוי. עס קען אַפילו זיין, אַז דאָס איז נישט געווען קיין נייער חוב, נאָר אַ רעגולירונג פון עפּעס אַן אַלטער הלוואה. גענוג, אַז עס איז פאַראַן אַ דאָקומענט, וועלכער זאָגט,

אַז אין יענעם יאָר האָבן די פירער פון „ועד אַרבע אַרצות" צוגעגעבן פאַר די מוניציפּאַלע אינסטאַנצן פון דער שטאָט ברעסלוי, אַז זיי זענען שול־דיק דעם דאָרטיקן סוחר קריסטאָף ברעסלער אַ קיימאַ־לן פון 12.120 רייכסטאַלער, און זיך גלייכצייטיק פאַרפליכטעט אָפּצוצאָלן אָט־דעם חוב במשך פון צוועלף יאָר.

אָבער ס'איז לייכטער געווען צוצוזאָגן אַזאַ אָפּצאָל, ווי צו האַלטן דעם צוזאָג. דער „ועד אַרבע אַרצות" האָט נישט געקענט האַלטן דאָס וואָרט און קריסטאָף ברעסלער האָט אין יאָר 1677 נישט באַקומען קיין געלט, נאָר אַ נייעם צוזאָג אויף איבער אַ יאָר. אין 1678 האָט זיך דאָס זעלבע איבערגעחזרט. אין 1679 האָט ביים גוי געפּלאַצט דאָס געדולד און ער האָט געלאָזט אַרעסטירן די פאַרטרעטער פון „ועד", וועלכע זענען גע־קומען קיין ברעסלוי מאַכן מסחרים. דער אַרעסט האָט נישט געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ ווירקלעכער תפיסה, נאָר עס איז זיי געוואָרן פאַרבאָטן אָוועקצופאָרן פון שטאָט.

זיי זענען דאָן געפאַלן אויף פאָלגנדער המצאה: מען האָט אַרויפגע־לייגט אויף אַלע איינצלנע סוחרים, וועלכע זענען געקומען האַנדלען אין ברעסלוי, אַ געוויסן אָפּצאָל. אַזוי ווי דער האַנדלס־פאַרקער דורך שלעזיע איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט, האָט מען געהאָפט צו קענען איינקאַסירן אויף אַ שנעלן אופן אַ סכום, וואָס זאָל קלעקן אויף אַ ראַטע פאַר ברעס־לערן. ווער עס האָט גוטוויליק נישט באַצאָלט, איז געוואָרן איינגעזישבנט.

אָבער באַלד האָט זיך אַנטוויקלט אַ נייע קאָמפּליקאַציע. דער קייזער־לעכער שטייער־קאָלעקטאָר אין ברעסלוי האָט מורא געקראָגן, אַז די סוח־רים וועלן אויסמיידן ברעסלוי און עס וועט בכלל שאַטן דעם לאָקאַלן מסחר. איז אַוועק אַ בריוו פון פּרעזידענט פון דער „קייזערלעכער קאַמער" צום שטאָט־ראַט פון ברעסלוי מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט און אָנווייז, אַז מען זאָל בעסער צוריקציִען די ייִדישע פאַרטרעטער, זיי זאָלן אַליין באַצאָלן דעם חוב צו ברעסלערן.

אין פּוילן האָט דעמאָלט געהערשט אַ „מלך של חסד", דער העלדי־שער יאַן סאָביעסקי, צו וועמען ייִדן האָבן געהאַט אַ צוטריט. ס'איז נישט שווער געווען צו אים צוצוקומען און דערציילן, וואָס די ייִדן ליידן אין ברעסלוי צוליבן שווערן חוב. האָט יאַן סאָביעסקי, דעם 20סטן אָקטאָבער

1679, אָנגעשריבן אַ בריוו צום שטאָט־ראָט פון ברעסלוי און געבעטן משפּיע צו זיין אויף קריסטאָפן, ער זאָל דאָך מטיב זיין מיט די פּוילי־שע ייִדן.

דער דייטש האָט זיך, ווייזט אויס, נישט צופיל געמאַכט פון דער קע־ניגלעכער אַריינמישונג, ווייל באַלד איז דער קייזערלעכער קאַמער־פּרעזי־דענט (זיכער אויף קריסטאָפס פאַרלאַנג) אַרויס מיט אַ נייער אָנקלאַגע קעגן די שליחים פון „ועד אַרבע אַרצות״. ער האָט געפאָדערט אַז מען זאָל זיי באַשטראָפן מיט צען טויזנט טאָלער און זיי האַלטן פאַרשפאַרט אין תפיסה אַזוי לאַנג ווי דער קנס וועט נישט באַצאָלט ווערן. די אָנקלאַגע איז געווען אויפגעבויט אויף דעם, אַז זיי האָבן פאַרבראָכן קעגן דעם „יוס סופּעריאָריטאַטיס״ (האָהייטס־רעכט) פון זיין מאַיעסטעט דעם רוימישן קייזער (אַזוי האָט געקלונגען זיין אָפיציעלער טיטל) און געוואָלט באַ־עוולהן דעם קייזערלעכן צאָל־איינקונפט. ס׳איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס, ביי וועלכן די ייִדן זענען דורכן שטאָט־ראָט באַפרייט געוואָרן פון דער אָנקלאַגע (ווייל מסתמא האָט סאָביעסקיס בריוו דאָך אויף אַזוי ווייט געווירקט).

אָבער דאָס האָט נישט אַריינגעבראַכט אַפילו קיין איין גראָשן צו שטייער דעם חוב, וואָס איז, צו אַלע צרות, געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. די פּראָצענטן זענען אויך נישט געצאָלט געוואָרן און אין אייניקע יאָרן אַרום רעדט זיך שוין פון גאַנצע פופצן טויזנט טאָלער, וועלכע דער „ועד אַרבע אַרצות״ איז שולדיק קריסטאָף ברעסלערן.

.2

דעם 13טן אַפּריל 1685 האָט דער מלך יאַן סאָביעסקי מסכים־געווען, אַז מען זאָל „זיינע״ ייִדן פאַרהאַלטן אין ברעסלוי פאַרן חוב. עס איז גע־וואָרן אַ רעש.

מען האָט זיך געמוזט אויסגלייכן מיט קריסטאָף ברעסלערן ווייל עס האָט באמת געשמעקט מיט תפיסה. דער „ועד אַרבע אַרצות״ האָט געגעבן כח־והרשאה צום ליסער פּרנס, ר׳ אהרן־יצחק, אַז ער מיט נאָך צוויי אַנ־דערע שלוחים זאָלן דעם ענין דערליידיקן. אָבער מיטן כח־והרשאה אַליין

האָט ר׳ אהרן־יצחק גאָרנישט געקענט אויפטאָן. מען האָט צו דעם געדאַרפט האָבן עפּעס מער — און דאָס האָט ער נישט געהאַט. ער איז דעריבער קיין ברעסלוי נישט געפאָרן. אַנשטאָט אים זענען געקומען דער פּויזנער פּרנס, ר׳ שמואל־לייבל, און אַן אַנדערער פּרנס פון ליסע, ר׳ לייבל־יונה. זיי האָבן, נאַטירלעך, זיך פאַרענטפערט, אַז זיי האָבן נישט קיין פולמאַכט פון „ועד אַרבע אַרצות״. ווען מען האָט לענגער נישט געקענט פאַרציִען די פאַרהאַנדלונגען, האָבן זיי דעם 22סטן דעצעמבער 1685 אונטערגעשריבן אַ פאָרמעלע התחייבות, אַז במשך פון דריי וואָכן וועט זיך ר׳ אהרן־יצחק באַווייזן אין ברעסלוי און אויב נישט — דאַן וועלן זיי אַליין באַצאָלן דעם חוב.

אָנהייב 1686 האָט מען ווייטער פאַרהאַנדלט מיט ברעסלערן. ר׳ אהרן־יצחק האָט פאַרלאַנגט, ער זאָל רעדוצירן די פּראָצענטן, אָבער דער דייטש האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן דערפון. מען האָט אַלזאָ ווייטער געשלעפּט ווי לאַנג ס׳האָט זיך געלאָזט. דערווייל זענען אַנדערע געלאָפן צו סאָביעסקין נאָך הילף. דעם 28לטן מאַי 1686 שרייבט דער פּוילישער מלך אַ נייעם בריוו צום שטאָט־ראָט פון ברעסלוי. ער בעט זיך דאָרט רחמים פאַר די ייִדן און דערמאָנט, אַז דער שטרענגער בעל־חוב דאַרף דאָך נעמען אין באַטראַכט, אַז ער האָט די ייִדן נישט געגעבן קיין מזומן געלט, נאָר סחורה, פאַר וועלכע „ער האָט זייער פיל באַרעכנט״. עפּעס אַ נישט־קלאָרער רמז, וועלכן ברעסלער האָט אַליין זיכער גוט פאַרשטאַנען.

אין 1691 זענען אויפן גאַנצן חוב געווען באַצאָלט 412 טאָלער. ברעס־לער האָט דאַן געלאָזט אַרעסטירן פיר פּרנסים, וועלכע זענען געווען אין ברעסלוי: לייבל־מרדכי פון קראָטאָשין, יעקב־זעליק פון קאַליש, משה־לייבל פון פּויזן און שמעון־יעקב פון וואָידיסלאַוו. מען האָט זיי, מיט זיין הסכמה, באַפרייט ערשט ווען זיי האָבן, דעם 29סטן סעפּטעמבער 1691, אונטערגעשריבן אַ פאַרפליכטונג, אַז ביז זיבן וואָכן מוז דער חוב ווערן רעגולירט דורכן „ועד אַרבע אַרצות״. אויב נישט — האָט זיך געזאָגט אין דעם דאָקומענט — וועט ברעסלער האָבן דאָס רעכט צו שיקן אין תפיסה נישט נאָר זיי, נאָר אַלע ייִדן, וואָס וועלן קומען קיין ברעסלוי און צו קאָנפיסקירן זייערע סחורות.

אָבער אַפילו בשעת דער חלף איז אַזוי געלעגן אויפן האַלדז האָט דער

„ועד״ נישט געצאָלט. דעם 10טן דעצעמבער פון זעלבן יאָר 1691 פאַר־פליכטן זיך ווייטער יידישע פאָרשטייער אין ברעסלוי, אַז מען וועט אַלץ טאָן, כדי ברעסלער זאָל ווערן באַפרידיקט. אין דאָקומענט שטייט נישט ווי אַזוי, אָבער עס ווייזט אויס, אַז מען האָט ווידער געהאַט בדעה אַרויפ־צולייגן אַן אַפּצאָל אויף די סחורות, וואָס מען האָט אַריינגעבראַכט קיין ברעסלוי. די יידן האָבן דאָן גענומען אויסמיידן די שטאָט און געפירט זייערע סחורות קיין דאַנציק. דעם 7טן יאַנואַר 1692 מאַכט די „קייזער־לעכע קאַמער״ אין ברעסלוי אַ גרויסן גוואַלד און פּראָטעסטירט צום שטאָט־ראַט קעגן דער עוולה, וואָס קען דורך דעם ווערן געטאָן צו זיין מאַיעסטעט.

די לאַגע איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער פאַרצווייפלט. דעם 5טן יולי 1692 שרייבן יידישע שלוחים אין ברעסלוי ווידער אונטער אַ כתב, אין וועלכן זיי פאַרזיכערן ברעסלערן, אַז במשך פון צוויי חדשים וועט דער „ועד ארבע ארצות״ אויפן יריד אין יאַראָסלאַוו ליקווידירן זיין חוב. דער יידן־פריינדלעכער יאַן סאָביעסקי האָט באַלד דערויף באַפוילן זיין אַמבאַ־סאַדאָר ביים דייטשן קייזער, ער זאָל אויפנעמען די פראַגע פון פּראָטעסט, וואָס די קאַמער אין ברעסלוי האָט אַריינגעשיקט צום שטאָט־ראַט. גלייכ־צייטיק האָט דער מלך געשריבן צום שטאָט־ראַט אַליין און, לאָזנדיק אים וויסן וועגן דער אינטערווענץ ביים קייזער, אים געבעטן אָפּצוּוואַרטן מיט די שריט קעגן די יידן.

דאָס וואָלט אָבער אַלץ נישט גענוצט, ווייל די קאַסע פון „ועד ארבע ארצות״ איז געווען ליידיק, און מיט ליידיקע הענט האָט מען נאָך קיין מאָל נישט באַוויזן צו באַצאָלן אַ חוב, ביז גאָט האָט געהאָלפן און די ראשים פון „ועד ארבע ארצות״ זענען געפאַלן אויף אַ געניאַלער המצאה, וועלכע האָט געראַטעוועט די סיטואַציע.

## 3.

טראַכטנדיק וועגן אַ מעגלעכקייט צו באַצאָלן דעם חוב, וואָס איז גע־קומען ברעסלערן, האָט מען אויפן יאַראָסלאַווער יריד פון „ועד אַרבע ארצות״ אין יאָר 1692 באַשלאָסן אויסצוגעפינען אַ נייעם מקור פאַר אַ

הכנסה, און דווקא אין ברעסלוי, וואָס זאָל זיך מער נישט אָנשטויסן אויף דער קעגנערשאַפט פון זיין דייטשער מאַיעסטעטס קאַמער. דער נייער מקור איז געווען — אַ מסחר מיט אתרוגים.

פאַר אַ געהעריקן אָפּצאָל האָט מען פאַרדונגען אויף צוואַנציק יאָר דעם יִדן הערשל־בנימין פון בייטהען אין איבערשלעזיע אַ מאָנאָפּאָל צו אימפּאָרטירן אתרוגים קיין פוילן. מען האָט צוגעגרייט אַן אָפּמאַך, וועלכער איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין אָפּיציעלן ברעסלויער „סיגנאַטור־בוך" דעם 3טן יאַנואַר 1693 און וועלכער האָט אַנגעהאַלטן פאָלגנדע פונקטן:

1) די פאַרשטייער פון „ועד ארבע ארצות", ר' חיים־דוד פון לעמבערג, ר' פייוויש־יוסף פון פויזן, ר' הילמאַן־שמואל פון קראָטאָשין און ר' יעקב לאַזאַראָוויטש פון פינטשעוו, האָבן איבערגעגעבן אויף צוואַנציק יאָר דאָס רעכט צו פירן אתרוגים (אויף דייטש: „פּאַראַדיס־עפּפעל"), אויסשליסלעך דורך ברעסלוי, פאַר די יִדן פון פוילן, צו הערשל־בנימין פון בייטהען;

2) אויב וועלכער אַנדערער מענטש זאָל באַקומען דאָס זעלבע רעכט צו ברענגען אתרוגים קיין פוילן, אָדער פון זיין מאַיעסטעט דעם קעניג אָדער פון אַ מאַגנאַט, דאַן זענען די פאַרשטייער פון „ועד אַרבע אַרצות" מחוייב צו זאָרגן דערפאַר, אַז יענער זאָל זיך פון דעם אָפּזאָגן. אויב דאָס וועט זיך נישט איינגעבן, דאַן מוזן זיי באַצאָלן אַ קנס פון 4.000 רייכסטאָלער, יעדער טאָלער באַרעכנט צו דרייסיק זילבערנע גראָשן, וועלכער סכום דאַרף ווערן אַזוי פאַרטיילט: פאַר זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט 1.000 טאָלער (דורך דער „קאַמער" אין ברעסלוי), פאַר זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט אין פוילן אויך 1.000 טאָלער און פאַר הערשל־בנימינען די איבעריקע צוויי טויזנט טאָלער.

3) אויב דער דערמאָנטער הערשל־בנימין זאָל פון זיין זייט נישט האַלטן דעם אָפּמאַך (ד"ה נישט באַצאָלן פאַרן אתרוגים־מאָנאָפּאָל אַזוי פיל ווי ער האָט זיך מתחייב־געווען), דאַן מוז ער אויך באַצאָלן דעם זעלבן קנס פון 4.000 טאָלער. די חלקים פוןביידע מאַיעסטעטן זענען אין דעם פאַל נישט געמינערט געוואָרן, דאַקעגן די צוויי טויזנט טאָלער האָבן פון הערשלען געזאָלט באַקומען די פאַרשטייער פון „ועד ארבע ארצות";

וואָס האָט פון דעם אָפּמאַך געדאַרפט געניסן קריסטאָף ברעסלער?

לויט ווי עס ווייזט אויס, איז ער געוואָרן אַ שותף צום אתרוגים־מאָנאָפּאָל, און דאָס אויף צוויי אופנים:

ערשטנס האָט ער באַקומען אויסגעצאָלט תיכף אין אָנהייב פון יאָר 1693 די ראַטע פון טויזנט טאָלער (ווייל דער „ועד״ האָט באַקומען געלט פון הערשלען).

צווייטנס איז דער בייטהענער (אָדער בענדינער, ווי ער ווערט אין אַן אַנדערן דאָקומענט אָנגערופן) יִיד נאָר געווען אַ פּופּציק־פּראָצענטיקער מאָנאָפּאָליסט. ער האָט געדאַרפט די אתרוגים פירן פון ברעסלוי קיין פוילן. אָבער ווער האָט זיי געזאָלט ברענגען קיין ברעסלוי?

נישט אַנדערש ווי קריסטאָף ברעסלער!

דער רייכער דייטש האָט אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט אתרוגים אין זעלבן יאָר 1693 און געבראַכט אַ גרויסן טראַנספּאָרט פון גענוא, איטאַליע.

הערשל בנימין האָט אים איינגערעדט, אַז מען וועט פונעם אתרוגים־מסחר פאַרדינען אַ פאַרמעגן. עפּעס אַ קלייניקייט: אַזאַ מאָנאָפּאָל פאַר גאַנץ פוילן!

האָט קריסטאָף ברעסלער אַריינגעלייגט פריש געלט אין גאָלדענעם עסק, און — — —

צי עס זענען אַלע פּיתום׳ס אויפן וועג צעבראָכן געוואָרן, צי עס האָט פּאַסירט אַן אַנדער אומגליק, געגנוג, אַז דעם 7טן אָקטאָבער 1693, איז ווי־דער פאַראַן אַ ניי כתב אין דעם ענין.

אונטער דעם דאַטום איז אין „סיגנאַטור־בוך״ פון ברעסלוי אַריינ־געטראָגן געוואָרן אַ התחייבות פון „הערשל בנימין דעם יִיד פון בייטהען״, צו באַצאָלן דעם חוב פון 334 רייכסטאָלער, וועלכן ער איז שולדיק געבליבן דעם הער קריסטאָף ברעסלער פאַר די דורך אים באַשטעלטע „פּאַראַדיס־עפּפעל״ פון גענוא. אַזוי ווי דער דייטש האָט געהאַט אַ קנאַפּע אמונה אין אַזעלכע התחייבותן, האָט אונדזער ר׳ הערשל געמוזט געבן אַ נישט־קשהדיקן משכון: 1.400 פּערל, וועלכע זענען געווען אַרויפגעצויגן אויף פיר שנירלעך. צו דעם נאָך עפּעס: אַ וועקסל אויף 194 טאָלער, אונטער־געשריבן דורך הערשלען און צוויי פּרנסים, ר׳ חיים־דוד און ר׳ מיכאל־

אברהם. און נאָך עפּעס: אַן אָבליגאַציע אויף 250 רייכסטאָלער, אונטער־געשריבן פון די פּרנסים פון קליין־פּוילן.

דאַן ווערט פאַרצייכנט: „דער רב פון קראָטאָשין איז געשטאַנען דער־נעבן און צוגעזאָגט צו געבן ברעסלערן דאָס געלט, וואָס מען וועט לייזן פאַר די אתרוגים, וועלכע ער האָט איבערגענומען צום פאַרקויפן. דער דייטש האָט, אַלזאָ, געמאַכט אַ באַשלאָג אויף די הכנסות פון זיין נייעם מסחר ביי די אָפּנעמער.

און איין מאָל שוין אַריינגעקראָכן אין דעם אתרוגים־מסחר, האָט קריסטאָף ברעסלער פון דער צרה לאַנג נישט געקאָנט פּטור ווערן.

ער האָט געמוזט, אָנהייבנדיק פון יאָר 1693, כסדר אימפּאָרטירן „פּאַראַדיס־עפּפעל", מירטען אונד פּאַלמען" (אתרוגים, הדסים און לול־בים) פון איטאַליע, ווייל פון דעם איז געוועז אָפּהענגיק דאָס צאָלן די ראַטע, וועלכע דער „ועד ארבע ארצות" האָט לגבי אים זיך מתחייב געווען.

דער גוי האָט זיך כסדר מיט דעם געמוטשעט: וואָס ער האָט גע־קראָגן באַצאָלט אויפן חוב — האָט ער אַריינגעלייגט אין אתרוגים־מסחר. אַזוי איז די זאַך געגאַנגען אייניקע יאָר, ביז דער אתרוגים־מאָנאָפּאָל איז געוואָרן אַן אָפיציעלער ענין פאַר דעקרעטן פון פּוילישע מלכים.

## 4.

קאָנקורענטן האָבן אָנגעהויבן צו פירן איטאַליענישע אתרוגים קיין פּוילן דורך אַנדערע וועגן, ווי ברעסלוי, און דאָס האָט באַדראָט דעם גאַנצן אָפּמאַך.

עס איז נישט געבליבן עפּעס אַנדערש צו טאָן ווי צו בעטן דעם מלך סאָביעסקי, וועלכער האָט שוין אַזוי פיל מאָל געהאַט פריִער אינטערווענירט אין ברעסלוי וועגן קריסטאָפס חוב און איז געווען צופרידן וואָס מען האָט אים כאָטש אַ קורצע צייט געלאָזט צורו — אַז ער זאָל דעם אתרוגים־מאָ־נאָפּאָל סאַנקציאָנירן.

געפינט זיך אין ברעסלויער שטאָטישן אַרכיוו אַן אָפּשריפט פון סאָביעסקיס דעקרעט (אַריינגעטראָגן שוין נאָכן קעניגס טויט, אין יאָר 1698), אין וועלכן עס ווערט געזאָגט:

אַזוי ווי די ייִדן פון פוילישן קעניגרייך האָבן געפונען אַ וועג צו באַצאָלן זייער חוב צום הער קריסטאָף ברעסלער, און אין שייכות דערמיט דאַרף הערשל־בנימין און צוויי אַנדערע ייִדן, מתתיהו וועד־לינוס און הערץ אברהם, האָבן דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו האַנד־לען מיט אתרוגים (אין לאַטייניש טעקסט פון דעקרעט הייסט דאָס: „פּאָמאַ פּאַראַדיסיאַקאַ״, ד״ה גן־עדן־פּרוכטן), וועלכע קיינער אויסער דעם דערמאָנטן קריסטאָף ברעסלער דאַרף ברענגען פון איטאַליע, ווערט באַשטימט, אַז קיין שום אַנדערער ייִד טאָר נישט אימפּאָרטירן אתרוגים פון איטאַליע, אויב עס וועט ווער וואַגן אין געהיים דאָס צו טאָן — וועט ער באַשטראָפט ווערן.

דער דעקרעט פון קעניג איז געווען אַדרעסירט צום הויפּט־קאַפּיטאַן (סטאַראָסטע) פון שלעזיע, און איז געווען געגנוג שאַרף רעדאַגירט, אַז ער זאָל באַפרידיקן דעם דייטשן אתרוגים־סוחר. ס׳ווייזט אויס, אַז ער האָט די צוויי אַנדערע ייִדן, אַ חוץ הערשלען, באַשטימט אַלס זיינע פּאַרטנערי־אונגס־מענטשן, וועלכע האָבן אים געדאַרפט פּאַרטרעטן, ווייל סוף־כל־סוף איז ער אַליין קיין גרויסער מבין אויף אתרוגים נישט געווען.

אָבער יאַן סאָביעסקי איז באַלד נאָכן אַרויסגעבן פון זיין דעקרעט געשטאָרבן און עס איז ווידער געווען אַ סכנה פאַרן מאָנאָפּאָל.

דער באַ־כח פון הער ברעסלער אין פוילן, דאָס מאָל הערץ אברהם, פוילט זיך נישט און קומט מיט דעם ענין צום נאָכפאָלגער פון סאָביעס־קין, דעם קעניג אויגוסט דעם צווייטן.

דעם 28סטן מאַי 1698 שרייבט אונטער אויגוסט דער צווייטער אין וואַרשע אַ נייעם דעקרעט, אין וועלכן ער באַשטעטיקט יאַן סאָביעסקיס ערשטן אתרוגים־מאָנאָפּאָל. זיין דעקרעט איז אַ קורצער, אָבער נאָך וויכ־טיקער פון ברעסלערן און זיינע ייִדישע שותפים: ער נעמט אַרום נישט נאָר פוילן און ליטע, נאָר אויך זאַקסן, די מדינה, ווו אויגוסט האָט רע־גירט נאָך פאַר זיין אויסגעוויילט ווערן אַלס פּוילישער מלך.

האָט דאָס מאָל דער עסק זיך שוין אויסגעגלייכט? — שווער דאָס צו באַהויפּטן, ווייל ברעסלערס אתרוגים־מסחר פּלאָנטערט זיך נאָך אַלץ אין די אַקטן. דער ערשטער חוב ווערט, וואָס אַן אמת, קלענער. אין יאָר־

## ייִדן אין אַלטן פּוילן

1702 זענען די פּוילישע ייִדן געווען שולדיק ברעסלערן נאָר 8000 טאַלער. אָבער די פּראָצעסן און דין־תּורהס וועגן די אתרוגים־חובות האָבן זיך נאָך געצויגן היפּשע עטלעכע יאָר.

# ווי ר׳ חיים כהן ראַפּאָפּאָרט האָט זיך געלאָדן מיט לעמבערגער קהל וועגן זיין געהאַלט

אין די פופציקער יאָרן פון אַכצנטן יאָרהונדערט האָט די שטאָט לעמ־בערג געקאָכט מיט אַ שרעקלעכן מחלוקת. מען האָט זיך אַרומגעשלאָגן אין די גאַסן, מען האָט זיך פאַרביסן געקריגט און געזידלט. אויפגערעגט זענען געוואָרן די געמיטער, אָנגעצונדן די אַמביציעס — און צום סוף איז געקו־מען צו אַ גרויסן פּראָצעס פאַרן לעמבערגער וואָיעוואָדישן געריכט. פון איין זייט זענען געשטאַנען ירחמיאל מאַנישאָוויטש און זלמן־פּינחס ראַ־בינאָוויטש, די פאָרשטייער פון קהל, און פון דער אַנדערער זייט נישט קיין קלענערער ווי ר׳ חיים כהן ראַפּאָפּאָרט, דער באַרימטער לעמבערגער רב. און אָט ווי עס איז פאָרגעקומען.

1.

איינער פון גרויסע אנשים נכבדים אין לעמבערג אין דער ערשטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט איז געווען ר׳ הירש קאָזינער, אַ ייִד אַ נגיד, אַ קהל־פּרנס און אַ בן־טובים. געקענט האָט מען אים דערפון (און אָט דעם שבח זאָגט אים אויך נאָך די אויפשריפט אויף זיין מצבה). אַז ווען מען האָט זיך געדאַרפט משתדל זיין פאַר ייִדן ביי הויכגעשטעלטע פּריצים, איז ער געווען גרייט; ווער שמועסט נאָך, אַז עס האָט זיך גע־האַנדלט אַ תלמיד־חכם א טובה צו טאָן, איז ער תמיד געווען מוכן־ומזומן. אַ ייִד אַ בן־תורה האָט ר׳ הירש קאָזינער ליב געהאַט אהבת־נפש. זיינע זין האָט ער אויך דערצויגן פאַר גרויסע למדנים.

זייענדיק איינער פון די זיבן טובי העיר, האָט ער צוזאַמען מיט די אַנדערע ראשי־הקהל אָנגעפירט מיטן ייִדישן לעמבערג ביד חזקה.

אין יאָר 1737 (תצ״ח) איז ר׳ הירש קאָזינער געשטאָרבן. קייז אי־בעריק גרויס פאַרמעגן איז ביי די קינדער נישט פאַרבליבן. די גוטע פריינט פון פאַרשטאָרבענעם פּרנס, די לעמבערגער „מושלים בכיפה״, האָבן אָנגעהויבן אַרומצוקוקן זיך וועגן אַ פּרנסה פאַר די זין, וועלכע זע־נען געווען, ווי באַמערקט, גרויסע תלמידי־חכמים. באַלד איז פאַר איין זון געשאַפן געוואָרן אַ בכבודיקע עקזיסטענץ: ר׳ לייבוש קאָזינער, וועלכן מען האָט אויך גערופן ר׳ לייבוש מיזעס, איז אַריין אין לעמבערגער בית־דין. רב איז דעמאָלט נאָר־וואָס געהאַט געוואָרן ר׳ חיים כהן ראַפּאַפּאָרט, וועל־כער איז פון סלוצק געקומען איבערנעמען די שטול, וואָס איז נאָך פאַר 22 יאָר געווען באַשטימט פאַר זיין פאָטער, דעם לובלינער רב, רבי ר׳ שמחה. און ר׳ לייבוש מיזעס האָט זיך מיט ר׳ חיים כהן ראַפּאַפּאָרט גאַנץ גוט פאַרהאַלטן; מיט דער צייט איז ער געוואָרן ראש־בית־דין.

פון ר׳ הירש קאָזינערן איז פאַרבליבן נאָך אַ זון, ר׳ משה, וועלכער האָט זיך אויך גערופן מיזעס. ער איז געווען נישט ווייניקער געלערנט פון זיין ברודער און דערצו נאָך אַ מקובל. אין שטאָט האָט מען פאַר אים שטאַרק דרך־ארץ געהאַט. האָט זיך אָבער פאַר זיינעטוועגן נישט געטראָפן קיין צוגעפּאַסטער רבנות, און אין לעמבערגער בית־דין, וווּ זיינע מעכ־טיקע פּראָטעקטאָרן וואָלטן אים געוווען גערן געזען און אויך לייכט אַריינ־געבראַכט, איז פאַר אים, דורך זיין ברודער, געווען דער וועג פאַרשלאָסן. צוויי ברידער קענען דאָך נישט זיין קיין דיינים אין איין און דעמזעלבן בית־דין. אַזוי האָט זיך די זאַך געצויגן ביזן יאָר 1753 (תקי״ג), ווען ר׳ משה איז שוין אַלט געווען קרוב צו פערציק יאָר. דעמאָלט איז צוליב אים אויסגעבראָכן דאָס גרויסע מחלוקת.

## .2

געהאַנדלט האָט זיך עס וועגן דעם אַמט פון אַ לעמבערגער ראש־מתיבתא.

גאָר גרויסע מענטשן האָבן אין אַלטע צייטן פאַרנומען דעם דאָזיקן

פּאָסטן. ר׳ יהושע פאלק, דער באַרימטער מחבר פון „סמ״ע״ (ספר מאירת עינים), הייבט אָן די שורה פון די שטאָטישע ראשי־מתיבתא אין לעמבערג און נאָך אים ציט זיך אַ לאַנגע קייט פון גרויסע גאונים. טיילמאָל איז דער רב אַליין געווען גלייכצייטיק דער אָפיציעלער ראש־מתיבתא, אָבער געוויינלעך זענען די אַמטן אָפּגעזונדערט. אַזוי איז אויך געווען אין ר׳ חיים כהן ראַפּאָפּאָרטס צייטן: ער איז קיין ראש־מתיבתא נישט געווען און האָט דאָס אויך, ביי זיין שטאַרקער באַשעפטיקונג, נישט געקענט זיין.

אין יאָר תקי״ג האָבן די לעמבערגער ראשי־הקהל באַשלאָסן איבער־צוגעבן דאָס אָנפירן מיט דער שטאָטישער ישיבה צו ר׳ משה מיזעס. צי איז פונקט דעמאָלט דער פּאָסטן פון אַ ראש־מתיבתא פריי געוואָרן, אָדער אפשר האָט מען גאָר פאַר ר׳ משהן געגרינדעט אַ נייע ישיבה, איז נישט קלאָר און עס איז אויך נישט וויכטיק. גענוג, אַז די מאַכטהאָבער און דעה־זאָגערס פון דער קהילה, געדענקנדיק נאָך גוט דעם אַלטן פרנס ר׳ הירש קאָזינער, האָבן געוואָלט, אַז זיין זון זאָל איבערנעמען דעם אַמט. און עס וואָלט זיך אפשר קיינער נישט געווען אַנטקעגנגעשטעלט, ווייל ר׳ משה מיזעס איז דאָך געווען ווירדיק צו זיין אַ ראש־מתיבתא. מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, אַז ר׳ חיים כהן ראַפּאָפּאָרט, דער לעמבערגער רב, הייבט אָן מיט זיין גאַנצן כוח קעגן דעם צו קעמפן.

געטאָן האָט עס ר׳ חיים כהן פשוט צוליב דעם, ווייל ער האָט אַליין געהאַט אַ זון, וועלכן ער האָט געוואָלט זעען אויפן אַמט פון שטאָטישן ראש־מתיבתא. ר׳ לייבוש ראַפּאָפּאָרט האָט ער געהייסן, דעם רבס עלטס־טער זון, וועגן וועלכן ר׳ חיים כהן האָט אויפגענומען אַן אָפענעם קאַמף מיט די ראשי־קהל. און געווען איז פאַר וועמען צו קעמפן: ר׳ אריה־ליב כהן ראַפּאָפּאָרט (אַזוי האָט ער זיך אָפיציעל גערופן און אונטערגעשריבן) איז געווען אַ גרויסער גאון און אין לעמבערגער בית־דין איז ער שוין גע־ווען טעטיק נעבן פאָטער העכער צען יאָר. אין „ועד ארבע ארצות״ האָט ער אָנטייל גענומען נאָך אין יאָר תק״ב. זיינס אַ זון, גאָר אַ יונגער, איז, ווי ס׳ווייזט אויס, אין דעם יאָר, ווען דער פּאָסטן פון לעמבערגער ראש־מתיבתא האָט געדאַרפט באַזעצט ווערן, שוין געווען זעלבסשטענדיקער רב אין קאַלוש. אַזוי האָט זיך אין ר׳ משה מיזעס קעגן־קאַנדידאַט פאַר־בונדן גלייכצייטיק זכות־אָבות און זכות־בנים.

פּאַרשטייט זיך, אַז דער קאַמף האָט אויפגעפּלאַקערט מיטן גאַנצן ברען. אָנהעגנגערס האָטביידע צדדים נישט געפעלט, קעגנערס אויך נישט. ס'האָבן זיך באַלד געבילדעט צוויי שטאַרקע פּאַרטייען: איינע אַ מיזעס־פּאַרטיי און איינע אַ ראַפּאַפּאָרט־פּאַרטיי. יעדע איז געגאַנגען אין דער מלחמה מיט איר פּעקל אַרגומענטן. די ראַפּאַפּאָרט־פּאַרטיי האָט געטענהט: עס איז אַן אומדערהערטע חוצפה זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם ווילן פון מרא־דאתרא, וועלכער האָט אַ זון, וואָס איז אַזאַ למדן מופלג. און אגב האָט מען דערציילט די שבחים פון ר' לייבושן: אַז ער האָט אַזאַ גרויסן שם אויף דער וועלט, אַז ער איז שוין איינגעלעבט מיטן לעמבערגער רבנות, אַז נאָך מיט יאָרן צוריק האָט מען זיך צו אים געווענדט נאָך הסכמות אויף ספרים, אַז ער האָט אַזאַ אַלטן יחוס... דער צד־שכנגד ווידער, האָט אויסערגעוויינלעך געלויבט ר' משה מיזעסן און דערמאָנט די פּאַרדינסטן פון זיין פאָטער דעם קהל־פּרנס ר' הירש קאָזינער פאַר דער שטאָט.

דערמיט האָט זיך אָבער די זאַך נישט געענדיקט. מ'האָט נישט נאָר געלויבט זיין קאַנדידאַט, נאָר מ'האָט אויך געזידלט דעם קעגנערישן. מ'האָט קעגנזייטיק געזידלט פּעך און שוועבל איינער אויפן צווייטן. מ'האָט זיך פּשוט באַוואָרפן מיט בלאָטע און מ'האָט זיך גענומען אפילו צו מסירות. די שטאָט איז געגאַנגען „אויף רעדער". דער קאַמף איז געוואָרן פּערזענלעך און וואָס דער עיקר — ער איז איבערגעגאַנגען אין אַן אָפענע מלחמה צווישן רב און די פּאַרעקשנטע ראשי־הקהל.

### 3.

ר' חיים כהן ראַפּאַפּאָרט, וואָס איז אַריינגעצויגן געוואָרן איצט אין אַזאַ שאַרפן קאָנפליקט, האָט נישט געהערט צו יענע רבנים, וואָס שטייען ווייט פון אינערלעכן קהלה־לעבן. עס איז לגמרי נישט געווען קיין באַזונדערער צופאַל אין יאָר 1753, וואָס ער האָט זיך גראָד אָנגענומען פאַר זיין זון. ניין, ער האָט זיך אין אַזעלכע ענינים תמיד געמישט. מער נאָך: ווען עס זענען באַלד נאָך זיין איבערנעמען די כסא־הרבנות פאָרגעקומען אין לעמבערג קהלה־וואַלן, האָט ר' חיים כהן ראַפּאַפּאָרט (ווי עס דער־

ציילט אַ גאַר אינטערעסאַנטער דאָקומענט פון יאָר 1743), זיך אין זיי אַקטיוו באַטייליקט און דורכגעפירט די קאַנדידאַטן, וועלכע ער האָט פאַר־סירט. בכלל האָט ער אין אַלע שטאָטישע אַנגעלעגנהייטן געלאָזט הערן זיין קול און דאָס האָט אפשר גורם־געווען, אַז ער האָט באַקומען אַ סך שונאים.

די דאָזיקע שונאים איז עס אוודאי געווען צו דאַנקען, וואָס אין דעמ־זעלבן יאָר 1743 האָט דער „אינסטיגאַטאָר" (אָנקלאָגער) אולאַנאָווסקי, געמאַכט אַן אָפיציעלן ראַפּאָרט צום מלוכה־געריכט איבער יידן, דעם אַזוי־גערופענעם „וויצע־וואָיעוואָדע־געריכט", אַז דער „סטאַראָזאַקאָנני" חיים שמחאָוויטש, ראַבין זיעמסקי לוואָווסקי" איז אַ פּשוטער בונטאָווניק, ער האָט דורכגעפירט ביי די וואַלן אַזעלכע קהלה־פּרנסים, וואָס ווילן אַליין נישט צאָלן קיין שטייערן. ער גיט אַרויס פּסקים און לאָזט נישט צו קיין אַפּעלאַציעס צום וואָיעוואָדע־געריכט. ער ברעכט די אַלטן קהל־קאָנסטי־טוציעס. ער זוכט פּראָטעקציעס און קויפט איבער הויכע מלוכה־באַאַמטע, אאַז״וו.

אולאַנאָווסקיס אָנקלאָגע פון יאָר 1743 (און זיכער נאָך אַנדערע ענ־לעכע, וואָס זענען פאַרבליבן אין די געריכט־אַרכיוון), איז נישט געקומען געוואָרן אין אַכט, מסתמא ווייל ר' חיים כהן ראַפּאָפּאָרט האָט געהאַט אַ סך פריינד און פּראָטעקטאָרן צווישן דער פּוילישער שליאַכטע און בעיקר צווישן די באַאַמטע. זיי, וועלכע זענען אין די דעמאָלטיקע צייטן פון פּוילנס גרויסער ירידה געווען אמתדיקע אליינהערשער און האָבן רעגירט נישט געשטערט פון קיינעם, ווי איינער האָט געוואָלט, און נישט אָפּהענגיק פון דער וואַרשעווער צענטראַל־מאַכט — האָבן נישט צוגעלאָזט, אַז אים זאָל עפּעס געשען.

אָבער אויסצושטיין האָט ער געהאַט גענוג. אין יאָר 1747 האָט אַ לעמבערגער ייִד מיטן נאָמען ישראל פּייסעס געמאַכט אויף אים אַן אָנ־קלאָגע, אַז ער האָט אים שלעכט געפּסקנט אַ דין־תורה! דער דאָקומענט, (וואָס האָט זיך אויפגעהיט צווישן די אַקטן פון לעמבערגער „וויצע־וואָיע־וואָדע־געריכט", און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דורכן פּוילישן געלערנטן זביגניעוו פּאַזדראַ), איז אַ שרעקלעכער עדות פון דער מאָראַלישער ירידה פון די דעמאָלטיקע ייִדן: דער אָנקלאָגער איז חושד דעם רב, אַז ער האָט

זיך געלאָזט איבערקויפן און דורכדעם פאַלש געפּסקנט. דערצו ווערט אים נאָך דאָרט פאַרגעוואָרפן, אַז ער האָט געלייגט אין חרם אַריין דעם פאָטער פון אָנקלאָגער דוד פייסעס, ווייל יענער האָט געוואָגט זיך צו וואַרפן מיט זלזולים אויפן רב נאָכן אַרויסגעבן דעם פאַלשן פּסק...

און אָט אַן ענלעכע מעשה האָט זיך געטראָפן אין יאָר תקי״ג (1753), וואָס האָט אַ געוויסע שייכות צום גרויסן מחלוקת וועגן ראש־מתיבתא־פאָסטן. עס דערציילט זי נישט קיין אָפיציעלער דאָקומענט, נאָר אַ נאָזיווער־באָאָבאָכטער. אַ פּשוטער נישט־געלערנטער ייִד האָט די געשיכטע לפּי־תומו איבערגעגעבן און מען קען אים דערפאַר זיכער גלויבן. דאָס איז בער באָלעכאָווער, וואָס באַשרייבט אין זיינע זכרונות (זייט 33 א. וו.) דעם פאָלגענדן פאַקט:

אַרום יאָר תקי״ג איז אין שטעטל קאָמאַרנאָ געשטאָרבן אַ גרויסער גביר מיטן נאָמען ר׳ אהרן. די זין האָבן געירשנט דאָס פאַרמעגן, אָבער ס׳האָט זיך געמאָלדן מיט אַ טענה צו זיי אַ שוואָגער מיטן נאָמען שמואל, וואָס האָט געוווינט אין קאָלוש. דער דאָזיקער שוואָגער האָט פאָרגע־שטעלט אַ „שטר חצי־זכר״, ד״ה אַן אָנווייזונג אויף אַ האַלבע ירושה פון אַ זון, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אויף אַ סכום פון 40.000 גילדן. די יורשים האָבן געטענהט, אַז דער שטר איז אַ געפעלשטער און אַז דאָס גאַנצע פאַרבליבענע פאַרמעגן וואָלט נישט געסטייעט צו באַצאָלן אַזאַ סכום. איז מען געגאַנגען צו אַ דין־תורה קיין לעמבערג. ר׳ חיים כהן ראַ־פּאָפּאָרט און זיין בית־דין האָבן נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען געפּסקנט, אַז ר׳ שמואל מוז שווערן אין שיל, אַז זיין טענה איז אמת, און אויך זיין ווייב, די שוועסטער פון די יורשים, מוז זיין דערביי און נאָכזאָגן אָמן. דערנאָך קומט זיי צו באַצאָלן די 40.000 גילדן. דער פּסק איז געוואָרן אונטערגע־שריבן און איבערגעגעבן צו ביידע צדדים.

אָבער דאָס ווייב פונעם אָנקלאָגער האָט נישט געוואָלט קומען אין שיל אַריין און נאָכזאָגן אָמן ביי דער שבועה. זי האָט, ווייזט אויס, נישט גע־וואָלט אָנטאָן אַזאַ עוולה אירע ברידער. צוליב דעם איז דער פּסק בטל געוואָרן. מען האָט דאַן זיך אונטערגעשריבן אויף אַ כתב, אַז מען וועט וועט ווייטער איבערגעבן דעם ענין צום לעמבערגער רב, ער זאָל אַרויס־זאָגן זיין מיינונג שוין נישט על־פּי־דין, נאָר אַלס שליש פון אַ בוררים־

געריכט, בדרך פשר. און אַזוי איז געווען. דאָסמאָל האָט מען ר׳ שמואלן אָן אַ שבועה צוגעפּסקנט 10.000 גילדן. נאָכן נעמען בוררות־געלט איז דער פּרישער פּסק געוואָרן אונטערגעשריבן און די בעלי־דין זענען זיך צעפאָרן אהיים.

ווען ר׳ שמואל איז געקומען קיין קאַלוש און אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דעם וואָס איז פאָרגעקומען, האָט אים דער פאַרלוסט פון 30.000 גילדן גאָר שטאַרק געערגערט. געהאַט אין טאַש דרייסיק טויזנט גילדן און פון זיי אַזוי שנעל פּטור געוואָרן!... נאָך מער האָט דאָס געאַרט זיין פאָטער, אַ קאַלושער באַלעבאָס מיטן נאָמען יעקב. פאַלט אים איינמאָל איין און ער נעמט ביידע פּסקים (דעם ערשטן על־פּי־דין און דעם צווייטן על־פּי־פּשר) און גייט מיט זיי אַריבער צום קאָמיסאַר צעשקאָווסקי, וועל־כער איז גראָד דעמאָלט אָנגעקומען קיין קאַלוש. צעשקאָווסקי איז געווען די רעכטע האַנט פון לעמבערגער וואָיעוואָדע, דעם פירשט טשאַרטאָריסקי און איז געווען דער פאַרוואַלטער פון זיינע גיטער. זאָגט צו אים אונדזער ר׳ יעקב:

— „אָט זענען צוויי פּסקים פון לעמבערגער רב, חיים שמחאָוויטש. אין איין פּסק שטייט פּונקט פאַרקערט ווי אין אַנדערן. פאַרוואָס איז אַזוי געשען, איז גאַנץ פּשוט. פאַרן ערשטן פּסק, וואָס איז גינסטיק פאַר מיין זון, האָט ער אים געגעבן שוחד פערציק גילדן. דאַן איז געקומען דער צד־שכנגד און באַצאָלט נאָך צען גילדן, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פּסק פּונקט קאַפּויער. און איצט מוז זיין זון היזוק האָבן גאַנצע 30.000 גילדן!״.

פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער ר׳ יעקב האָט נאָך ווייטער אויסגערעדט אויף ר׳ חיים כהן ראַפּאַפּאָרט און צוגעגעבן וויפיל עס האָט זיך נאָר גע־לאָזט.

צעשקאָווסקי הערט די מעשה און זעט ביידע פּסקים (דעם חילוק, אַז דער ערשטער איז געווען על־פּי־דין און דער צווייטער על־פּי־פּשר, האָט מען פאַר אים, נאַטירלעך, פאַרהוילן), ווערט ער אָנגעצונדן אש להבה. טאַקע אַ שרעקלעכע זאַך, אַז אַ לעמבערגער רב זאָל זיך נישט שעמען צו נעמען שוחד פון ביידע צדדים!

דער קאָמיסאַר האָט תיכף געלאָזט רופן צו זיך דעם יונגן קאַלושער רב, וועלכער איז געווען ר׳ חיים כהנס איידיקל (אַ זון פון יענעם ר׳ לייבוש,

וואָס וועגן אים האָט זיך געפירט דאָס גרויסע מחלוקת אין לעמבערג, און איז אויף אים אָנגעפאַלן מיט אַ ירגזון:

— „וואָס, אַזוי טוט דיין ייִדע? קודם נעמט ער ביי איין צד פער־ציק גילדן שוחד און גיט אַרויס אַ פּסק, און דערנאָך נעמט ער ביים אַנדערן צד און גיט אַרויס אַ פּונקט פאַרקערטן? זאָלסט אים צו וויסן געבן, אַז איך וועל דאָס נישט פאַרשווייגן. ביז היינט בין איך געווען זיינס אַ ידיד און אים גוט באַשריבן ביים וואָיעוואָדע. איך האָב דאָך אים פּאַראַיאָרן אויסגעאַרבעט דעם „קאָנסענס" אויף זיין רבנות און נישט געגלויבט זיינע שונאים, וואָס האָבן דערציילט פאַרשיידענע מיאוסע מעשיות וועגן אים. אָבער איצט וועל איך אים רודפן ווי איך וועל נאָר קענען. איך וועל אים שוין באַצאָלן פאַר אַלע זיינע פאַרברעכנס. זאָל ער בעסער נאָך פאַר מיין קומען קיין לעמבערג פון דאָרט אַנטלויפן, ווייל אַנדערש וועט ער נישט אַנטרינען פון אַ שרעקלעכער שטראָף!".

דער יונגער קאַלושער רב האָט געמיינט, אַז די וועלט ווערט פאַר־זונקען פאַר זיינע אויגן. ער האָט אָנגעהויבן צו בעטן רחמים ביים צאַרנ־דיקן פּריץ, אָבער בחינם. אַ צעבראָכענער איז ער באַלד אַוועק אַהיים און אַוועקגעשיקט אַ שליח מיוחד צו ר' חיים כהן ראַפּאַפּאָרט, אָנזאָגנדיק דעם זיידן, וואָס ס'גרייט זיך אויף אים. ווען די בשורה איז אָנגעקומען קיין לעמבערג, איז דער קאַמף וועגן ראש־מתיבתא־פּאָסטן געווען אין פולן ברען.

## 4.

מען קען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן איינדרוק די ידיעה פון קאַלוש האָט געמאַכט אויף ר' חיים כהן ראַפּאַפּאָרט.

קיין סך צייט האָט מען נישט געטאָרט פאַרלירן. ר' חיים כהן האָט פאַרשטאַנען, אַז מען מוז דעם קאָמיסאַר די זאַך תיכף אויפקלערן, ווייל אַנדערש וואָלט ער זיך זיכער אַריינגעמישט אין קהל־מחלוקת.

דער רב האָט זיך באַנוצט מיט בערן פון באַלעכאָוו, וועלכער האָט געקענט גוט שרייבן פּויליש. ער האָט דעריבער אָנגעשריבן אַן אויס־פירלעכן באַריכט איבערן גאַנג פון קאָמאַרנער ירושה־פּאָצעס, אין וועל־

כן ער האָט אָנגעוויזן, אַז די שולד פאַרן פאַרלירן 30.000 גילדן קען זיך ר׳ שמואל פון קאַלוש צושרייבן נאָר זיך אַליין אָדער — נאָך ריכטיקער — זיין ווייב. קיין שום שוחד איז, פאַרשטייט זיך, נישט גענומען געוואָרן נאָר פסק־געלט, וואָס איז גאַנץ נאַטירלעך. די באַשולדיקונג איז אַ פשוטער בלבול.

מען האָט געדונגען אַ רייטער און אים אָוועקגעשיקט זוכן צעשקאָווסקין, וועלכער איז אַרומגעפאָרן איבער דער וואָיעוואָדסטווע. אין קאָלוש איז ער שוין נישט געווען, נאָר ערגעץ אין בערזאַן. לסוף איז די זאַך געוואָרן אויפגעקלערט.

אָבער דערווייל האָט ר׳ חיים כהן געלעבט אין פחד. די ראשי־הקהל האָבן שנעל דערשנאַפּט, אַז עפּעס איז ביים רב נישט אין אָרדענונג און — זענען געוואָרן נאָך מער קאַמף־לוסטיק. עס האָט זיך זיי נאָך שטאַרקער פאַרגלוסט אַרויסצוווייזן תקיפות.

די באַציִונגען זענען, אַגב, שוין פון לאַנג געווען שטאַרק אָנגעצויגן. אַ גוט צוזאַמענלעבן צווישן רב און קהל איז אין יענע צייטן (ווי עס זאָגן עדות די פאַרבליבענע דאָקומענטן) אין לעמבערג קיינמאָל נישט געווען. ערשט נישט לאַנג צוריק, אין חודש נאָוועמבער 1751 (לויטן יידישן קאַלענדאַר בערך כסלו תקי״ב), האָט אַ באַזונדערע קאָמיסיע פון פירשט־וואָיעוואָדע מתקן געווען אַ ריי פון תקנות, כדי אויסצומיידן די כסדרדיקע קאָנפליקטן צווישן רב מיטן קהל, וועלכע האָבן גורם־געווען אַ פולשטענדיקע ערבוביה אין אַלע קהילה־ענינים. די דאָזיקע תקנות האָט פירשט טשאַרטאָריסקי באַשטעטיקט דעם 1טן יאַנואַר 1752 און אָנגעזאָגט זיי גענוי דורכצופירן. אפשר וואָלטן זיי געווען דער יסוד פון אַ געוויסן הסכם צווישן קהל און ר׳ חיים כהן ראַפּאַפּאָרט, אָבער דאָס מחלוקת וועגן ראש־מתיבתאָפּאָסטן האָט זיך אַזוי צעפלאַקערט, אַז אַ פאַרבעסערונג פון די באַציִונגען צווישן רב און די ראשי־הקהל איז נישט מער געווען מעגלעך.

אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט געפּלאַצט אַ באָמבע. די פרנסים זענען זיך צונויפגעקומען אין קהל־שטיבל און אָפיציעל אויסגעוויילט ר׳ משה מיזעס אַלס שטאָטישן ראש־מתיבתא. נישט קוקנדיק אויפן רעש אין שטאָט, האָט מען אים תיכף איבערגעגעבן דעם אַמט. די קהלניקעס און די מיזעס־פּאַרטיי האָבן טריומפירט.

אָבער די שמחה האָט נישט געזאָלט לענגער געדויערן ווי איין וואָך. זי האָט זיך געדאַרפט זייער טראַגיש ענדיקן, הגם קיינער האָט דאָס, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט געקענט פאָראויסזען.

די ראַפּאַפּאָרט־פּאַרטיי איז נישט געזעסן שטיל. זי האָט געאַרבעט מיט אַלע כוחות, אַז די וואַלן פון ר׳ משה מיזעס זאָלן בטל ווערן. אַלץ, וואָס איז נאָר געווען מעגלעך, איז געוואָרן אונטערגענומען, כדי מבטל מאַכן דעם באַשלוס פון קהל. אָבער עס האָט נישט גענוצט. ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז ס׳איז פאַרפאַלן, ווייניקסטנס דערווייל פאַרפאַלן.

אין דער פאַרביטערטער אַגיטאַציע קעגן ר׳ משה מיזעס איז מען גאָר ווייט געגאַנגען. מען האָט אים נישט געשוינט. אין די שמועסן צווישן המון און אין די בתי־מדרשים האָט מען זיך צו אים פעסט גענומען. „אַ חוצפּה, אַ חוצפּה!״ — האָט מען געשריגן בקול רם — „אַזאַ ווייטיק אָנצוטאָן דעם רב, אַ גדול־הדור און אַ מרא־דאַתרא!...״ אַזוי איז דאָס געגאַנגען אַ גאַנצע וואָך ביז ס׳איז געקומען שבת. ר׳ משה מיזעס האָט געזאָלט האַלטן די ערשטע דרשה. פריינט און שונאים זענען געקומען אין שיל. אַן עולם ביי־גערי‌קע האָט געשטראָמט פון אַלע גאַסן. די שיל איז געווען פול געפּאַקט. ר׳ משה מיזעס איז אַרויף אויף דער בימה, און...

מען קען זיך משער זיין, אַז רויק איז אין שיל נישט געווען. צי האָט ר׳ משה מיזעס דעם המון מיט דער דרשה נאָך מער צערייצט, אָדער אפשר איז ער שוין געווען, צוליב דער אַגיטאַציע פון דער ראַפּאַפּאָרט־פּאַרטיי, גענוג ווילד פון פריִער, גענוג, אַז אין שיל איז געווען אַ שרעקלעך געפּיל־דער. ר׳ משה מיזעס האָט נישט געהאַט קיין נחת־רוח פון דער דרשה. ער איז אַהיימגעגאַנגען אַ שטאַרק געקרענקטער. די פּיינטלעכע שטעלונג פון המון האָט אים אין האַרצן אויפגעריסן אַ טיפע וווּנד, און ווי ער קומט נאָר אין שטוב אַריין, ווערט אים פלוצים נישט גוט. ער חלשט. ביז וואָס ביז ווען, איז ער געבליבן טויט. מען האָט אים מער נישט געקענט דער־ראַטעווען. דאָס האַרץ האָט דעם צער, און אפשר די בושה, נישט אויסגע־האַלטן און האָט געפּלאַצט.

אין שטאָט איז געוואָרן אַ חורבה.

## 5.

פערציק יאָר איז ר׳ משה מיזעס אַלט געווען, ווען דאָס שרעקלעכע אומגליק איז געשען.ביידע צדדים האָבן זיך געפילט אין אים שולדיק און יעדער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן אַ חשבון מיטן געוויסן.

די ראַפּאַפּאָרט־פּאַרטיי האָט זיך נישט געקענט מוחל־זיין פּאַרוואָס זי האָט אַזוי פאַרביטערט געקעמפט. מען איז אַריבער די גרענעץ, האָט זיך אויסגעוויזן. מען האָט זיך דערמאָנט אין דער צדקות פון נפטר און דערזען זיינע מעלות. באַזונדער האָט זיך די גאַנצע טראַגעדיע גענומען צום האַרץ ר׳ חיים כהן ראַפּאַפּאָרט אַליין. אָבער עס איז געווען פאַרפאַלן.

אויך קהל האָט זיך מיישב געווען, אַז אפשר איז גאָר אָנגעצייכנט פון הימל, אַז נאָר ר׳ לייבוש ראַפּאַפּאָרט דאַרף זיין ראש־מתיבתא. אויף אַ קורצער ווייל האָט די אויבערהאַנט גענומען דאָס געפיל פון אַ חרטה. ר׳ לייבוש האָט איבערגענומען דעם פּאָסטן און דער קאַמף אין שטאָט איז אָפּ־געשטעלט געוואָרן.

דאָס איז אָבער נישט געווען קיין גענצלעכער שלום, נאָר אַ קליינער „וואָפנשטילשטאַנד״. די אויפגעזאַמלטע סכסוכים זענען געווען צו גרויס, אַז מען זאָל זיי קענען אין איין מאָמענט דערדריקן. דער קאַמף צווישן רב און קהל איז באַלד ווייטער באַנייט געוואָרן. דאָס מחלוקת האָט אויפ־געלעבט.

און געהאַנדלט האָט זיך איצט שוין נישט מער וועגן אַ „קלייניקייט״ ווי פריִער, נישט וועגן אַ פּאָסטן פון ראש־מתיבתא, נאָר וועגן דעם לאַנד־רבנות פון דער גאַנצער רייסישער וואָיעוואָדסטווע; און אויך נישט מער וועגן ר׳ חיים כהנס אַ זון צי אַן אַנדערן קרוב, נאָר טאַקע וועגן אים אַליין.

אויף אַזאַ אופן איז געקומען צום נייעם קאַמף: בשעת ר׳ חיים כהן ראַפּאַפּאָרט איז אין יאָר תק״א אויפגענומען געוואָרן אַלס לעמבערגער רב, האָט מען אים איבערגעגעבן אַ „קאָנסענס״ בלויז אויפן שטאָטישן רבנות. זיין מאַכט האָט דעמאָלט נאָך נישט דערגרייכט אויפן שטח פון דער גאַנצער וואָיעוואָדסטווע (מיטן אויסנאַם פון עטלעכע קליינע קהילות אַרום לעמבערג). די גאַנצע פּראָווינץ האָט, ווייזט אויס, באַלאַנגט צו דער קאָמפּעטענץ פון אַ צווייטן לעמבערגער רב, דעם אַזוי־גערופענעם „אַב

בית דין דגליל לבוב״, וועלכער איז צו יענער צייט געווען ר׳ יצחק לאַנדאַ אין זשאָלקווע, דער שפּעטערער קראָקעווער רב. ר׳ חיים כהן האָט זיך בחינם במשך צוועלף יאָר באמיט צו באַקומען דאָס גאַנצע לאַנד־רבנות. אפשר איז דאָס נישט געגאַנגען צוליב דעם, ווייל מען האָט עס נישט גע־קענט אָוועקנעמען ביי ר׳ יצחק לאַנדאַן און אפשר האָבן די ראשי־הקהל סתם אַזוי נישט געוואָלט אויף דעם איינווילינקן. אָן זייער הסכמה האָט דער פירשט־וואָיעוואָדע טשאַרטאָריסקי נישט געהאַט קיין חשק אַרויסצו־געבן ר׳ חיים כהן ראַפּאַפּאָרטן דעם „קאָנסענס״ אויף אַ „גענעראַלני ראַ־בין זיעמסקי״ (אַזוי האָט זיך דאָס אויף פּויליש גערופן). און אַ באַדייטונג האָט דאָס גענעראַל־רבנות געהאַט גאָר אַ גרויסע: אַ חוץ דער הויכער שטעלונג, וואָס האָט מיט זיך געבראַכט, אַז אַלע רבנים אויף דער פּראָ־ווינץ זענען געווען כפוף ונכנע אונטערן רב הכולל, זענען מיט דעם געווען פאַרבונדן באַזונדערע און נישט קיין קליינע הכנסות.

באַלד נאָכן גרויסן מחלוקת, אַרום דעם יאָר תקי״ד, איז ר׳ יצחק לאַנדאַ אויפגענומען געוואָרן אַלס קראָקעווער רב. די לעצטע שטערונג אויף אַרויסצובאַקומען דאָס גאַנצע גענעראַל־רבנות איז אַזוי אַרום פאַר־שווונדן. איצט איז געקומען די צייט, אַז ר׳ חיים כהן זאָל פאַרדאָפּלען זיי־נע השתדלותן ביי די קהילות פון דער וואָיעוואָדסטווע און ביים פירשט. ער האָט עס געטאָן, פאַרשטייט זיך. פּראָטעקטאָרן האָט ער געהאַט אַ סך און מעכטיקע. פון לעמבערגער קהל האָט ער פונדעסטוועגן קיין בפירושע הסכמה נישט געקענט אַרויסבאַקומען. די פּרנסים האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז די מאַכט פון רב זאָל ווערן פאַרגרעסערט.

שטילערהייט האָבן זיי קעגן דעם אינטריגירט. ר׳ חיים כהן האָט זיך אָבער דאָסמאָל אַרויסגעוויזן שטאַרקער פון זיי. ער האָט דעם קאָנסענס אַרויסבאַקומען און איז געוואָרן אָפיציעל אָנערקענט אַלס „גענעראַלני ראַ־בין זיעמסקי״ פון דער רייסישער וואָיעוואָדסטווע.

דעמאָלט האָט אים פלוצים קהל אויפגעהערט צו צאָלן זיין געהאַלט אַלס לעמבערגער רב.

.6

אַלס רעזולטאַט פון אומדערהערטן באַשלוס פון קהל איז געקומען צו אַ גרויסן פּראָצעס פאַרן וויצע וואָיעוואָדע־געריכט אין לעמבערג.

ר׳ חיים כהן ראַפּאַפּאָרט האָט אָנגעקלאָגט קהל, אַז מען זאָל אים באַצאָלן זיין געהאַלט. און דעם 24סטן דעצעמבער 1754 האָבן זיך, לויטן אָפיציעלן פּראָטאָקאָל, געשטעלט פּערזענלעך פאַרן געריכט:

ד ע ר  אָ נ ק ל אָ ג ע ר : ר׳ חיים כהן ראַפּאַפּאָרט — „אָרצירראַבין לוואָווסקי אי זיעמסקי״ (אויף פּויליש „דער הויפּט־רב פון לעמבערג און דער פּראָווינץ״);

ד י  אָ נ ג ע ק ל אָ ג ט ע : ירחמיאל מאָנישאָוויטש, דער „בורמישטש״ (בירגערמייסטער) פון פאָרשטעטישן קהל, און זלמן־פּינחס ראַבינאָוויטש, דער „בורמישטש״ פון שטאָטישן קהל (אין לעמבערג זענען דאַן געווען צוויי קהילות) —ביידע אין זייער אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון זייערע קהילות. חוץ זיי:

ד ע ר  א י נ ס ט י ג א ט אָ ר (אָנקלאָגער) ביים וויצע וואָיעוואָדע־געריכט און אַ געוויסער ישראל יוזעפאָוויטש, אַלס פּעכטער פון די קהל־אָפּצאָלן.

דאָס געריכט האָט צוערשט אויסגעהערט די טענות פונעם אָנקלאָגער. ער האָט געוויזן דעם „קאָנסענס״, וואָס ער האָט אין זעלבן יאָר באַקומען פונעם פירשט און דערקלערט: היות קהל און די שטייער־פּעכטער צאָלן אים נישט זיין געהאַלט, וואָס קומט אים לויטן „קאָנסענס״, זאָל דאָס געריכט אים צופּסקענען הן דעם געהאַלט און הן די פּראָצענטער פון חוב.

די קהלניקעס האָבן בייגעלייגט ביים געריכט אַ יידיש כתב, וואָס איז געוואָרן איבערזעצט אויף פּויליש. דאָס כתב איז געווען געחתמעט פון ר׳ חיים כהן ראַפּאַפּאָרט און געטראָגן די דאַטע: 23 יאַנואַר 1753. אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„איך, דער אונטערגעשריבענער רב, בין זיך מתחייב מיט אַלע שבועות, וואָס קענען נאָר זיין, אַז פון היינטיקן טאָג וועל איך אויספירן אַלצ־

דינג, וואָס שטייט ווייטער און וועל דערפון נישט אָוועקגיין אַפילו אויף אַ פּינטעלע, ווי דאָס וואָלט געוואָרן געגעבן אויפן באַרג סיני".

און ווייטער זענען געשטאַנען פאָלגנדע צען פּונקטן, פון וועלכע ר' חיים כהן האָט זיך מתחייב געווען נישט אָוועקצוגיין אַפילו אויף אַ פּינטעלע:

ע ר ש ט נ ס: אַז ער מוז אויספאָלגן דעם פּסק פון די פירשטלעכע קאָמיסאַרן, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין חודש נאָוועמבער 1751 און טאָר אויך נישט לאָזן מאַכן קיין חתונה נאָר אַזאַ פּאָרפאָלק, וואָס וועט באַצאָלן די קהל־טאַקסע.

צ ווי י ט נ ס: אַז אויב ער וועט ווערן געגעראַל־רב פון דער רייסישער וואָיעוואָדסטווע, וועט ער נישט נעמען ביי דער לעמבערגער קהילה קיין געהאַלט אַפילו קיין איין גראָשן.

ד ר י ט נ ס: אַז ער טאָר נישט זיצן צוזאַמען ביים בית־דין מיט אַ קרוב.

פ ע ר ט נ ס: אַז ער מוז אָפּגעבן תיכף קהל אַלע פּאַפּירן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אים, נאָך איידער דער פירשט וועט אונטערשרייבן דעם „קאָנסענס".

פ י נ פ ט נ ס: אַז ער מוז אומקערן אַלע כתבים, וואָס געהערן צו דער שטאָט לעמבערג און אויך אַלע ביכער, וואָס געהערן צום לעמבערגער קהל.

ז ע ק ס ט נ ס: אַז ער מוז אַרויסגעבן די פּאַפּירן פון אַ וויכטיקן קהל־ענין, וואָס זענען ביי אים געווען איינגעלייגט.

ז י ב ע ט נ ס: אַז אויב ער וועט באַקומען דעם „קאָנסענס" פונעם פירשט, טאָר ער אים נישט נעמען אויף קיין לענגערע צייט ווי קהל וועט מסכים זיין, און דערנאָך איז ער בטל ומבוטל.

אַ כ ט נ ס: אַז ער טאָר נישט אַריינגעמען אין נייעם לעמבערגער „קאָנסענס" מער רעכט און פּריווילעגיעס ווי ער האָט געהאַט פריער, און אויף דעם שווערט ער מיט דער גרעסטער און האַרבסטער שבועה.

נ יי נ ט נ ס: אַז ער וועט מהיום והלאה נישט האָבן קיין טענות צו קהל, ווייל אַלצדינג, וואָס אים קומט אַלס רב האָט ער שוין באַקומען.

צ ע נ ט נ ס: אַז אויב עס וועלן זיך נאָך געפינען וועלכע כתבים

און קוויטירונגען, וואָס קענען האָבן אַ נוצן פאַר קהל, וועט ער זיי אַרויס־געבן.

דיביידע בירגערמייסטערס האָבן געקלערט, אַז אויב זיי וועלן וויזן דעם געריכט אַן אַקט מיט אַזעלכע „עשרת הדברות״, וועלן זיי זיכער גע־ווינען. בפרט האָבן זיי גערעכנט אויפן פונקט נומער צוויי, ווו עס איז גע־שטאַנען בפירוש: „אויב איך וועל ווערן גענעראַל לאַנד־רב און וועל באַקו־מען אַ „קאָנסענס״ פון די פּרנסים, אַז איך זאָל אַליין זיין דער רב איבערן גאַנצן רייסישן וואָיעוואָדסטווע, און איך וועל נעמען די אַנדערע העלפט פון מיין געהאַלטן פון לעמבערגער גליל, דעמאָלט דאַרף איך פון לעמבער־גער קהל אַפילו קיין איין גראָשן נישט באַקומען״.

ר׳ חיים כהן ראַפּאַפּאָרט האָט אויף דעם געענטפערט, אַז הגם ער האָט שוין דעם „קאָנסענס״, אָבער קיין געהאַלט פון גליל נעמט ער נישט.

איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פּסק, וועלכער האָט זיך געזאָגט אַזוי:

ל ע מ ב ע ר ג ע ר ק ה ל מ ו ז ד ע ם ר ב ב אַ צ אָ ל ן, אַ ן פּ ר אָ צ ע נ ט, ז יי ן ג אַ נ צ ן ג ע ה אַ ל ט, ה ן פ אַ ר ד ע ר פ אַ ר גאַ נ ג ע נ ע ר צ יי ט, ה ן א י ם צ אָ ל ן א י ן ד ע ר צ ו ק ו נ פ ט.

דער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט ר׳ חיים כהנס פולשטענדיקן נצחון.

## 7.

צי דאָס איז שוין געווען דער סאַמע סוף פון מחלוקה, איז שווער צו זאָגן. עס איז לעולם נישט וואַרשיינלעך, אַז קהל זאָל זיך באמת האָבן אונטערגעגעבן. מסתמא האָט עס נאָך געפרוווט דעם פּסק מבטל זיין. נאָר מיט וועלכן דערפאָלג און אויף וועלכן אופן — וועגן דעם שוויַיגן די מקורים.

אָבער אַן עפּילאָג האָט דאָס מחלוקת געהאַט גאָר אַן אינטערעסאַנטן, ממש אַ דראַמאַטישן, אַ ביסל שפּעטער.

אין יאָר תקי״ט איז געשטאָרבן דער ראש־מתיבתא ר׳ לייבוש ראַ־פּאַפּאָרט. דער פאָטער זיינער האָט זיך דאַן בשום אופן נישט געקאָנט

טרייסטן. ער האָט זיך כסדר געפרעגט: איז דאָס אפשר אַן עונש פאַר דער מעשה נורא מיט ר׳ משה מיזעס, וואָס איז אָוועקגעגאַנגען פאַר דער צייט, צוליבן ביטערן קאַמף?

און כדי מפייס צו זיין די נשמה אויפן עולם־העליון און איבערצו־בעטן ביידע פאַרשטאָרבענע צדיקים, איז צושטאַנד־געקומען אַ שידוך: ר׳ משה מיזעס׳ אַ זון מיטן נאָמען אליהו, אַ „צדיק יסוד עולם״ (ווי מען רופט אים אין די מקורים), האָט גענומען ר׳ חיים כהן ראַפּאַפּאָרטס אַן איינִיקל פאַר אַ ווייב און מען האָט געפּראַוועט די חתונה מיט גרויס פּאַראַד.

אָט דאָס איז געווען דער אייגנטלעכער שלוס־אַקט פון גרויסן לעמ־בערגער מחלוקת, וואָס האָט אַזוי אויפגערודערט די מוחות אין די פופצי־קער יאָרן פון אַכצנטן יאָרהונדערט.

# אַ סדרה קהילה־וואַלן אין לעמבערג אין 18טן יאָרהונדערט

## .1

אין די זעכציקער יאָרן פון 18טן יאָרהונדערט האָט דאָס יידישע לעמבערג דורכגעמאַכט ממש אַ רעוואָלוציע.

די אַקטן פון מלוכה־געריכט איבער ייִדן פון יענער תקופה (דעם אַזוי־גערופענעם „וויצע־וואָיעוואָדן־געריכט") זענען פול מיט אָנקלאָגעס און פּראָצעסן קעגן די ראשי־הקהל, פּרנסים, גבאים, רבֿ און סתם־ייִדן. דער עפנטלעכער אָנקלאָגער („אינסטיגאַטאָר" אין דער אָפיציעלער שפּראַך) אולאַנאָווסקי האָט זיי באַשולדיקט אין די האַרבסטע פאַרברעכנס, אַז כאָטש „אחת דתם להמית".

אין יענע צייטן איז, אגבֿ, נישט שווער געווען צו איבערצייגן אַ פּוילישן באַאַמטן, אַז מען דאַרף וועמען עס איז אָנקלאָגן. אַן אינסטיגאַ־טאָר האָט מיט זיך געלאָזט רעדן. אויב מען האָט געהאַט אַ ביסל שכל און אַפּעלירט צו זיין יושר־געפיל מיט ממשותדיקע, אָבער טאַקע ממשות־דיקע אַרגומענטן, דאַן האָט ער באַלד פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך גע־נומען צו דער אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז ייִדן האָבן געהאַט שכל. עס איז אַמאָל געווען אַ ביסל טייער, אָבער מילא, אַ כפּרה די הוצאה, אַבי יענעם אָנצולערנען.

נישט תמיד האָט די אָנקלאַגע געמוזט מאַכן דער פאַן אינסטיגאַטאָר. ווען יחידים זענען געווען גאָר פאַרביטערט פון אַן עוולה, וואָס האָט זיי געטראָפן, אָדער ווען דער עפנטלעכער אָנקלאָגער איז גראָד שוין געווען איבערצייגט פון די וואָגיקע אַרגומענטן פון צד שכנגד, דאַן איז מען אַליין אַריבערגעגאַנגען צום געריכט. בעיקר פלעגט דאָס פאַרקומען, ווען אַ וויכ־

טיקער מענטש, לאָמיר זאָגן אַ ראש־הקהל, האָט געהאַט אַ טענה צו וועמען עס איז. אַ ראש־הקהל איז געווען איבערצייגט, אַז ער מוז זיין גערעכט, אַנדערש קען עס דאָך גאָר נישט זיין. צו וואָס האָט ער דעריבער געדאַרפט בעטן דעם אָנקלאָגער, ער זאָל זיך אַריינמישן, בפרט אַז סתם בעטן האָט נישט גענוצט, נאָר מען האָט געדאַרפט עפּעס צולייגן צו דער בקשה און די קהלה־קאַסע איז געווען ליידיק?

אַזוי זענען איינמאָל, אין יאָר 1762, געקומען צום געריכט ביידע לעמבערגער ראשי־הקהל, מרדכי וורָאָצלאַווסקי און משה מענקיס (אין לעמבערג זענען דאַן געווען צוויי קהילות, איינע האָט זיך גערופן „דתוך העיר" און די אַנדערע „דחוץ העיר") און אַריינגעטראָגן אַ „מאַניפעסט" (אָנקלאָגע) קעגן „עטלעכע יידן בונטאָווטשיקעס", וואָס האָבן פּוגע גע־ווען בכבודם אויף אַ שרעקלעכן אופן.

ווער איז געווען יענער משה מענקיס, דער ראש־הקהל „דחוץ לעיר", וואָס האָט דעמאָלט געשפּילט די ערשטע ראָל אין לעמבערג? דאָס איז געווען אַ קהל־תקיף פון גרויסן פאַרנעם. אַ ייד אַ גביר און אַן עם־הארץ, דער אַרענדאַר (פּאַכטער) פון וויצע־וואָיעוואָדעס הכנסות, אַן עקשן, וואָס האָט נישט אָנערקענט קיינעמס דעה חוץ זיין אייגענע; ער פלעגט זיך אַריינמישן אין אַלע פרעמדע געשעפטן, אַן אכזר, מיט אַ שטיינערנעם האַרץ, וואָס האָט נישט געהאַט קיין ביסל רחמנות אויף אַ קעגנער, אַפילו ווען יענער זאָל די פיס אויסשטרעקן. לאַנגע יאָרן האָט פאַר אים געציטערט דאָס יידישע לעמבערג, פאַר אים, ר' משה מענקיס, וואָס איז אַפילו נישט געווען קיין געבוירענער אין לעמבערג, נאָר וואָס האָט געשטאַמט פון דער שטאָט בראָד.

זיין פּראָפעסיע איז געווען — אַ שענקער. אַרום אים האָט זיך תמיד געדרייט אַ חברה ליידיקגייערס, וואָס האָט אים געהאָלפן פירן די שטאָט. יעדער פון די מקורבים פלעגט ברענגען נייעס, דערציילן נישט־געשטויגענע מעשיות און העלפן אויסאַרבעטן דעם ראש־הקהלס באַשלוסן.

ביי דער מאַכט איז משה מענקיס געווען שטאַרק אָנגעזען און באַ־ליבט. די באַאַמטע פלעגן אים רופן פאַרצערטלט „מאָשיעטשקאָ" און שטיצן ווי ווייט זיי האָבן נאָר געקענט. ער האָט זיך דאָס גריילעך פאַר־דינט, ווייל אַלס שענקער האָט ער געהאַט צו זיין רשות אַ קעלער מיט די

בעסטע משקאות. פלעשער מעד און בראַנפן, פעסער מיט אַלטן ווייןָ, וואָס משה מענקיס האָט געגרן געשיקט אויף די חגאות און ווען מען האָט נאָר באַדאַרפט צו די גרויסע פריצים, האָבן זיי זייער גוט נושא־פירות געווען. „מאָשיעטשקאָ״ איז צוליב דעם געווען געגוג שטאַרק, אַז ער זאָל קיינעם נישט צולאָזן צו דער אָנפירונג מיט דער קהילה.

וואָס אַן אמת, מען האָט זיך דעמאָלט גאָר נישט געדאַרפט אַזוי רייסן צו דער קהילה־שיסל אין לעמבערג. די קהילה האָט געהאַט געוואַל־טיקע חובות. ווען ס׳איז געקומען די צייט פון צאָלן אַ ראַטע פון אַ חוב, זענען די פרנסים אָפּגעקומען חיבוט־הקבר. אַ סך מאָל האָבן זיי נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי צו זוכן אַ נייע הלוואה כדי צו קענען באַצאָלן כאָטש די פּראָצענטער פון אַן אַלטן חוב. טראַכטנדיק, וואָס וועט פון דעם ווערן, האָט נישט איין ראש־הקהל געגומען שווינדלען פאַר די אויגן.

האָט דען לעמבערג מיט די טויזנט יידישע משפחות געהאַט וועלכע האָפענונג, אַז מען וועט אַמאָל פטור ווערן פון די 400.000 גילדן חובות, וואָס זענען אָנגעוואַקסן מיט דער צייט? ניין, קיינמאָל אין דער וועלט נישט.

עס איז אַזוי ווייט געקומען, אַז די קהילה האָט שוין אויפגעהערט צו צאָלן דעם רב זיין פענסיע. נאָר ווען קהל דאַרף אַפילו נישט צאָלן דעם רב זיין פענסיע, וואָלט אויך געווען אַ קנאַפּע ישועה. דער לאָך איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געדאַרפט האָבן אַ נס מן השמים, כדי צו קענען אויסהאַלטן.

דער נס האָט אָבער נישט געוואָלט קומען. אין יאָר 1761 האָט מען געדאַרפט באַצאָלן אַ ראַטע די לעמבערגער גלחים און ס׳איז נישט געווען פון וואַנען צו נעמען. קיינער האָט מער נישט געוואָלט לייען קהל קיין געלט. ס׳איז געווען אַ לעכערדיקער זאַך. אַזוי ווי דאָס געלט איז אָבער געווען שטאַרק נייטיק, האָבן די ראשי־הקהל געמוזט פאַרזעצן די שילן. מען האָט זיך געבאָרגט 25.000 גילדן און פאַרשריבן אַלס משכון די שילן. אויף אַ רגע האָט מען אַביסל לייכטער אָפּגעאָטעמט.

ר׳ משה מענקיס, וואָס דער קאָשמאַר פון אַ קהלשן באַנקראָט האָט אים שיעור נישט דערדריקט, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

אָבער אין שטאָט איז די נייע הלוואה נישט געוואָרן אַזוי גוט אויפ־

גענומען. דער דעת־הקהל האָט זיך אָנגעהויבן צו בונטעווען. דער עולם איז געווען שטאַרק אומצופרידן. מען האָט שאַרף קריטיקירט דאָס פאַר־משכונען פון טייערסטן קהילה־פאַרמעגן. מען האָט זיך מיט דעם אויך נישט באַנוגנט.

ביזע צינגער האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן מיאוסע ידיעות. קודם האָט מען עס דערציילט אַלס סוד, באַלד איז דערפון געוואָרן אַ גע־רעדעכץ אין אַלע גאַסן — אַז פון דער לעצטער הלוואה האָט זיך ביי די ראשי־הקהל עפּעס צוגעקלעפּט צו דער האַנט!

קיינער האָט, נאַטירלעך, נישט געקענט זאָגן, ווען און ווי אַזוי די ראשי־הקהל האָבן צוגעגנבעט אַ חלק פון דער הלוואה. אָבער די שמועות זענען כסדר געוואָרן אַרומגעטראָגן און זיי זענען זיך, ווי דער שטייגער איז ביי אַזעלכע נישט־קאָנטראָלירטע און נישט געניויע מעשיות, צעוואַקסן ביז אין הימל אַריין.

די קהילה־לייט האָבן דערזען, אַז דאָס זענען נישט קיין חכמות. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ בונט. עפּעס האָט געמוזט תיכף געטאָן ווערן, כדי מען זאָל אַ סוף מאַכן צו די בייזוויליקע קלאַנגען. מ'האָט גערופן אַן אסיפה פון אַלע מקורבים צו ר' משהן אין דער פּראָפּינאַציע און נאָך לאַנגע פאַר־האַנדלונגען האָט מען אַזוי באַשלאָסן: אַזוי ווי עס גייט צו שבועות, זאָל מען אין די ביידע הויפּט־שילן אויסרופן יום־טוב ביים דאַווענען אַזאַ מין כרוז:

„מיר, די ראשי־הקהל פון תוך־העיר און חוץ־לעיר האָבן גע־הערט, אַז עס זענען פאַראַן אין לעמבערג ייִדן בונטאָווטשיקעס, וואָס טראָגן אַרום שמועות קעגן די פרנסים און האָבן די חוצפּה צו רעדן אויף אונדז, אַז מיר האָבן צוגעגנבעט קהליש געלט אין די צענדלי־קער טויזנטער גילדן. די אַלע שמועות ווערן פאַרשפּרייט הינטער אונדזערע אויגן און קיינער זאָגט דאָס נישט אונדז אין פּנים. דע־ריבער לאָזן מיר איצט אויסרופן דורך די שמשים, אַז די אַלע בונ־טאָווטשיקעס זאָלן קומען צו די רבנים און זאָגן אָפן דאָס, וואָס זיי זאָגן באַהאַלטענערהייט און זאָלן באַווייזן וואָס זיי זאָגן. אויב מען וועט קומען צום בית־דין און אונדז באַווייזן אַ גנבה, דאַן זענען

מיר גרייט זיך צו לאָזן באַשטראָפן. אָבער אויב נישט, דאַן וועט מען באַשטראָפן די רכילותניקעס, למען ישמעו ויראו״.

.2

דער פּלאַן איז געווען זייער גוט דורכגעטראַכט. משה מענקיס האָט געוווסט, אַז קיינער וועט נישט האָבן די העזה עפנטלעך פאָרצוואַרפן אים און גאַנץ קהל אַ גנבה. די מאַכט פון קהל איז אין יענע צייטן געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס וואָלט קיינער נישט געוואַגט צו טאָן. דער כרוז אין שיל איז דעריבער געווען זייער אַ גוטער אופן ווי אַזוי צו ענטפערן אויף אַלע בייזע שמועות. דערנאָך וועט מען שוין קענען מבטל זיין אַלצדינג, וואָס די שונאים טראָגן אַרום, האָט זיך געקלערט אונדזער „מאַשיעטשקאַ״.

אָבער זיי זענען אויך נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. דאָס רעדל צווישן מענקיסעס שונאים האָט געפירט איינער, דוד סאָבעלס (אָדער סאָבאָלישין, לויט אין די פּוילישע אַקטן), אויך אַ שענקער אין לעמבערג.

דוד סאָבעלס האָט געשטאַמט פון שטעטל טיסמעניץ. ער איז געווען אַ שרייער, האָט זיך געשטופּט מיט געוואַלט צו אַלע קהלשע אַמטן, אַ מענטש מיט אַן אומגעהייערער אַמביציע, וואָס האָט זיך אַפילו נישט געשראָקן צו געבן אַ „מתנת יד״, אויב דאָס איז גראָד געווען נויטיק. געחלומט האָט ער זיין גאַנץ לעבן פון איין זאַך: צו ווערן אַ ראש־הקהל אין לעמבערג. מענקיס האָט דאָס קיינמאָל נישט צוגעלאָזט און דעריבער האָט ער אים געהאַסט ביז אין די טיפעניש פון זיין נשמה.

דוד האָט געוווסט, אַז ס׳איז נישט מעגלעך צו באַווייזן מענקיסן אַ גנבה. נאָך קיינמאָל איז אין לעמבערג אַ גנבה פון קהלס געלט נישט געמאַכט געוואָרן אַזוי אומגעלומפּערט, אַז מען זאָל כאַפּן דעם גנב ביי דער האַנט. ניין; תמיד האָט מען געקענט געפינען עפּעס אַ תירוץ, וואָס דאָס געריכט וואָלט אָנגענומען פאַר ריכטיק. וואָס האָט מען דעריבער געקענט טאָן, כדי צו געבן אַ קלאַפּ מענקיסן און אַליין נישט אַריינצופאַלן אין אַ צרה?

די עצה וואָס סאָבעלס האָט געגעבן אויף אַן אסיפה פון מענקיסעס קעגנער און וואָס איז אַלעמען געפעלן, איז געווען פאָלגנדע: בשעת מען

וועט אין שיל לייענען דעם כרוז פון קהל און משה מענקיס וועט אַליין זיין דערבײַ, זאָל ווערן אַזאַ טומל אין שיל, אַז מ׳זאָל מוזן איבעררייסן דאָס מכריז־זיין. אויב דאָס זאָל געלינגען, דאַן וועט עס זיין אַ קלאָרער סימן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז אַלע ייִדן גלויבן אין די שמועות, וואָס דער ראש־הקהל וויל אָפּלייקענען. דאָס וועט אויך באַלד אָנקומען צום וואָיע־וואָדע, וועלכער וועט זען, אַז די ייִדן האַלטן נישט מער מיט זיין „מאָ־שיעטשקאָן״.

ס׳איז געקומען דער ערשטער טאָג שבועות פון יאָר תקכ״ב (1762). אין דער גרויסער פאָרשטאָטישער שיל, נאָך קריאת התורה, האָט דער שמש געגעבן אַ קלאַפּ אין בעלעמער און אויסגערופן: „הערט צו ייִדן, וואָס קהל הקודש לאָזט מכריז־זיין!״.

נאָך די דאָזיקע ווערטער האָט דוד סאָבעלס, וואָס האָט אויך געדאַוונט אין דערזעלבער שיל, געגעבן אַ ווונק און מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ שרעק־לעכער רעש.

ייִדן, וואָס זענען געזעסן אויף די הינטערשטע בענק האָבן זיך אויפ־געכאַפּט פון די ערטער און אָנגעהויבן צו שרייען:

— „מיר ווילן נישט הערן, וואָס די גנבים האָבן צו זאָגן!״.

— „זאָלן זיי בעסער אָפּגעבן דאָס געלט, וואָס זיי האָבן צוגענומען!״.

— „אַוועק מיטן ראש־הקהל, וואָס נעמט צו טויזנטער גילדן קהלס געלט!״.

ווער זענען געווען די שרייער? עפּעס סתם־ייִדן, אָרעמע לייט, וואָס קיינער האָט זיי רעכט נישט געקענט. אין דער פאָרשטאָטישער שיל האָט געדאַוונט דער המון־עם. אַז די הינטערשטע בענק האָבן אַזוי געטומלט, האָט עס אויסגעזען ווי אַן אמתדיקע פאָלקס־רעוואָלוציע.

הערנדיק דעם טומל, זענען די בעלי־בתים אויף דער מזרח־באַנק אויך אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן צו שרייען:

— שאַ! שטיל!״.

די קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים. יעדער אין שיל האָט גע־שריגן. די, וואָס האָבן געוואָלט באַרויִקן די טומלער, האָבן נאָך פאַרגרע־סערט דעם טומל אַליין.

דוד סאָבעלס, וואָס איז געזעסן נישט ווייט פון מענקיסן, איז אפשר

געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן רויק. ער האָט געקוקט אין פּנים אַריין דעם ראש־הקהל, וואָס איז געזעסן נעבן רב און שיעור נישט משוגע געוואָרן פאַר כעס. „מאָשיעטשקאָ״ האָט תיכף דערקענט וועמעס שטיקל אַרבעט דאָס איז, אָבער וואָס האָט ער געקענט טאָן? דער טומל איז געווען אַזוי מוראדיק, אַז מען האָט געמוזט מוותר זיין אויפן כרוז. דער רב האָט נאָך געפּרוּווט צו באַרויקן דעם עולם, אָבער אויך אים האָט מען נישט געפאָלגט. ווען ער האָט געזען, אַז צום בזיון פון מקום־קדוש נעמט נישט קיין עק, האָט ער צוגערופן דעם חזן, אַז ער זאָל אָנ־הייבן צו זינגען. די שיל האָט זיך איינגעשטילט.

תיכף נאָך יום־טוב איז משה מענקיס צוזאַמען מיטן צווייטן ראש־הקהל, מרדכי וואָצלאַווסקי, אַריבער צום וואָיעוואָדסקע געריכט און אַריינגעטראָגן די אָנקלאַגע. זיי האָבן דערוויילן נישט אָנגעגעבן קיין נע־מען. ווייל סאָבעלסן, וואָס איז געווען דער אמתדיקער שולדיקער, האָט מען גאָר נישט געקענט פאַרוואַרפן. ער איז דאָך געזעסן שטיל אין שיל. און די אָרעמעלייט, וואָס האָבן געשריגן, איז פּשוט געווען אַ בושה אָנ־צוקלאָגן. דעריבער איז די אָנקלאַגע געווען סתם קעגן „אַלע בונטאָווטשי־קעס״. די ראשי־הקהל האָבן איבערגעגעבן די גאַנצע מעשה אין שיל און אויך אַריינגעשטעלט דעם גאַנצן נישט־פאַרעפנטלעכן כרוז.

ס׳האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ פינף־יאָריקע מלחמה וועגן דער ממשלה אין לעמבערגער קהל.

### 3.

די מלחמה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1762, מיט דער אָנ־קלאַגע פון די ראשי־הקהל קעגן די בונטאָווטשיקעס, האָט פאַרשלונגען די גאַנצע ענערגיע פון ביידע קעמפנדיקע צדדים. לאַנגע יאָרן שפּעטער האָט מען זיך אין לעמבערג נאָכדערציילט וועגן דעם גאַנצע מעשיות.

דוד סאָבעלס האָט באַלד דערשפּירט, וואָס דאָס הייסט צו זיין אַ קעג־נער פון קהל. הגם מען האָט אים גאָר נישט געקענט פּערזענלעך נאָכ־ווייזן, אָבער דאָך איז ער אַרויף אויף דער „שוואַרצער ליסטע״ און צו־זאַמען מיט אים אַלע זיינע גוטע פריינד און אָנהענגערס. נישט לאַנג נאָך

יום־טוב האָט מען אויסגעמאָסטן דעם קהלשן שטייער, דעם אַזוי־געררופע־נעם „סימפּעל״. נו, אויף וועמען עס איז נאָר געווען אַ שטיקעלע חשד, אַז ער איז געווען באַטייליקט אין „בונט״ אין דער שיל, אויף דעם האָבן די שטייער־אָפּשאַצער („טאַקסאַרזשעס״) געהאַט אַן אויג. ער האָט באַ־קומען אַזאַ אויסמאָס פון שטייערן, אַז ס׳האָט זיך אים געגלוסט צו חלשן. פאַרשטייט זיך, אַז דעם סמיכת־הפּרשיות צווישן בונט און דעם געהעכערטן סימפּעל איז נישט שווער געווען צו געפינען. אגב, האָט מען־קיס דאָס גאָר נישט באַהאַלטן.

ער האָט דאָס געטאָן, ווייל די אָנקלאַגע, וואָס ער האָט אַריינגע־טראָגן אין געריכט, איז געווען מער אַ דעמאָנסטראַציע, ווי אַ ממשותדיקער שריט. אַן אָנקלאַגע אָן נעמען איז גאָר נישט ווערט. ווען האָט דאָס געריכט געקענט פאַרמשפּטן אויב ס׳איז נישט אָנגערופן געוואָרן קיין נאָמען פון אַ פאַרברעכער? מענקיס האָט מיט דעם נאָר געוואָלט וואָרענען זיינע שונאים, אַז ער וועט מער נישט שווייגן.

די קעגנער האָבן עס גוט פאַרשטאַנען און זיך גענומען גרייטן מיט אַלע כוחות צו די קהילה־וואַלן, וואָס האָבן געדאַרפט פאָרקומען חול־המועד פּסח תקכ״ג (1763). דענסטמאָל האָט געזאָלט זיין די גענעראַל־אָפּרעכענונג פאַר אַלע חטאים.

דוד סאָבעלס האָט אָנגעפירט מיט די צוגרייטונגען. ער האָט גוט געקענט די מלאכה. קיין אייגציקער פון די אומצופרידענע מיט דער קהילה־ווירטשאַפט איז נישט געוואָרן דורך אים דורכגעלאָזן. מיט יעדן האָט ער גערעדט, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ טענה אָדער אַ בייז האַרץ אויף מענקיסן. אַזוי האָט ער געוואונען די משפחה פון די מיזעסעס. ס׳איז אים אויך געלונגען צו ברעכן דעם קהל־פּראַנט פון אינעווייניק: צוויי פּרנסים, יעקב ביק און ישראל רייס, זענען אָפּן איבערגעגאַנגען אין לאַ־גער פון דער אָפּאָזיציע צו קהל. ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ שטאַרקע פּאַר־טיי, וואָס האָט נאָר געהאַט איין ציל פאַר די אויגן: אַראָפּצוואַרפן מענ־קיסן פון ראש־הקהלשאַפט.

דער אונטער־וואָיעוואָדע, וואָס האָט געהאַט אַ דעציזירנדן איינ־פלוס אויף אַלע קהילה־ענינים האָט גוט געוווּסט, וואָס ס׳טוט זיך ביי יידן. ער האָט געשטיצט „מאָשיעטשקאָן״, אָבער די גאַנצע מלחמה איז

אים נישט געווען אַזוי שטאַרק ניחא, ווייל ער האָט דאָך געמוזט כסדר פּסקענען וועגן די אָנקלאַגעס, וואָס איין פּאַרטיי האָט אַריינגעטראָגן קעגן דער אַנדערער. דאָס איז געווען אַ נישט־נויטיקער קלאָפּאָט, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט העלפן. דאָס מחלוקת האָט זיך געפירט מיט אַן אימפּעט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין גלייכן צו זיך זינט לעמבערג איז געווען אַ יידישע קהילה.

כדי אויסצומיידן נייע קלאַגעס, האָט דער אונטער־וואָיעוואָדע אַרויס־געגעבן קורץ פאַר די וואַלן אַ פאַראָרדענונג, וואָס האָט רעגולירט אַ סך פּרטים פון דער וואַל־פּראָצעדור. און דאָס איז געווען אַ גאַר קאָמפּליצירטע מאַשינעריע.

די פּרנסים זענען נישט געוויילט געוואָרן דירעקט, נאָר באַשטימט דורך עלעקטאָרן, „בוררים״. ווי אַזוי זענען אַרויסגעקומען די בוררים, איז אַן אינטערעסאַנטע מעשה פאַר זיך.

מען האָט אויפגעשטעלט דריי שאַכטעלעך. אין דער ערשטער שאַכטל האָט מען אַריינגעלייגט צעטעלעך מיט די נעמען פון אַלע פּרנסים. דאַן האָט מען דורך אַ גורל אַרויסגעצויגן צוויי צעטעלעך. די נעמען אויף די צוויי אַרויסגעצויגענע צעטעלעך זענען געווען די ערשטע צוויי בוררים.

אַלע פאַרבליבענע צעטעלעך האָט מען דאַן אַריבערגעוואָרפן אין דער צווייטער שאַכטל און צוגעגעבן נאָך נייע צעטעלעך מיט די נעמען פון די שיל־גבאים, מיטגלידער פון קהילה־קאָמיטעט, צדקה־אויפזעער אאַז״וו. ס׳איז ווידער פאָרגעקומען אַ גורל, ד״ה מען האָט אַרויסגעצויגן צוויי צעטעלעך און די נעמען אויף זיי זענען געוואָרן דערקלערט אַלס ווייטער־דיקע צוויי „בוררים״.

די פאַרבליבענע צעטעלעך האָבן דאַן אַריבערגעוואַנדערט אין אַ דריי־טער שאַכטל, וווּ עס זענען געלעגן צעטעלעך מיט נעמען פון אַלע „סימ־פּעל־צאָלער. פון דאָרט האָט מען אַרויסגעצויגן „בלינד״ נאָך איין בורר.

אָט די פינף „בוררים״ האָבן באַשטימט די ראשי־הקהל און פּרנסים. פאַרשטייט זיך, אַז ווער ס׳האָט געהאַט זיינע „בוררים״, דער האָט נישט געהאַט קיין דאגה מיטן באַזעצן די קהילה־אַמטן.

מענקיס האָט אויך נאָר איין זאַך אין זין געהאַט: צו געווינען פאַר זיך די בוררים. צום גליק איז געווען פיל לייכטער צו מאַכן שטימונג פאַר

זיך אין די שאַכטעלעך מיט די צעטלען, ווי ביים עולם. אָפּט האָבן פּאַסירט „נסים“ אין די שאַכטעלעך. מען האָט גאָר נישט געדאַרפט זיין פּאָפּולער אין שטאָט, כדי ארויסצוקומען אַלס פּרנס. ס'האָט זיך מער געווענדט אין סודותפולן וועג, וואָס די צעטלעך האָבן געדאַרפט דורכמאַכן בשעת זיי זענען געוואָרן געוואָרפן פון איין שאַכטל אין דער אַנדערער. מענקיס האָט דעם וועג גוט געקענט און ער איז געווען זיכער, אַז די וואַלן חול־המועד פּסח תקכ"ג וועלן אויספאַלן על צד היותר טוב.

ער האָט זיך אָבער אַ ביסל פאַררעכנט. ס'איז פאָרגעקומען עפּעס אַ „טעות“ ביים אַריבערוואַרפן די צעטלעך; נישט, חלילה, אויף אַזוי ווייט, אַז אונדזער „מאַשיעטשקאַ“ זאָל פאַרשפּילן די וואַלן. ניין; ער האָט געוווּנען, אָבער — נישט אין גאַנצן. דוד סאָבעלס אַליין איז דורכגעפאַלן, אָבער די צוויי אָפּאָזיציאָנערן פון דער אַלטער קהילה זענען דורך די בוררים ווייטער באַשטימט געוואָרן.

די סאָבעלס־פאַרטיי האָט פּראָטעסטירט צו דער מאַכט קעגן די וואַלן, אָבער פאַר מענקיסן איז די נייע לייטונג פון דער קהילה אויך נישט געווען צו גוט.

די ערשטע פונקציע האָט געדאַרפט זיין אויסצוקלייבן נייע שטייער־אויסמעסטער, וואָס איז געווען פון גרעסטער באַדייטונג פאַר ביידע פאַרטייען. מענקיס האָט, נאַטירלעך, געוואָלט האָבן זיינע ביידע מענטשן, ווי פאַראַיאָרן — שמעלקע און מאָשל מאַנעלאָוויטש. אָבער די קהילה־לייטונג האָט זיי נישט באַשטימט. ביזן חודש אויגוסט האָט געדויערט דער קאַמף אין דער קהילה וועגן דעם, ווער ס'זאָל זיין דער שטייער־אויסמעסטער. אַזוי ווי מען האָט זיך נישט געקענט אייניקן, איז דערווייל קיינער נישט באַשטימט געוואָרן און ממילא האָט מען זיך פאַרשפּעטיקט מיטן אויסמעסטן די שטייערן. פון דעם איז נולד־געוואָרן, אַז ס'איז נישט געווען קיין געלט אויף צו באַצאָלן די חובות. די גלחים, וואָס זיי איז געקומען געלט פון דער קהילה, האָבן אָנגעקלאָגט.

מענקיס איז דאַן געפאַלן אויף אַן המצאה: ער האָט געבעטן דעם אינסטיגאַטאָר אולאַנאָווסקי צו אָנקלאָגן אים, מענקיסן אַליין, אַז ער פאַרנאַכלעסיקט די קהילה־ענינים, ווייל ער צאָלט נישט די חובות. דער אונטער־וואָיעוואָדע האָט דאַן אָפיציעל אויסגעפאָרשט די סיבות פון דער

שלעכטערווירטשאַפט און תיכף באַשטימט די שטייערן־אויסמעסטער, נאָ־טירלעך, שמעלקען און מאַשלען. אָבער אויך דאָ איז מענקיסעס נצחון נישט געווען פולשטענדיק. די מאַכט האָט איינגעזען, אַז די אָפּאָזיציע איז שטאַרק, און דעריבער צוגעגעבן צוויי קאָנטראָלערן פון דער שטאָט (עזריאל זלאָטשעווער און מרדכי באַרוכאָוויטש) און צוויי פון דער „פּאַר־שטאָט״ (לייבל מיזעס און ישראל רייס); אַלע זענען געווען הונדערט־פּראָצענטיקע אָפּאָזיציאָנערן.

מענקיסעס שונאים האָבן זיך אַריינגעריסן אויך אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג פון דער קהילה־אַרבעט. אַנשטאָט צו קלערן וועגן אָפּרייניקן אַ ביסל די לאַסט פון חובות, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף טויט און לעבן צווישן די צוויי פּאַרטייען.

עס זענען געלאָפן מסירות צו דער מאַכט, אַז די האַר האָבן זיך גע־שטעלט קאַפּויער. מען האָט זיך קעגנזייטיק באַשולדיקט אין גניבות, גזילות און רציחות.

איין אַקט פון געריכט דערציילט, אַז איינער פון די ראשי־הקהל, זלמן־פּנחס ראַבינאָוויטש, איז געוואָרן אָנגעקלאָגט דורך דוד סאָבעלסן, אַז ער האָט נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון פון זיין פאַרוואַלטן מיטן קהילה־פאַרמעגן. זלמן־פּנחס האָט דאַן אַריינגעטראָגן אַ קעגן־אָנקלאָגע, אַז ער איז געוואָרן שרעקלעך באַליידיקט. וואָס האָט דאַן געטאָן דער אונ־טער־וואָיעוואָדע? ער האָט פאַראָרדנט, אַז מען זאָל דורכפירן אַ גענויעם קאָנטראָל פון אַלע הוצאות און הכנסות פון דער קהילה במשך פון די לעצטע דריי יאָר. מאָטיווירט איז דאָס געוואָרן מיט דעם, אַז „די טובה פון גאַנצן קהל פאָדערט, אַז נישט נאָר זלמן־פּנחס, נאָר אַלע אַנדערע ראשי־הקהל זאָלן אויך מאַכן אַ גענויע קאַלקולאַציע, וואָס זיי האָבן געטאָן מיטן געלט״.

ווייזט אויס, אַז דאָס איז נאָך געווען אַן אָפּקלאַנג פון פאַראַיאָריקן גערעדעכץ. די ראשי־הקהל פון מענקיסעס צד האָבן מסכים געווען אויפן קאָנטראָל מצד דער מאַכט, ווייל דאָס איז געווען אַ גוטער אופן ווי אַזוי נאָכצווייזן, אַז אַלע שמועות, וואָס זענען קעגן זיי פאַרשפּרייט געוואָרן, זענען שקר־וכזב. אַ קאָנטראָל מצד דער מאַכט אין דער קהילה־קאַסע האָט תמיד געוויזן, אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג.

## .4

דאָס יאָר 1763 האָט זיך אין ביידע לעמבערגער קהילות געשלעפּט אין אַ געוואַלטיק־אַנגעצויגענער שטימונג.

דאָס געדולד פון די לעמבערגער ייִדן האָט זיך אויסגעשעפּט. מענקיס האָט אָנגעהויבן פילן, אַז די לאַגע ווערט גאָר קריטיש. די קאַסע איז גע־ווען ליידיק, די חובות האָבן געדריקט, דער קאַשמאַר פון דער קאַטאַס־טראָפע האָט זיך שוין קלאָר געוויזן פאַר די אויגן.

ס׳קען זיין, אַז אונדזער „מאַסיעטשקאָ" וואָלט אפשר געווען, צוליב דעם דראָענדיקן באַנקראָט פון דער קהילה, אויסגעשטרעקט די האַנט צו די שונאים און געפּרוווט מאַכן מיט זיי שלום. אָבער אַז ער האָט זיך דער־מאָנט אין דער בושה, וואָס די עזות־פּנימער דוד סאָבעלס, ישראל רייס און אַנדערע האָבן אים גורם־געווען יענעם שבועות אין שיל, האָט ער אַזש געציטערט פאַר אויפרעגונג און אַוועקגעיאָגט פון זיך אַלע געדאַנקען וועגן אַ שלום. ער האָט געוואָלט געפינען עפּעס אַן אַנדערע רעטונג פאַר דער קהילה, אָבער ס׳איז נישט געגאַנגען.

די וואַלן, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט פאַרן יאָר 1764, זענען גאָר נישט געווען „זיכער". פאַרקערט: מען האָט געזען, באַשיימפּערלעך, אַז מענקיס קען ליידן אַ מיאוסע מפּלה. די אָפּאָזיציע אין דער קהילה גופא האָט געשטערט דעם שלום־בית. זיצונגען פון די פּרנסים זענען פאַרגע־קומען זעלטן, ווייל מען האָט זיך נאָר געקריגט און געזידלט. דער פרילינג פון יאָר 1764 האָט אויפגעמונטערט בלויז די שונאים פון מענקיסן. זיי האָבן געוווּסט, אַז די שאַכטעלעך מיט די נעמען פון די בוררים וועלן דאָס מאָל ווערן גוט באַוואַכט און „נסים" וועלן מער נישט פאָרקומען. „מאַ־סיעטשקאָ" האָט סוף־סוף דערזען, אַז די צרה איז פאַרטיק. קורץ פאַר פּסח, ווען מען האָט שוין געמוזט זיך נעמען צו די וואַלן, האָט ער איבערגעגעבן די אָנפירונג פון דער קהילה זיינעם אַ פאַרטרויונגס־מענטשן, ליבער ראַ־בינאָוויטש. צו וואָס זאָל ער אַליין זען, ווי ער פאַלט דורך?

די מענקיס־פּאַרטיי האָט די לעצטע טעג פאַר די וואַלן ממש פאַר־צווייפלט. די שאַכטעלעך זענען פּלוצים טויב געוואָרן. זיי האָבן זיך גאָר נישט אָפּגערופן בשעת מען האָט זיך זיי דערקלערט אין ליבע. די צעטעלעך

מיט די נעמען זענען זיך רויק געלעגן און געוואַרט אויפן יום־הדין. דער־ווייל האָט מען זיך אַרומגעקריגט אין די שילן, בתי־מדרשים און אין די מקוואות.

דער רעזולטאַט איז געווען אַ שרעקלעכער. מענקיס איז אין גאַנצן דורכגעפאַלן. די בונטאָווטשיקעס זענען געווײלט געוואָרן: דוד סאָבעלס, שלמה און לייבל מיזעס, ביק, רייס און אַלע זייערע שותפים.

אויף אַזאַ מפלה האָט זיך מענקיס נישט גערעכנט: ער זאָל דורכפאַלן און דוד סאָבעלס זאָל נאָך קענען ווערן אַליין ראש־הקהל! און דוד האָט געהאַט אַ דאָפּלטן נצחון: דער פאַרהאַסטער ראש־הקהל איז געלעגן אַ באַזיגטער און ער אַליין איז געווען אײנעווייניק, אין דער קהילה, ווי ער האָט געשטרעבט זינט יאָרן אַרײנצוקומען און ווו מענקיס האָט אים קיינמאָל נישט צוגעלאָזט!

אָבער נאָך האָט „מאָסיעטשקאָ" זיך נישט אונטערגעגעבן. ניין, אַזוי שנעל קען מען מיט אים נישט פאַרטיק ווערן.

שטילערהייט איז ער אַוועק צו זיין אַלטן גוטן פריינד, דעם אונטער־וואָיעוואָדע. ער האָט פאַר אים אויסגעגאָסן זיין גאַנץ ביטער האַרץ. ער האָט אים אָנגעהויבן צו בעטן, ער זאָל נישט צולאָזן זיינע שונאים צו דער מאַכט אין דער קהילה. „מאָסיעטשקאָ" האָט געוווסט ווי צו בעטן. דער וואָיעוואָדע האָט געהאַט פון לאַנג אַ סענטימענט פאַר אים און מענקיס האָט געהאַט שכל און געוווסט, וועלכע משקה שמעקט דעם פריץ צום־בעסטן.

מען האָט אויסגעזוכט עפּעס אַ פעלער ביי די וואַלן און דער אונטער־וואָיעוואָדע האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג: הגם די וואַלן ווערן נאָך נישט דערקלערט אַלס בטל, אָבער דאָך ווערט באַפוילן, אַז „דערווייל זאָלן די אַלטע ראשי־הקהל ווייטער פירן די קהילה און נישט צולאָזן קיי־נעם פון די נייע צו דער מאַכט".

די שמחה אין סאָבעלסעס לאַגער האָט געדויערט גאָר קורץ: ווען די זיגער האָבן נאָך געטומלט צוליבן נצחון, איז פּלוצים באַוווסט געוואָרן, אַז אין דער שטאָטישער קהילה איז אַלס בירגערמייסטער באַשטימט גע־וואָרן דער אַלטיטשקער יוסף צימעלעס און אין פאָרשטאָט בלייבן אַלע אַלטע פּרנסים מיט ליבער ראַבינאָוויטש אין דער שפּיץ.

די אויפרעגונג אין שטאָט איז געוואָרן אין לשער.

נאָך קיינמאָל פריער האָט מען אין לעמבערג נישט געוואַגט אַזוי צו טרעטן מיט די פיס דעם אויסגאַנג פון קהילה־וואַלן. דער המון־עם האָט גאָר נישט געקענט פאַרשטיין, ווי מען קען עפּעס נישט דערלאָזן אַ ביי־געוויילטע קהילה צו איבערנעמען איר אַמט. די אויטאָריטעט פון קהל איז דעמאָלט נאָך געווען אַזוי גרויס, אַז מיטן מאָמענט ווען דער רעזול־טאַט פון די וואַלן איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט, דאָס הייסט, ווען די בור־רים האָבן באַשטימט די פּרנסים, איז מער נישט געווען קיין חילוקי־דעות בנוגע דער אָנפירונג פון דער קהילה אין קומענדיקן יאָר.

ווייל וואָלט געווען צו אַ מענטש, וואָס וואָלט זיך אַקעגנגעשטעלט דעם רצון פון פאָלק! דעם חטא וואָלט אים קיינער נישט מוחל־געווען.

און באמת, ווען ס'איז געקומען שביעי של פסח תקכ"ד (1764), איז דאָס יידישע לעמבערג געווען ווי עלעקטריזירט. די אַלטע קהלניקעס האָבן מורא באַקומען זיך צו ווייזן אין גאַס. דער המון־עם האָט זיך אַזוי צע־רייצט, אַז מען האָט געקלערט, אַז די אַלטע ראשי־הקהל זענען נישט זי־כער מיטן לעבן. זיי האָבן דאָך געוואַגט צו אַפּעלירן צום וואָיעוואָדע קעגן אַ קהילה, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך די בוררים.

ליבער ראַבינאָוויטש אַליין האָט געצי־טערט. יום־טוב איז אים גע־קומען די שירה, די אָפיציעלע עליה פון ראש־הקהל. ער איז געקומען אין שיל אַריין און זענענדיק, אַז דער עולם וועט נאָך מאַכן אַ סקאַנדאַל בשעת מען וועט אים אויפרופן, האָט ער געזאָגט צום שמש, דוד גערשאָנאָוויטש:

— „לאָז מיך צורו, איך וויל נישט האָבן קיין בזיון, גיב די עליה אַן אַנדערן".

(אַפילו דאָס איז פאַרנאָטירט אין פוילישן דאָקומענט, וואָס געפינט זיך צווישן די אַקטן פון גאַנצן מחלוקת).

דער שמש האָט פאַרקויפט די עליה אויף אַ ליציטאַציע און איינער פון די בעלי־בתים אין שיל, מיטן נאָמען יקותיאל, האָט זי געקויפט. אָבער הגם ליבער איז נישט געוואָרן אויפגערופן, האָט דער פאָלקס־צאָרן קעגן די אָנקלאָגער אויפן וואַל־אויסגאַנג נאָך שטאַרקער אויפגעפלאַקערט. עס האָבן אָנגעהויבן אין לעמבערג צו געשען שרעקלעכע זאַכן.

## .5

עס איז אַזוי ווייט געקומען, אַז דאָס פאָלק האָט פּשוט נישט צוגע־לאָזט די אַלטע דורכגעפאַלענע פּרנסים זאָלן אויספירן זייערע פונקציעס. ס׳איז אַנטשטאַנען ממש אַ תהו־ובהו.

אין די געריכט־אַקטן איז פאַרשריבן געוואָרן, אַז „די טויטע זענען געלעגן און מען האָט זיי נישט געקענט באַגראָבן״. די סיבה איז געווען, ווייל עס איז נישט געווען קיין בעל־הבית אויפן בית־עולם. די חברה־קדי־שא האָט נישט געהאַט פון וועמען צו נעמען אינסטרוקציעס וועגן אַ קרקע. די אַלטע פּרנסים האָבן נישט געוואָגט צו קומען אין דער קהילה אַריין, ווייל זייער לעבן איז ממש געווען אין סכנה. די נייע האָבן, צוליבן באַפעל פון אונטער־וואָיעוואָדע, נישט געהאַט קיין רעכט צו שאַפן מיטן קהילה־פאַרמעגן.

מען האָט געקענט מיינען, אַז די אַלטע און בכבודיקע לעמבערגער קהילה גייט־אונטער. ס׳איז געווען אַ סיטואַציע אָן אַן אויסוועג. דער אונ־טער־וואָיעוואָדע אַליין, וואָס האָט דאָך געהאַט אַ גרויסע אויטאָריטעט איז, צו אַלע צרות, אַרויסגעפאָרן פון שטאָט אויף אַ פּאָר טעג און ס׳איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל קענען באַרויִקן די שרעקלעך־אָנגעצונדענע געמיטער.

דער רב האָט זיך אַריינגעמישט. ער האָט קודם־כל געפּועלט ביי דער זיגרייכער קהילה־אָפּאָזיציע, אַז זי זאָל מסכים זיין אויף צימעלעסן אַלס צייטווייליקן שטאָטישן ראש־הקהל. אין „תוך העיר״ איז דאָס פייער איינ־געשטילט געוואָרן. אָבער דאָס איז נישט געווען גענוג. אויך אין „חוץ לעיר״ זענען געווען ענינים, וואָס מען האָט נישט געקענט אָפּלייגן. דערי־בער האָט דער רב צווויסן־געטון ראַבינאָוויטשן, אַז די ניי־געווײלטע פּרנסים האָבן איינגעוויליקט, אַז „אויך ער מעג די עטלעכע טעג, ביז דער הער אונטער־וואָיעוואָדע וועט צוריקקומען, שאַלטן און וואַלטן״. (פאַר־שריבן אין די געריכטס־אַקטן).

פונדעסטוועגן איז די רעוואָלוציע געהאַנגען אין דער לופט.

ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט געמוזט קומען צו אַן אויפרייס. אַ קליינער פונק איז געווען גענוג, אַז די קינסטלעך־איינגעשטילטע אָבער

דערפֿאַר נאָך מער פֿאַרביסענע ליידנשאַפֿטן זאָלן אויסשיסן. און די געלעגנהייט האָט נישט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן.

קורץ נאָך פּסח זענען געווען די קריסטלעכע חגאות. לויט אַן אַלטן מנהג זענען די קהילה־פּרנסים תמיד געגאַנגען מיט אַן אָפֿיציעלן וויזיט צום „בורגראַביע" (דער העכסטער שטאָטישער באַאַמטער), כדי אים אָפּצווינטשן. ליבער ראַבינאָוויטש, דער דערוויילע אַמטירנדיקער ראש־הקהל „דחוץ לעיר", האָט אַנגענומען אַלס זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט, אַז ער דאַרף אויספֿירן אָט די פֿליכט פֿון זיין אַמט. אָבער אויך די ניי־געוויילטע פּרנסים האָבן באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַציע צום בורגראַביע, כדי אַזוי אַרום צו ווייזן, אַז זיי זענען גרייט איבערצונעמען די מאַכט. דוד סאָבעלס האָט אָנגעפֿירט מיט די נייע פּרנסים. אין פּאַלאַץ פֿון בורגראַביע האָבן זיך ביידע דעלעגאַציעס געטראָפֿן. דעמאָלט איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע אַוואַנטורע.

קוים זענען די ייִדן געווען אויף דער אַנדערער זייט פֿון דער טיר און פֿאַרלאָזט דעם פּאַלאַץ, האָט דוד סאָבעלס גענומען שרייען צו ראַבינאָוויטשן:

— וואָס לויפֿסטו אונדז נאָך, דו ביזט דאָך נישט מער קיין ראש־הקהל!

אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דוד האָט צוזאַמענגעביילט די פֿויסטן און ווייטער געשריגן הויך אויפֿן קול:

— איך וועל דיר צעהאַקן די ביינער, איך וועל דיר צעהאַקן די ביינער!

(אין פּוילישן געריכטס־דאָקומענט שטייט: „דאַם צי וו׳פּיסק, דאַם צי וו׳פּיסק").

שלמה מיזעס איז אויך צוגעשפּרונגען, זיך צעקאָכט און געוואַלדעוועט:

— אַוודאי האָסטו נישט דאָ וואָס צו זוכן! טראָג דיך אַוועק פֿון דאַנען!

ראַבינאָוויטש איז צוריק אַריינגעלאָפֿן אין פּאַלאַץ. ער איז צוגעקומען ווידער צום בורגראַביע און אים דערציילט די גאַנצע מעשה. דער פּריץ האָט אים באַרויִקט, אָבער דער ייִד האָט זיך דעם סקאַנדאַל אַזוי

געגומען צום הארצן, אז ער איז קראַנק געוואָרן. דעמאָלט האָט זיך די לאַגע אין גאַנצן געענדערט.

דער בורגגראַביע האָט, ווייזט אויס, מעורר־געווען דעם אינסטיגאַטאָר ער זאָל אָנקלאָגן דוד סאָבעלס, שלמה מיזעס און זייערע חברים וועגן פאַרשיידענע פאַרברעכנס. דער פּראָצעס איז געגאַנגען כהרף עין. מען האָט באַשריבן אַלע חטאים פון דער פּאַרטיי, און שוין דעם 17טן מאַי 1764 איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער פּסק.

דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַ פּסק! שלמה מיזעס, ווייל „ער איז נישט נאָר איצט געווען קעגן דער פאַראָרדענונג פון וואָיעוואָדן־אַמט, נאָר ער האָט נאָך פריער אויף אַן ענלעכן אופן געזינדיקט", איז געוואָרן דער־קלערט פאַר אָפּגעזאָגט פון ראש־הקהלשאַפט במשך צוויי יאָר. דוד סאָ־בעלס האָט פאַרלוירן דאָס רעכט צו זיין אַ פּרנס במשך איין יאָר. יעקב ביק איז באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ קנס פון דריי רענדלעך. אַנדערע זע־נען געוואָרן באַפרייט.

פאַרשטייט זיך, אַז איצט איז שוין די גאַנצע אָפּאָזיציע געווען פאַר־טריבן פון דער קהילה. משה מענקיס האָט צוריק איבערגענומען די ממשלה.

.6

צוויי יאָר איז געווען מנוחה.

קיינער האָט במשך די צוויי יאָר נישט געוואַגט אַפילו דאָס מויל צו עפענען. קיינער האָט נישט קריטיקירט „מאָשיעטשקאָן". די וואַלן פון יאָר 1765 זענען דורכגעגאַנגען אָן אויפרעגונג. די מענקיס־ליסטע איז געוואָרן אין גאַנצן באַשטעטיקט דורך די בוררים. סאָבעלס איז דאָרט, נאַ־טירלעך, נישט געשטאַנען. אויך די מיזעסעס זענען נישט געוואָרן באַ־שטימט. קוים האָבן זיך די אַלטע קהלניקעס רייס און ביק אָפּגעבעטן, אַז מען זאָל זיי נישט אַרויסוואַרפן פון דער קהילה.

אָבער סאָבעלס האָט ווייטער געאַרבעט שטילערהייט, כדי דאָך צו דער־לעבן אַמאָל צו ווערן לעמבערגער ראש־הקהל. ער איז געווען זייער כיטרע, די אַמביציע זיינע האָט נישט געהאַט קיין גרענעצן און ער האָט ביי זיך

באַשלאָסן, אַז אויב ער האָט זיין חלום נישט געקענט פאַרווירקלעכן קעגן מענקיסן, דאַן וועט ער עס טאָן  מ י ט  מענקיסן.

ער האָט אָנגעהויבן צו חנפענען דעם קהל־תקיף. ווען ער האָט נאָר געזען, אַז עס הערן זיך צו צו זיינע רייד מענטשן, וואָס האָבן אַ שייכות צו מענקיסן, האָט ער אים געלויבט ביז אין הימל אַריין. „אוי איז דאָס אַ טייערער ייִד, אונדזער ר׳ משה!״ — האָט דוד סאָבעלס געשריגן אין שיל, אין דער מקווה און אין גאַס.

ביים סוף פון יאָר 1765 איז דוד סאָבעלס שוין געווען אַן אָפּטער איינגייער ביי מענקיסן. ווען עס איז געקומען חול־המועד פּסח תקכ״ו (1766), צוויי יאָר נאָכן גלייכצייטיקן נצחון און מפּלה פון סאָבעלסן, איז געווען אַ פולשטענדיק־נייע סיטואַציע. די מענקיס־פּאַרטיי האָט אים מער נישט באַקעמפט. ער איז אַריין אַלס פּרנס אין קהל.

צום ראש־הקהלשאַפט איז, אמת, נאָך געווען גאַנץ ווייט. אָבער ס׳איז פאַרט געווען נענטער ווי פאַראַיאָרן און פאַר צוויי יאָר. אין דער קהילה האָט זיך גראָד נישט אַזוי שטאַרק געפילט די דיקטאַטור פון מענ־קיסן, ווייל ער האָט אַליין נישט געקענט זיין קיין ראש־הקהל אין יענער יאָר, ווייל עס איז געווען אַן אַלט געזעץ, אַז „ווער עס איז געווען ראש־הקהל דריי יאָר דער מוז איין יאָר איבערהאַקן״. גראָד איז דאָס יאָר 1765 געווען דאָס דריטע ביי מענקיסן, האָט ער זיך דעריבער געמוזט אַליין צוריקציִען. ראש־הקהל „דחוץ לעיר״ איז דאַן געוואָרן לייבל באַלאַבאַן, וועלכער איז אַזוי אַרום געווען די איינציקע שטערונג פאַר דוד סאָבעלסן.

דאָס גליק האָט אים אָנגעהויבן צוצושיינען. אַ האַלב יאָר נאָך די וואַלן האָט זיך לייבל באַלאַבאַן צעקריגט מיט איינעם פון די פּרנסים, אלי אַבלאָוויטש, און האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ פּראָצעס, וואָס האָט פאַר אים געהאַט פאַטאַלע פאָלגן. מען האָט  אים באַשטראָפט מיט תפיסה, אמת נישט קיין לאַנגע — אויף צוויי טעג און איין נאַכט. אָבער דאָס איז געווען גענוג אויף פולשטענדיק צו צעברעכן די אויטאָריטעט זיינע אַלס ראש־הקהל. דוד סאָבעלס האָט דאָס געזען און באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט.

ווען די קהילה־וואַלן פון יאָר 1767 האָבן זיך דערנענטערט, האָט ער זיך שנעל פאַרשטענדיקט מיט די מיזעסעס און אַנדערע שונאים פון מענ־

קיסן. מען האָט אָנגעהויבן צו מאַכן „שטימונג״ אין דער וואַל־אורנע, אָבער אין דער פאַרקערטער ריכטונג ווי אַמאָל. די צעטעלעך האָבן זיך געלאָזט איבערצייגן. פון דער קלפי זענען אַרויס בוררים „היימישע מענטשן״ פון סאָבעלסן, מיט ירחמיאל מיזעס אין דער שפּיץ.

איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, האָבן די נייע בוררים באַשטימט אַ קהילה־לייטונג, וואָס איז געווען נאָך „ערגער״ ווי די פונאַנדערגעטריבענע פּרנסים מיט דריי יאָר צוריק. אין דער מיזעס־פּאַרטיי איז געוואָרן אַ רעש: סאָבעלס האָט פאַרראַטן!

וואָס האָט „מאָשיעטשקאָ״ אָבער געקענט טאָן? ס׳האָט זיך אין אים אויפגעוועקט דער אַלטער לייב און ער איז געוואָרן גאָר רירעוודיק. קודם־כל איז ער אַריבערגעלאָפן צום אונטער־וואָיעוואָדע, וואָס האָט נאָך אַלץ פאַר אים געהאַט אַ שטאַרקן סענטימענט.

דער אונטער־וואָיעוואָדע האָט נישט געוואָלט נאָכאַמאָל טאָן דאָס זעלבע, וואָס מיט דריי יאָר צוריק און נישט דערלאָזן, אַז די נייע פּרנסים זאָלן איבערנעמען די מאַכט. ער האָט געהאַט צוויי טעמים צו דעם: ערשטנס, האָט ער געדענקט, אַז מיט דריי יאָר צוריק האָט ער אויך געהאַט צרות דערפון און עס האָט זיך אים נישט געגלוסט איבערצוחזרן דאָס שפּיל. צווייטנס, וואָס וואָלט דאָס היינט גענוצט? דוד סאָבעלס איז דאָך אויך געווען אין דער אַלטער קהילה! איז פאַרבליבן, אַז מען מוז מאַכן אַ „מאַניפעסט״ (ד. ה. אַ פּראָטעסט) קעגן די וואַלן און די ישועה וועט שוין קומען.

דעם 13טן אַפּריל 1767 זענען אין וואָיעוואָדן־אַמט געקומען צוויי פּרנסים פון דער מענקיס־פּאַרטיי, משה לאַנדעס און מענדל מיכלאָוויטש, און אַריינגעטראָגן דעם פּראָטעסט. זיי האָבן פאָרגעוואָרפן פאָלגנדיקע פינף נישט־פּינקטלעכקייטן ביי די וואַלן:

1. „ס׳איז פאַראַן אַ געזעץ, אַז ווער עס וווינט מחוץ לעיר טאָר נישט געווײלט ווערן פאַר אַ פּרנס בתוך העיר, אָדער זיין אַ בורר בתוך העיר, ביז ער וועט נישט וווינען צען יאָר בתוך העיר; נישט קוקנדיק אויף דעם איז ירחמיאל מיזעס באַשטימט געוואָרן אַלס בורר און דערנאָך אַלס פּרנס בתוך העיר, הגם ער וווינט קוים אַ יאָר בתוך העיר״.

2. קעגן דער פֿאַראָרדענונג פֿון וואָיעוואָדע האָט מען אַריינגענומען אין דער קלפּי אויך אַזעלכע, וואָס זענען הינטערשטעליק מיטן קהלשן שטייער.

3. מען האָט זיך נישט גערעכנט מיטן געזעץ וועגן איבערהאַקן די קאַדענץ פֿון פּרנסים נאָך דריי יאָר זיין אין דער קהילה (דאָס איז געווען בעיקר געצילט קעגן לייבל באַלאַבאַן, וואָס איז געווען דער אומדירעקטער גורם פֿון גאַנצן אומגליק און וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס פּרנס אין דער נייער קהילה).

4. דוד סאָבעלס קען נישט באַשטימט ווערן אַלס פּרנס אָדער ראש־הקהל, „ווייל ער האָט אָפּגעדונגען אַליין ביים סטאַראָסטע דעם גרענעץ־שטייער אָן דעם וויסן פֿון ביידע קהילות, און אויב ער זאָל דאָרט עפּעס טאָן קעגן געזעץ, זאָל קהל פֿאַר אים נישט דאַרפֿן זיין פֿאַראַנטוואָרטלעך".

די פּראָטעסט־שרייבער האָבן גאַנץ קלאָר געוואָלט פּסלען ירחמיאל מיזעסן פֿון קענען זיין אַ בורר און באַזייטיקן דוד סאָבעלסן פֿון ראש־הקהלשאַפֿט.

דער גאַנג פֿון די געשעענישן איז געווען איצט אַ גאַנץ אַנדערער, ווי פֿאַר דריי יאָר. די נייע פּרנסים זענען זיך באַלד צונויפֿגעקומען און תיכף אויסגעוויילט דוד סאָבעלסן אַלס ראש־הקהל.

האָבנדיק דערגרייכט וועגן וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געחלומט, האָט זיך דער נייער ראש־הקהל גענומען אָפּשלאָגן די אַטאַקע. באַלד איז אריינ־געטראָגן געוואָרן דער קעגן־מאַניפֿעסט פֿון די בוררים, אין וועלכן זיי האָבן באַהויפּטעט, אַז אַלץ איז געמאַכט געוואָרן כדת וכדין, „לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿון גנעדיקן הער אונטער־וואָיעוואָדע".

וועגן די פֿיר פּונקטן פֿון דער אָנקלאַגע האָבן זיי באַזונדערס גע־ענטפֿערט אָט וואָס:

1. ירחמיאל מיזעס איז ריכטיק געוואָרן באַשטימט אַלס בורר בתוך העיר און נישט מחוץ לעיר, ווען ער איז אַרויסגעקומען פֿון דער קלפּי, ווייל ער האָט חתונה־געהאַט אין דער פֿאַרשטאָטישער און נישט אין דער שטאָ־טישער שיל, דעריבער ווערט ער באַטראַכט ווי אַ בעל־בית בתוך העיר.

2. אין דער קלפי זענען געוואָרן אַריינגענומען נאָר אַזעלכע, וואָס בנוגע זיי האָבן די קהילה־קאַסירער ישעיה און משהקע באַשטעטיקט, אַז זיי זענען נישט הינטערשטעליק מיט קיין שטייערן.

3. וואָס שייך דעם געזעץ און חרם, אַז מען טאָר נישט זיין לענגער ווי דריי יאָר נאָכאַנאַנד קיין פּרנס, איז לייבל באַלאַבאַן, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס פּרנס, נאָך נישט געווען קיין דריי יאָר דורכאַנאַנד.

4. דוד סאָבעלס האָט נישט פאַרלוירן זיין רעכט צו ווערן באַשטימט אַלס פּרנס, ווייל משנים קדמוניות זענען די פעכטער פון וואָיעוואָדישע און סטאַראָסטישע אָפּצאָלן געווען פּרנסים. אויב זיי זענען מתחרט אויף עפּעס, דאַן איז דאָס — וואָס זיי האָבן באַשטימט די פּראָטעסט־שרייבער, לאַנדעס און מיכלאָוויטש, אַלס פּרנסים...

דער געלאָסענער, טיילמאָל סאַטירישער טאָן פון דער תשובה פון די בוררים, האָט מענקיסן שרעקלעך אויפגערעגט. ער האָט שוין נישט געקענט מער אויסהאַלטן. יעדער טאָג, וואָס איז אַוועק אונטער דוד סאָבעלסעס ראש־הקהלשאַפט האָט אים אויסגעוויזן צו זיין אַ יאָר. די אַלטע שנאה האָט אויפגעפלאַקערט אויפסניי. ער האָט אָבער זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. מען האָט געמוזט וואַרטן אויפן טערמין פון געריכט, וואָס איז ענדלעך באַשטימט געוואָרן אויפן 1טן יולי 1767.

ווען דער טאָג איז געקומען, האָבן ביידע צדדים געהאָפט אויף אַ נצחון. דאָס געריכט איז געווען געהעריק באַאַרבעט. צום רעכטס־געפיל האָט מען טאַקע אַפּעלירט ביי דער פאַרהאַנדלונג, אָבער צום שכל־הישר פון ריכטער האָט מען שוין פריִער געזוכט אַרגומענטן. ביידע צדדים האָבן ביחידות זיך באַנוצט מיט יענע געשמאַקע טענות, וואָס האָבן אַזאַ כוח המושך... ביידע צדדים האָבן זיכער באַקומען פריִער אַ צוזאָג. דער אונטער־וואָיעוואָדע איז דעריבער געווען דעם 1טן יולי אַ ביסל אין אַ קלעם.

אָבער אַזאַ הויכער פּריץ גיט זיך אַן עצה. ער האָט געזוכט און געפונען אַ פּסק, וואָס האָט געדאַרפט באַפרידיקן ביידע פּאַרטייען. און אָט איז וואָס ער האָט מחליט געווען:

**ה ג ם ד י ו ו א ַ ל ן ז ע נ ע ן פ א ַ ר ג ע ק ו מ ע ן ב י י א ַ פ א ַ ר ג ו ו א ַ ל ט י ק ו נ ג פ ו ן ג ע ז ע ץ, ד א ָ ך ו ו ע ר ן ז י י**

באַשטעטיקט, אָבער אויפן אָרט פון דוד סאַ־
בעלס ווערט באַשטימט אַלס ראש־הקהל דער
אומפּאַרטייאישער פּרנס יוסף נעכעלעס און
אויף יענעמס פּלאַץ גייט אַריין דער נאָענט־
סטער קאַנדידאַט אַלס אַ פּרנס.

אַזוי אַרום איז יוסף נעכעלעס געווען דער ערשטער „רעגירונגס־קאָ־
מיסאַר" פון דער לעמבערגער קהילה, וואָס האָט אַמטירט מיט אַ געוויילטן
קהילה־ראַט. ערשט די דאָזיקע נאָמינאַציע האָט אַביסל באַרויִקט די אויפ־
גערעגטע געמיטער און ס'האָט זיך איינגעשטילט די גרויסע מלחמה, וואָס
האָט פינף יאָר צייט געהאַלטן אין שפּאַנונג די לעמבערגער יידן.

# אַ קאַפּיטל יידישע שתדלנות אין אַלטן פּוילן

### 1.

צו די מערקווירדיקייטן פון יידישן לעבן אין אַלטן פּוילן האָט געהערט דער פאַקט, אַז די יידן, הגם זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום פּאָליטישע רעכט, האָבן פונדעסטוועגן משפּיע־געווען אויף די וואַלן צום סיים (פּאַרלאַמענט) און אַזוי אַרום אויך אויף זיינע באַשלוסן.

כדי דאָס זאָל נישט אויסווייזן אַזוי משונהדיק, איז כדאַי צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן כאַראַקטער פון אַלטן פּוילישן סיים (ביז צו דער צעטיילונג פון פּוילן ביים סוף פון 18טן יאָרהונדערט). די דעפּוטאַטן־קאַמער איז געווען אַ רעפּרעזענטאַנץ בלויז פון נאָבל־לייט, די „שליאַכטע", מיטן צוגאָב, טיילמאָל פון פאַרטרעטער פון דער שטאָט קראָקע. אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם איינזייטיקן צוזאַמענשטעל פון דער קאַמער, זענען דאָרט געווען קענטיק גאָר פאַרשיידענע השפּעות. אין פּעריאָד פון די צוויי זאַקסישע מלכים: אויגוסט דעם צווייטן (1697—1732) און אויגוסט דעם דריטן (1734—1763) זענען אינגאַנצן זיך צונויפגעקומען פינף סיימען, דער רעשט איז געוואָרן אויפגעריסן צוליב דעם, וואָס ס'איז געווען געגנוג, אַז איין דעפּוטאַט זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן אַלע אַנדערע („ליבערום וועטאָ") אָדער דערקלערן, אַז ער לאָזט נישט דעם פּאַרלאַמענט ווייטער אַנגיין מיט דער אַרבעט (די דערקלערונג האָט געהאַט די פאָרעם פון צוויי לאַטיינישע ווערטער: „סיסטאָ אַקטיוויטאַטעם", דאָס הייסט: „איך האַלט אויף די טעטיקייט!"). פאַרשטייט זיך, אַז ס'נישט געווען שווער, אויב ס'איז געווען צו טאָן וועגן דעם, צו געפינען אַזאַ איינצלנעם דעפּוטאַט פון דער שליאַכטע, וואָס זאָל זיך אַרויסשטעלן און

נישט דערלאָזן, אַז דער סיים זאָל אָננעמען אַ באַשלוס. דער אויסטערליי־שער פּרינציפּ פון איינשטימיקייט פון אַלע סיים־באַשלוסן האָט פּשוט אַרויסגעפאָדערט די זייטיקע איינפלוסן.

חוצדעם, איז די פּאָרעם פון די באַראַטונגען פון סיים געווען אַ שרעק־לעך כאַאָטישע. ס'איז נישט געווען דער מינדסטער סדר. מענטשן, וואָס זענען גאָרנישט געווען קיין דעפּוטאַטן, פלעגן זיך אָנשטופּן אין באַראַ־טונגס־זאַל און אַריינמישן אין די פאַרהאַנדלונגען. נישט איין מאָל האָבן זיי אַפילו חוצפּהדיק אַראָפּגעשטופּט די געזעצגעבערס פון זייערע בענק־לעך און זיך אַליין געזעצט אויף זייערע ערטער. ווען אַ דעפּוטאַט האָט גערעדט און זיינע ווערטער האָבן גראָד נישט נושא־חן געווען אין די אויגן פון אַ צושויער, האָט יענער זיך נישט קיין סך מיישב־געווען, נאָר גענומען וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט, אַ עפּל אָדער אַ אַנדערע פּרוכט, און געוואָרפן דעם רעדנער אין קאָפּ אַריין. דער דעפּוטאַט, וואָס האָט געכאַפּט אַזאַ „צווישנרוף" פון אַ זייטיקן צושויער, פלעגט נאַטיר־לעך אַריין אין כעס און פּראָטעסטירן צום פּאָרזיצער, דעם „מאַרשאַלעק". אָבער דאָס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער מאַרשאַלעק האָט געהאַט אויף דעם אַ גרייטע תשובה: „געפינט אויס, ווער ס'האָט אויף אייך געוואָרפן און איר וועט זען, ווי ער וועט באַשטראָפט ווערן!" מען האָט אָבער קיינ־מאָל נישט געפינען דעם חוצפּהניק, ווייל ער פלעגט עוקר־זיין תיכף נאָך דעם ווי ער האָט נאָר געזען, אַז ער האָט געטראָפן אין רעדנערס קאָפּ...

ביי אַזעלכע צושטאַנדן, צוזאַמען מיטן „ליבערום וועטאָ", „סיסטאָ אַקטיוויטאַטעם" און אַנדערע מנהגים איז, דוכט זיך, גאָר קיין חידוש נישט, אַז אין אַלטן פּוילן האָבן דרויסנדיקע פאַקטאָרן געהאַט אַן השפּעה אויפן סיים.

ענלעך איז אויך געווען מיט די וואַלן צום סיים.

די דעפּוטאַטן זענען געוויילט געוואָרן אויף צוזאַמענפאָרן פון דער שליאַכטע, וועלכע האָבן זיך גערופן „סיימיק" (דאָס הייסט: קליינער סיים). די דאָזיקע צוזאַמענפאָרן זענען נישט געווען באַשרענקט בלויז אויפן וואַל־אַקט אַליין. די שליאַכטע האָט געהאַלטן, אַז זי האָט פאַר זיך איבערגעלאָזט אַ גרויסן טייל פון געזעצגעבערישן כוח. דער דעפּוטאַט איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ מין באַפולמעכטיקטער פון זיינע וויילער. דער־

ריבער האָט דער סיימיק געהאַט דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן די אויסגע־וויילטע שלוחים, אָפּצונעמען פון זיי אַ דין־וחשבון און, וואָס דער עיקר, צו געבן זיי אינסטרוקציעס ביי די וואַלן, וואָס האָט זיי פאַרפליכטעט דער־נאָך בשעת זיי האָבן געשטימט אין סיים גופא. דאָס איז, אַגב, געווען דער מקור פון פאַרלאַנג פון איינשטימיקייט פון די סיים־באַשלוסן, ווייל ס׳האָט געהייסן, אַז נישט אַן איינצלנער מענטש שטימט פאַר אָדער קעגן אַ גע־זעץ, נאָר אַ טייל פון לאַנד, אַ וואָיעוואָדסטווע, דריקט אויס די מיינונג און אויב אַ טייל פון לאַנד איז קעגן אַ פאָרשלאַג, קען ער ממילא נישט ווערן אָנגענומען.

זינט דער צווייטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט האָט מען די אינס־טרוקציעס פאַר די אויסגעוויילטע דעפּוטאַטן פאָרמולירט שריפטלעך. וואָס ווייטער איז די באַדייטונג פון די דאָזיקע אינסטרוקציעס, וועלכע זענען געוואָרן אָנגענומען אויף די וואַל־סיימיקעס אַלץ געוואַקסן. מען האָט אין זיי אַריינגענומען כל מיני פראַגן, אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט בלויז אַ קליינע לאָקאַלע באַדייטונג. די דעפּוטאַטן האָבן זיך געמוזט מיט אַ שבועה מתחייב־זיין, אַז זיי וועלן אַלץ אויספירן.

דאָס אויסערלעכע בילד פון אַ סיימיק איז געווען נאָך כאַאָטישער, ווי פון סיים. אַן אַלטער פּוילישער שרייבער, א. קיטאָוויטש, וואָס האָט געגעבן אַ בילד פון דער תקופה פון אויגוסט דעם דריטן דערציילט, אַז בשעת ס׳איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ סיימיק האָט זיך אַלץ געדרייט אַרום טעפּ מיט בראַנפן, פעסער ווײַן און ביר, בערג מיט ברויט, פּוטער און פלייש. די וויילער זענען מייסטנס געווען שיכור. כוליגאַנעס האָבן גע־פירט דאָס רעדל. ווער עס האָט אַריינגעשטופּט אַ מטבע אין דער האַנט, פאַר דעם האָט מען געשטימט. צו האָבן אַן השפּעה אויפן סיימיק איז לגמרי נישט שווער געווען. העכסטנס איז עס געווען — טייער.

די ייִדן אין פּוילן האָבן גוט געוווּסט, אַז די אינסטרוקציעס פון די סיימיקעס האָבן אַ גרויסע באַדייטונג. דער סיים האָט זיך מיט דעם גע־רעכנט. אויב, למשל, אַ סיימיק זאָל האָבן פאַרלאַנגט פון אַ דעפּוטאַט, אַז מען דאַרף העכערן דעם קאָפּ־שטייער פון ייִדן, דאַן וואָלט נישט געווען לייכט אָפּצושרייען די גזירה. דאַקעגן אויב אַן אינסטרוקציע זאָל אַנט־האַלטן אַ גוט וואָרט פאַר ייִדן, דאַן וואָלט עס פאַרלייכטערט די ייִדישע

באַמיִונגען אין סיים. יעדער דעפּוטאַט האָט געשפּילט אַ ראָל און ס׳איז געווען וויכטיק פאַרן כלל, אַז ס׳זאָלן אויסגעוויילט ווערן דעפּוטאַטן, וואָס זענען גוט געשטימט פאַר ייִדן.

די ענערגישע באַמיִונגען, וואָס ייִדישע פאַרטרעטער האָבן געמאַכט, כדי די סיימיקעס זאָלן שיקן פריינטלעכע דעפּוטאַטן אין סיים און געבן זיי גוטע אינסטרוקציעס — אָט דאָס איז דער אַנטייל פון ייִדן אין די וואַלן צום סיים אין אַלטן פּוילן.

ווי אַזוי דאָס איז צושטאַנד־געקומען — וועגן דעם דערציילן אונדז אַלטע מקורים. די ידיעות וועגן דעם זענען פון דער ייִדישער געשיכטע־פאָרשונג נישט געוואָרן ביז איצט גענוג אויסגענוצט. לאָמיר זיך דעריבער פּרווון דאָ מאַכן אַ בילד וועגן דער דאָזיקער וויכטיקער פראַגע.

•2

פון די צוזאַמענפאָרן פון די דעלעגאַטן פון די ייִדישע קהילות אין דער ליטע איז פאַרבליבן אַ גענויער פּנקס, וואָס איז דער וויכטיקסטער מקור פאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע אין אַלטן פּוילן. דאָס איז דער „פּנקס המדינה או פּנקס ועד הקהילות הראשיות במדינת ליטא״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דרוק דורך שמעון דובנאָוו (בערלין 1925, טיילן דערפון אויך פריִער אין דער „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ״). דער פּנקס פון דער עלטערער שוועסטער־אָרגאַניזאַציע פון ליטווישן ועד, פון „ועד אַרבע אַרצות״, איז ליידער פאַרלוירן געגאַנגען. (דער „פּנקס ועד ארבע ארצות״ וואָס איז אין יאָר תש״ה געוואָרן אַרויסגעגעבן אין ירושלים דורך ישראל היילפּרין, איז נישט דער אָריגינעלער פּנקס, נאָר אַ ליקוט פון די באַשלוסן פון „ועד אַרבע אַרצות״, וועלכע זענען פאַרבליבן אין אַנדערע מקורים).

כדי צו דערגענעצן אונדזערע ידיעות וועגן די באַמיִונגען פון די ייִדישע פאַרטרעטער אויף פאַרשיידענע געביטן, מוזן מיר אָנקומען צו אַ ריי לאָקאַלע פּנקסים פון די איינצלנע קהילות. בנוגע דעם אַנטייל פון די ייִדן אין די סיימיקעס קענען מיר אַ סך אַרויסנעמען פון פּנקס אין פּויזן און פון אַפּט.

דער פנקס פון „ועד מדינת ליטא״ זאָגט עדות אויף דעם, אַז נישט נאָר די לאָקאַלע קהילות האָבן זיך משתדל געווען וועגן זייערע ענינים און געדאגהט, אַז זיי זאָלן באַטראַכט ווערן אין די אינסטרוקציעס פאַר די אויסגעוויילטע דעפּוטאַטן, נאָר דער גאַנצער כלל ישראל האָט זיך אָפּגע־געבן דין־וחשבון פון דער באַדייטונג פון די וואַלן. אויף די סעסיעס פון ועד איז דעריבער געוואָרן באַשלאָסן, ווי אַזוי די קהילות האָבן זיך צו פאַרהאַלטן לגבי אַ סיימיק.

ווען אין יאָר 1623 (שפ״ג) האָבן זיך צום ערשטן מאָל צוזאַמענגע־טראָפן אין בריסק די דעלעגאַטן פון די דריי ליטווישע הויפּט־קהילות אין יענער צייט, בריסק, גראָדנע און פינסק, איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָלגנדער באַשלוס:

„בנוגע די דריי הויפּט־קהילות, דאַרפן זייערע פירער שטיין אויף דער וואַך בשעת ס׳וועלן אָפּגעהאַלטן ווערן די סיימיקעס פאַרן סיים, אויס־פאָרשן און אַכטונג געבן, מען זאָל חלילה נישט באַשליסן עפּעס נייעס, וואָס וועט זיין פאַר אונדז ווי אַ שטעכעדיקער דאָרן. די הוצאות, וואָס ס׳וועלן זיין, וועט דעקן די קהילה מיט איר קרייז. אַזוי אויך, חוץ די דריי הויפּט־קהילות, אין יעדן אָרט, וווּ עס פאַרזאַמלט זיך אַ סיימיק, דאַרפן די פאָרשטייער פון דער באַטרעפנדער קהילה שטיין אויף דער וואַך אויפן זעלבן אופן; די הוצאות וועט באַצאָלן די הויפּט־קהילה מיטן קרייז. אויב עס וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז וועלכע קהילה איז נישט געשטאַנען אויף דער וואַך און נישט אויסגעשטעלט קיין שתדלנים אויף די סיימיקעס, דאַן וועט זי באַשטראָפט ווערן מיט הונדערט רויטע רענדלעך אויף צדקה״.

מען קען תיכף דערקענען, אַז דער ענין איז געהאַלטן געוואָרן פאַר גאָר וויכטיק. צוליב דעם איז מען געווען אַזוי שטרענג און צוליב דעם איז דאָס געווען איינע פון די סאַמע ערשטע החלטות פון בריסקער ועד. מען האָט דערביי אויסדריקלעך באַמערקט, אַז ס׳גייט וועגן די „סיימי־קעס פאַרן סיים״, ד״ה וועגן וואַל־פאַרזאַמלונגען.

די שליאַכטע פלעגט אָפּהאַלטן, חוץ די וואַל־סיימיקעס, אויך אַנדע־רע צוזאַמענפאָרן, אויף וועלכע ס׳זענען באַהאַנדלט און באַשלאָסן געוואָרןווירטשאַפטלעכע פראַגן פון אַ לאָקאַלן כאַראַקטער. אויך יענע סיימיקעס זענען געווען זייער וויכטיק פאַר ייִדן. און ס׳קען זיין, אַז דער צווייטער

טייל פון דער בריסקער החלטה (ווו עס רעדט זיך, אין העברעיִשן אָריגי־נאַל, פון אַ סיימיק „אין גראַד״, ד״ה אין „אָרט״ אָדער אין „פעסטונג״, אין „פּאַרזאַמלונגס־פּלאַץ״), באַציט זיך אויף דעם צווייטן סאָרט פון די סיימיקעס. מיר האָבן פון יענער תקופה, אין געוויסע טיילן פון פּוילן, דערהאַלטענע פּראָטאָקאָלן פון די סיימיקעס (למשל, פון סיימיק אין וויש־ניאַ, וואָס זענען אָפּגעדרוקט אין 20סטן באַנד פון די אַזוי־גערופענע „אַק־טאַ גראָדזקיע אי זיעמסקיע״). די ייִדן ווערן אָפּט דערמאָנט אין די באַ־שלוסן, אַמאָל לטובה און אַמאָל לרעה. ס'איז לגמרי נישט געווען קיין קאָנסעקווענטע שיטה. פּאַרוואָס — איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן. עס איז פּשוט געווען אָפּהענגיק פונעם דערפּאָלג פון די ייִדישע אינטערווענצן.

נאַטירלעך איז די וואַקלענדיקע שטעלונג פון די סיימיקעס בנוגע ייִדן געווען איינע פון די הויפּט־סיבות פאַרוואָס דער ליטווישער ועד האָט אַזוי שטרענג אין יאָר 1623 באַפוילן, אַז מען זאָל אַכטונג־געבן נישט צו דערלאָזן צו אַ „קוץ מכאיב״. אָבער באַלד זענען אַנטשטאַנען סכסוכים צווישן די קהילות וועגן זייער אָנטייל אין די הוצאות.

אין יאָר 1627, ד״ה קוים פיר יאָר שפּעטער, באַשליסט אַ נייער צו־זאַמענפאָר פון די ליטווישע קהילות:

„עס ווערט אויפגעקלערט, אַז די הוצאות פון די סיימיקעס דאַרפן טראָגן די קהילות צוזאַמען מיט זייערע קרייזן. דאָס מיינט, אַז די קהילות דאַרפן געבן לויט דער פּראָפּאָרץ פון זייער שטייער־אָנטייל און די קרייזן אויך לויט זייער אָנטייל אין שטייער״.

די לאָגישע מסקנא איז, אַז במשך די פיר יאָר האָט מען אינטערווע־נירט בשעת די סיימיקעס אין דער ליטע. די הוצאות האָבן שוין באַקומען אַ נאָמען „הוצאות סיימיקש״ און זיי זענען נישט געווען קליין, ווייל די גרויסע קהילות האָבן זיי נישט געקענט אַליין דעקן. אַזוי ווי די קלענערע ישובים, וואָס האָבן געהערט צו די גרויסע קהילות, האָבן זיך, ווייזט אויס, אָפּגעזאָגט צו נעמען אויף זיך אַ פּראָפּאָרציאָנעלן טייל פון דער לאַסט, האָט דער „ועד מדינת ליטא״ געפונען פאַר נייטיק נאָכאַמאָל פעסטצו־שטעלן, אַז זיי זענען מחויב דאָס צו טאָן און צו העלפן די גרויסע קהילות דעקן די הוצאות פון די סיימיקעס.

## 3.

עס שטעלט זיך די פראגע: צוליב וואס האבן זיך די הוצאות אויף די וואל־פארזאמלונגען אזוי צעוואקסן, אז די גרויסע קהילות האבן זיי נישט געקענט אליין דערטראגן און האבן געמוזט אנקומען צו די קלענערע ישובים נאך הילף?

א תשובה דארויף גיט אונדז דער באשלוס פון „ועד מדינת ליטא״ פון יאר 1628, וועלכער ווייזט שוין אן אביסל גענויער, וואס מען האט אייגנטלעך געדארפט טאן אויף די „סיימיקעס״. עס ווערט דארט געזאגט אט וואס:

„דריי אדער פיר וואכן פאר א סיימיק דארפן די פירער פון דער מדינה אין יעדער גרויסער שטאט ארומשרייבן און מזרז זיין די מענטשן, וואס זענען נאענט צום פארזאמלונגס־פלאץ פון א סיימיק, אז זיי זאלן שטיין אויף דער וואך, מען זאל חלילה נישט באשטימען עפעס נייעס און מתקן זיין וואס ס׳וועט זיך נאר לאזן. די דעפוטאטן צום סיים דארף מען מכבד זיין מיט א מתנה און זיי בעטן, אז זיי זאלן אונדז זיין גוטע פריינט אויפן סיים״.

דאס איז די וויכטיקסטע פאזיציע אין „וואל־פאנד״ פון די אמאליקע פוילישע יידן: מ ת נ ו ת. אגב איז דאס געווען דער איינציקער וועג, וואס האט געפירט צום ציל. אויב מען האט געוואלט גינסטיק שטימען די דעפוטאטן אדער אנדערע פריצים פאר וועלכן עס איז ענין, דאן האט מען עס געקענט טאן צום לייכטסטן און גלייכצייטיק צום זיכערסטן — מיט מתנות. דער דאזיקער ארגומענט האט גערעדט צו דער איבערצייגונג, איז דעריבער געווען כסדר אין באנוץ און האט געהאט א שטארקע נטיה צוצונעמען אויף דער וואג און אין פארנעם.

ווען אין יאר 1633 איז דורך א בית־דין ארויסגעטראגן געווארן א פסק וועגן א געלט־סכסוך צווישן „ועד ארבע ארצות״ און „ועד מדינת ליטא״, האט דער פסק ארומגענומען אויך די תביעה פון פוילישן ועד, אז ליטא זאל זיך באטייליקן אין די „מתנות פאר די דעפוטאטן״. פוילן האט פארלוירן די טענה, ווייל — „אויך זיי (ד״ה די ליטווישע יידן) גיבן די ליטווישע דעפוטאטן״. ווארשיינלעך צוליבן זעלבן גרונט האט מען די

ליטווישע קהילות אויך באַפרייט פון באַטייליקן זיך אין די קאָסטן פון אַ מתנה פאַרן מאַרשאַלעק. פאַרשטייט זיך, אַז ווען ס׳זאָל זיך געוווען האַנד־לען וועגן אַ קלייניקייט וואָלט דער „ועד אַרבע אַרצות״ בכלל נישט גע־ווען געמאָנט.

חוץ די מתנות פאַר די געווייילטע סיים־דעפּוטאַטן, איז געווען נייטיק צו שפּענדן אַ סך געלט, כדי מהנה צו זיין די ווייילער אויף די סיימי־קעס. אַזוי ווי די אינסטרוקציעס, וואָס זענען ביי די וואַלן געוואָרן באַ־שטימט האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל, איז געווען זייער וויכטיק פאַר די ייִדן צו שאַפן פאַר זיך אַ גינסטיקע שטימונג אויפן סיימיק און דאָס איז נישט געווען לייכט און לגמרי נישט — ביליק.

פאַרשיידענע פּנקסים פון איינצלנע קהילות אין פּוילן זאָגן עדות וועגן גרויסע סכומים, וואָס זענען פאַר דעם צוועק אויסגעגעבן געוואָרן. אין אָפּט, למשל, איז פאַרגעקומען דער סיימיק פון צויזמירער קאַנט („סאָנ־דאָמיערזש״). דער פּנקס פון אָפּט ווייזט־אויף אין זיין רשימה פון הוצאות אַ סך סכומים, פון וועלכע מיר זעען, אַז די אָרטיקע ייִדישע פירער זענען נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט בשעת דער סיימיק איז געוואָרן אָפּ־געהאַלטן. ע. נ. פרענק האָט אין זיין בוך „העירונים והיהודים בפולין״ (וואַרשע, 1921) אָפּגעדרוקט עטלעכע אַזעלכע פּאָזיציעס פון אָפּטער פּנקס: דעם מאַרשאַלעק כך וכך, דעם וויצע־מאַרשאַלעק, דעם שרייבער און צוויי דעפּוטאַטן, די משרתים פון מאַרשאַלעק, די פאַרטיידיקער אין דער קאָמיסיע — כך וכך. אין פּנקס קומט דאָס פאַר זייער אָפּט, בעיקר זענען אויסגערעכנט אַ סך פּריצים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין סיימיק און באַקומען מתנות. אָט אַזוי האָט מען באַשאַפן אַ „וואָל־אַטמאָספערע״...

עטלעכע כאַראַקטעריסטישע ציפערן זענען פאַראַן אין די קהילה־מאַ־טעריאַלן פון פּויזן. אין איין פּויזנער פּנקס איז פאַרשריבן. פון דער דאַ־טע פון יאָר 1646, אַן אויסגאַבע „פאַרן סיים און סיימיק״ אין דער הויך פון גאַנצע 1.500 זלאָטעס. ס׳האַנדלט זיך דאָרט וועגן דעם סיימיק אין שראָד, וואָס האָט פאַרשלונגען אין יאָר 1646 אַזאַ באַדייטנדיקן סכום. דער אָנטייל פון „סיים״ אין דער דאָזיקער הוצאה דאַרף, דוכט זיך, ווערן פאַרשטאַנען אַלס ווערט פון די מתנות, וואָס די פּויזנער דעפּוטאַטן קיין וואַרשע האָבן באַקומען.

די הוצאות פון 1646 זענען ווייט איבערשטיגן געוואָרן אין יאָר 1688. דעמאָלט האָט מען אויפן סיימיק אין שראָד געדאַרפט דורכפירן גאָר אַ וויכטיקן ענין: אַז ער זאָל באַשליסן דורכצוזעצן אַ רעדוקציע פון קאָפּ־שטייער, וואָס דער סיים האָט געהאַט פאַרגרעסערט מיט 50.000 זלאָטעס צוליבן באַפרייען די ייִדן פון „פּאָדימנע״־שטייער. דער פּויזנער פּנקס דערציילט וועגן דעם, אַז „אַלע שתדלנים, סיי פון אונדזער קהילה, סיי פון גליל, האָבן געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען מ׳זאָל דאָס (ד״ה די העכערונג פון קאָפּ־שטייער) מבטל זיין. גאָט האָט זיי געהאָלפן, אַז די באַמיִונגען זענען געוואָרן געקרוינט מיט דערפאָלג און דער (געהעכער־טער) קאָפּ־שטייער איז בטל געוואָרן. אָבער די טובה (פון סיימיק) איז נישט געווען קיין פולשטענדיקע; מ׳האָט באַשטימט, אַז מען דאַרף אייג־מאָנען דעם „פּאָדימנע״־שטייער — 45 סכומים דערפון — און ס׳האָבן גאָרנישט גענוצט אַלע אוצרות מיט געלט, אַז מען זאָל מבטל זיין דעם פּאָדימנע.״

מיט דער הילף פון די „אוצרות מיט געלט״ האָט מען, ווי ס׳זעט זיך, באַזייטיקט איין סכנה (די העכערונג פון קאָפּ־שטייער), אָבער מען איז אַריינגעפאַלן אין אַ צווייטער (דער אָפּצאָל פון פּאָדימנע־שטייער). וויפל ס׳זענען דאָס געווען די „אוצרות מיט געלט״ פון יאָר 1688 ווערט נישט איבערגעגעבן. מיר ווערן אָבער דאָס געוויר, ביי אַן אַנדער געלעגנ־הייט, אין יאָר 1715. ווייל ס׳האָט דעמאָלט אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן פּויזנער קהל און דער שכנותדיקער קהילה אין סוואַרזענץ, וועלכע איז געווען מחויב צו ליידן צען פּראָצענט פון אַלע אויסגאַבן פון דעם סאָרט און וועלכע האָט גאָרנישט בייגעטראָגן צו די הוצאות אויפן סיימיק פון יאָר 1688. די טענה פון פּויזנער קהל איז געווען אויף 800 זלאָטעס, קומט אויס לפי זה, אַז בסך־הכל האָט דער סיימיק אָפּגעקאָסט דעם באמת גע־וואַלטיקן סכום פון 8.000 זלאָטעס.

מ׳האָט ממש געוואָרפן מיט געלט, ווען אַ סיימיק איז פאָרגעקומען, אויף רעכטס און אויף לינקס. די שליאַכטע האָט געהאַט אַ נישקשהדיקן אַפּעטיט אויף ייִדיש געלט. מיר הערן וועגן דעם גאַנץ קלאָר אין אַ באַ־שלוס פון ועד מדינת ליטא פון יאָר 1670 (ת״ל):

„וועגן די הוצאות פון די סיימיקעס אין די הויפּט־קהילות, אַזוי ווי

עס איז דאָרט פֿאַראַן אַ גרויסער קיבוץ און די פּריצים קוקן זשעדנע אַרויס אויף ייִדיש געלט, דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן: ביז 150 זלאָטעס וועט מען נעמען אויפֿן חשבון פֿון דער מדינה, אָבער דאָס נאָך אַ חרם (ד״ה מען וועט מוזן באַשווערן די ריכטיקייט פֿון דער הוצאה מיט אַ חרם) און אין די ישובים ביז 30 ליט־ווישע שאָק, אויך נאָך אַ חרם. יעדע קהילה און יעדער ישוב זענען מחויב צו מאַכן הוצאות און זיך צו באַמיִען פֿאַר דער טובה פֿון דער מדינה, אַז עס זאָל נישט אַרויסקומען עפּעס אַ חשש אָדער סכנה אין דער אינס־טרוקציע״.

אָט צוליב דעם, וואָס „די פּריצים זענען געווען זשעדנע נאָך ייִדיש געלט״, איז דער „וואָל־פאָנד״ פֿון פּוילישן ייִדנטום אַזוי געשוואָלן גע־וואָרן.

ס׳איז אַזוי ווייט געקומען, אַז מען האָט אין פּוילן אַרומגעטראָגן אַ ווערטל: „ווער ס׳רעדט גוט אויף ייִדן איז שוין איבערגעקויפֿט; ווער ס׳רעדט שלעכט אויף זיי — דער וויל עס ערשט ווערן״...

דוכט זיך, אַז סיי די ערשטע, סיי די צווייטע האָבן זיך כסדר גע־מערט. און דעריבער זענען די הוצאות געוואַקסן ביזן הימל אַריין.

4.

ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז דער „ועד מדינת ליטא״ האָט במשך פֿון אַ קורצער צייט, ווינציקער ווי אין פֿופֿציק יאָר, עטלעכע מאָל געענדערט זיין שטעלונג וועגן דעם, ווער ס׳דאַרף דעקן די הוצאות אויף די סיימי־קעס.

אין דעם שוין דערמאָנטן באַשלוס פֿון ערשטן „ועד״ אין בריסק פֿון יאָר 1623 איז דער גאַנצער פֿינאַנציעלער עול, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיטן זוכן השפּעות אויף אַ סיימיק, אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אויף די הויפּט־קהילות. בנוגע די מתנות, וואָס מען האָט געגעבן די דעפּוטאַטן, איז דאָס זעלבע באַשטימט געוואָרן אויף דער סעסיע פֿון ועד מדינת ליטא פֿון פּרו־

זשענע פון יאָר 1628 — אין קעגנזאַץ צו די מתנות, וועלכע זענען געווען באַשטימט פאַר די הויכע שרים:

„די מתנות, וואָס די דריי הויפּט־קהילות גיבן צו די שרים, וועלכע פאָרן דורך בשעת ס׳הערט זיך אין לאַנד, אַז ס׳וועט פאָרקומען אַ סיים און וועלכע זענען נאָענט צום מלך (ד״ה די סענאַטאָרן א״אַנד), וואָס דורך זיי קען אויסגעפירט ווערן אַ השתדלות לטובת דעם כלל ישראל איז דער מדינה, — די אַלע מתנות גייען אויפן חשבון פון דער גאַנצער מדינה. אָבער די מתנות פאַר די סיים־דעפּוטאַטן און די פּריצים, וואָס ווערן אויס־געוויילט אַלס דעפּוטאַטן אין קרייז, אָט די מתנות פאַר די לאָקאַלע דע־פּוטאַטן דאַרפן באַצאָלן די קהילות אַליין מיט זייערע סביבות״.

קומט אויס, אַז די הויפּט־קהילות האָבן נישט באַקומען קיין הילף פון דער מדינה ווען מ׳האָט געדאַרפט משפּיע־זיין אויף אַ סיימיק אָדער מהנה־זיין אַ דעפּוטאַט; נאָר די „סביבות״, ד״ה די אַרומיקע קליינע ישו־בים, האָבן געדאַרפט צו דעם ביישטייערן. ממילא איז נייטיק געווען אָנ־צוזאָגן, לטובת הכלל, אַז די לאָקאַלע קהילות זאָלן נישט פאַרנאַכלעסיקן די דאָזיקע פליכט, ווייל מ׳האָט געקענט אָננעמען, אַז אָן אַ פינאַנציעלער הילף פון דרויסן וועט מען זיך נישט אַזוי שטאַרק צו דעם צוכאַפּן. אַזאַ אָנזאָג איז אויך, ווי מיר האָבן געזען, אַרויסגעגאַנגען פון „ועד״ באַלד אויף זיין ערשטער סעסיע.

אָבער דעם אָנזאָג איז געווען שווער דורכצופירן למעשה. די הויפּט־קהילות האָבן דעם עול אַליין נישט געקענט דערטראָגן, און די קלענערע איז נישט געלונגען צו דעם צוצוציִען. די שטרענגקייט און דער קנס פון הונדערט רויטע רענדלעך, וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף יענע קהילות, וואָס וועלן זיך אָפּהאַלטן, האָט נישט קיין סך גענוצט. ס׳האָט אויך געהאַט אַ קליינעם ווערט דער באַשלוס פון יאָר 1627, וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, לויט וועלכן די קליינע קהילות האָבן געדאַרפט זיך באַטייליקן אין די הוצאות לויט דער שטייער־פּראָפּאָרציע.

אַן ענלעכער צושטאַנד, ווי אין ליטע, האָט זיך אויך געשאַפן אין פּוילן, ווו דער „ועד אַרבע אַרצות״ האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיין חשבון די הוצאות פון די סיימיקעס. פון יאָר 1627 שטאַמט פאָלגנדע ידיעה:

„די קהילות מיט זייערע קרייזן האָבן געוואָלט פאַררעכענען די לעצ־טע הוצאות פון די סיימיקעס אויפן חשבון (פון דער מדינה) אויפן יריד, אָבער די פּרנסים פון דער מדינה פון וואָלין האָבן דאָס נישט געוואָלט אָנערקענען אין חשבון. צוליב דעם האָבן מיר אָפּגעלייגט דעם ענין ביז צום קומענדיקן יריד גראָמניץ, ווען די לענדער (ד״ה דער ועד ארבע אר־צות) וועלן אַנטשיידן צווישן די ראשים פון די דריי לענדער און פון וואָ־לין. אויך די פּרנסים פון פּויזן האָבן געוואָלט אַריינרעכענען אין חשבון די הוצאות פון די צוויי פאַרגאַנגענע סיימיקעס, וואָס מאַכט אויס 130 זלאָ־טעס, שוין מיטן סיימיק וואָס איז אָקאָרשט פאַרגעקומען, און דאָס איז אויך אָפּגעלייגט געוואָרן ביזן יריד גראָמניץ פון יאָר 1628״.

די פירער פון דריי מדינות, ד״ה דער רוב פון „ועד״, האָבן געוואָלט באַפרייען די הויפּט־קהילות פון טראָגן דעם גאַנצן עול, אָבער ביזן יאָר 1628 איז דער ענין פאַרבליבן נישט דערליידיקט. וואָס איז געשען אויפן יריד גראָמניץ שפּ״ה איז נישט באַקאַנט, ווייל דער פּנקס פון „ועד אַרבע אַרצות״ איז דאָך נישט פאַראַן און קיין זייטיקע ידיעות וועגן דעם זע־נען אויך נישט פאַרבליבן.

אָבער גענויערע ידיעות וועגן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון ענין האָבן מיר פון ליטע, ווו מען האָט אין יאָר 1634 באַשלאָסן צו עפע־נען די קאַסע פון ועד פאַר דער אַקציע צו זוכן השפּעות אויף די סיימיקעס. מ׳האָט דעמאָלט באַפולמעכטיקט די ווילנער קהילה צו מאַכן הוצאות אין געוויסע דרינגענדע ענינים אָן אַ פאַרשטענדיקונג מיט די שכנותדיקע קהי־לות, און אויב די דאָזיקע הוצאות וועלן זיין גרעסער ווי 50 ליטווישע שאָק, האָט ווילנע געדאַרפט פריער האָבן די הסכמה פון אַנדערע קהילות (נעס־וויזש, סלאָנים, נאָוואָרדאָק). גלייכצייטיק האָט מען באַשטימט:

„די הוצאות פון די סיימיקעס, וואָס וועלן זיין אין די ערטער, ווו די סיימיקעס קומען פאָר, וועלן אויך ווערן אַריינגענומען אין חשבון״ (ד״ה פון דער מדינה).

אויף דעם אופן איז אויסגעפאַלן די החלטה פון יאָר 1627, אַז די הויפּט־קהילות דאַרפן אַליין אויסטראָגן אַלע הוצאות פון די סיימיקעס. פינף יאָר שפּעטער, אין 1639, איז מען געגאַנגען נאָך ווייטער און מ׳האָט פאַר אַלעמען באַשלאָסן:

„די הוצאות פון די סיימיקעס גייען אויפן חשבון פון דער מדינה און די קרייזן האָבן אויסצופּאָלגן די באַפעלן פון זייער הויפּט־קהילה״.

צום דאָזיקן באַשלוס האָט מען שוין נישט צוגעגעבן קיין שום פּירוש און מ׳האָט אַפילו נישט אויפגעפּאָדערט די קהילות פון די ערטער, ווו די סיימיקעס קומען פאָר, זיי זאָלן זוכן השפעות לטובת יידן. פאַרוואָס? ווייל דאָס איז שוין געווען לגמרי איבעריק. אויב די מדינה האָט געדעקט די הוצאות — האָט מען נישט געדאַרפט מער מזרז־זיין. מ׳האָט נאָר צו־געגעבן, אַז די קהילות אין די סביבות (קרייזן) דאַרפן אויספּאָלגן די באַ־פעלן פון זייער הויפּט־קהילה. אויך וועגן דעם איז, אגב, נישט געווען קיין ספק, ווייל אַלע באַפעלן זענען געוואָרן פּינקטלעך אויסגעפּירט, אויב מען האָט נאָר נישט געהייסן — געבן געלט.

ווייזט אויס, אַז מיט די הוצאות „על חשבון המדינה״ איז נישט אַלץ געווען אין אָרדענונג. מ׳האָט אָנגעהויבן פאַרשרייבן אויף דעם דאָזיקן השבון גרויסע סכומים. מ׳האָט גאָר שטאַרק „משפּיע״־געווען „על חשבון המדינה״ און דער בודזשעט פון „ועד״ איז געוואָרן צופיל דערפון באַ־שווערט. מ׳האָט דעריבער אויף דער סעסיע פון כאָמסק אין יאָר 1667 גע־מאַכט אַ מין קאָסע־רעגולאַמין פאַר אַלע נישט־פאַרויסגעזעענע הוצאות אונטערן נאָמען „נולדות״. יעדער אַמטירנדיקער ראש־מדינה האָט גע־דאַרפט האָבן אַ באַזונדער בוך („פּנקס מיוחד״), ווו איין מאָל אַ וואָך, אָדער לפּחות איין מאָל אין חודש, האָט דער שמש אָדער דער „מתעסק״ מיט די אינטערוועוצן געדאַרפט אַריינשרייבן אַלע הוצאות פון די „נול־דות״. במשך 30 טעג נאָך די אויסגאַבן האָבן די שמשים אָדער די אינטער־ווענירער געדאַרפט מקבל בחרם־זיין, אַז די הוצאות זענען ערלעך און אמתדיק. פון די ווייטערע פלעצער האָט מען געדאַרפט שיקן אַ רשימה פון די הוצאות במשך פון דריי חדשים און אויף דער רשימה האָט געדאַרפט זיין אַ באַשטעטיקונג פון רב, אַז אין זיין קעגנוואַרט האָט מען מקבל בחרם־געווען אויף דער ריכטיקייט פון די אויסגאַבן. בשעת דער קבלת בחרם איז נישט גענוג געווען צו זאָגן סתם, אַז אַלץ איז „אמת וצדק״, נאָר מ׳האָט געדאַרפט אָנגעבן אַלע פּרטים („דברים כהויתן מתחלה ועד סוף״). די רשימה פון דער פּראָווינץ האָט געדאַרפט ווערן אַריינגעטראָגן אין

„פּנקס מיוחד“ פון באַטרעפנדן „ראש־מדינה“, כדי מ׳זאָל וויסן וואָס איז געוועזן די זאַך און ווי אַזוי ס׳איז פאָרגעקומען“.

ביים אַרויסגעבן דעם דאָזיקן קאַסע־רעגולאַמין, איז געוואָרן תיכף באַשטימט, אַז „די הוצאות פון די סיימיקעס דאַרפן תיכף פאַרצייכנט ווערן אין פּנקס מיוחד“.

אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם קאָנטראָל און די באַשווערונג ביים מאַכן די אויסגאַבן, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין כאָמסק אין יאָר 1667, זענען באַלד געקומען נייע באַשרענקונגען. ס׳קען זיין, אַז ס׳זענען ווייטער פאָרגעקומען נישט־פּינקטלעכקייטן אָדער אפשר איז גלאַט געווען צו שווער צו דערטראָגן דעם עול פאַר דער קאַסע פון דער מדינה; גענוג, אַז אין יאָר 1670 האָט דער „ועד“ אויף זיין סעסיע אין סעליץ באַשלאָסן, אַז מען וועט אָננעמען אויפן חשבון פון דער מדינה נישט קיין גרעסערע הוצאות אויף סיימיקעס ביז צו 150 זלאָטעס (פון די גרויסע קהילות) אָדער ביז 30 ליטווישע שאָק (אין די ישובים). דער דאָזיקער באַשלוס איז שוין געוואָרן געגנוי איבערגעגעבן. אַזוי ווי עס רעדט זיך דאָרט פון דער „זשעדנעקייט“ פון דער שליאַכטע, וואָלט מען געקענט אָננעמען, אַז דער עול פון די הוצאות איז געווען גרויס און דעריבער זענען געקומען די באַגרענעצונגען. אָבער אויפן זעלבן צוזאַמענפאָר אין סעליץ איז אָנגענו־מען געוואָרן נאָך אַ באַשלוס אין שייכות מיט די „נולדות“ און „הוצאות סיימיקס“: מען האָט פאַרשאַרפט די תקנה פון יאָר 1667 און אָנגעזאָגט, אַז מען וועט אַפילו איין פּרוטה נישט פאַררעכענען אויב וועלכער פון די ראשי־מדינה וועט זיך אַנטקעגנשטעלן, און אויב אַ מנהיג זאָל אָננעמען אַ הוצאה נישט לויט דער תקנה (ד. ה. אָן די חומרות, וואָס זענען באַשלאָסן געוואָרן אין כאָמסק), דאַן איז ער „עובר על לא תגזול וגוזל את הרבים“ און וועט אויך שטרענג באַשטראָפט ווערן פון די רבנים. וואָס ווייזט דאָס? אַז צוליב פאָרגעקומענע אומפּינקטלעכקייטן האָט מען נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די עסקנים, וואָס האָבן „באַאַרבעט“ די סיימיקעס.

דערביי האָבן נישט בלויז אין די גרויסע שטעט זיך געפונען מנהי־גים, פּרנסים און סתם עסקנים, וואָס האָבן געטאָן די אַרבעט און פאַר כלל־געלטער „משפּיע“ געווען אויף די פּריצים. נאָר אויך אין די קלענערע ישובים האָבן נישט געפעלט קיין בעלנים אויף דעם. דער ועד מדינת ליטא

האָט זיך דעריבער געזעען געניטיקט, אין יאָר 1673, צו באַשליסן אַ נייע באַגרענעצונג, כדי מען זאָל נישט צופיל זיך וואַרפן מיט כלל־געלטער „על חשבון המדינה״:

„פון אַן אָרט, ווו עס געפינט זיך נישט קיין ייִדיש מנין קבוע, וועט די מדינה נישט אָננעמען קיין הוצאות פון די סיימיקעס, וואָס זענען גרעסער ווי 20 זלאָטעס, אַפילו אויב מען האָט מער אויסגעגעבן און אויך דאָס מיט אַ חרם״.

פון דאָזיקן באַשלוס זעט זיך קלאָר, אַז אַפילו פון פלעצער, ווו ס׳איז נישט צומאָל געווען קיין מנין, האָבן זיך געמאָלדן עסקנים מיט טענות, אַז מען זאָל זיי צוריקגעבן די הוצאות אויף באַאַרבעטן די סיימיקעס. אָט די בעלנים האָט מען געדאַרפט אַביסל אָפּקילן זייער חשק אויסצוגעבן געלט. דער ועד מדינת ליטא האָט פאַרמאַכט זיין קאַסע און דאָס איז געווען גענוג.

## .5

חוץ דער פראַגע: ווער האָט ג ע נ ו מ ע ן דאָס ייִדישע געלט בשעת די וואַלן צום סיים אין אַלטן פוילן — איז אינטערעסאַנט אויך די אַנדערע זייט פון פּראָבלעם: ווער האָט דאָס דאָזיקע געלט צ ו ג ע־ פ י ר ט צו די מקבלים?

אָט דאָס איז געווען די פונקציע פון די — ש ת ד ל נ י ם.

מען קען נישט ריידן פון די באַציִונגען צווישן ייִדן און פּאָליאַקן אין אַמאָליקן פוילן און פאַרקוקן די שתדלנים. זיי זענען געווען די בריק, וואָס האָט פאַרבונדן ביידע צדדים. פון איין זייט האָבן זיי אַריבערגעטראָגן די ייִדישע פאַרלאַנגען צו דער מלוכה און אירע אָרגאַנען, פון דער אַנדערער זייט האָבן זיי געבראַכט ידיעות צו די ייִדן וועגן דעם, וואָס ס׳וואַרט זיי מצד די פּאָליאַקן. זיי זענען געווען די יעניקע, וואָס האָבן אין נאָמען פון ייִדן אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט די פאַרשיידענע פּוילישע פאַקטאָרן. אַ שתדלן איז געווען דער, וואָס האָט רעפּרעזענטירט די ייִדן כלפּי־חוץ. פאַרשטייט זיך דעריבער, אַז אויך אויף די סיימיקעס האָבן די ייִדישע אינטערעסן פאַרטראָטן — די שתדלנים.

עס רעדט זיך פון זיי שוין אין ערשטן בריסקער באַשלוס פון ועד־מדינת ליטא פון יאָר 1623. אַ שטראָף פון הונדערט רויטע רענדלעך איז דאָרט אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף יענע קהילות, וואָס „וועלן נישט אויפ־שטעלן קיין שתדלנים אויף די סיימיקעס". זייער אויפגאַבע איז באַ־צייכנט געוואָרן גאַנץ אַלגעמיין: זיי דאַרפן אויספאָרשן און אַכטונג־געבן, ס'זאָל נישט באַשלאָסן ווערן עפּעס אַ „קוץ מכאיב" פאַר יידן. מיט אַנדע־רע ווערטער הייסט דאָס, אַז זיי האָבן געדאַרפט באַצייטנס געוואָר ווערן פון יעדער דראָענדיקער סכנה פאַרן כלל־ישראל און אויך געפינען אַ וועג צו די שטימען פון דער „שליאַכטע".

על פי רוב איז דער שתדלן געווען אַ באַצאָלטער באַאַמטער, וואָס האָט געדאַרפט ווידמען זיין גאַנצע צייט פאַר דער פאַרטרעטונג פון די יידישע אינטערעסן, וועלכע זענען אים אָנפאַרטרויט געוואָרן. כדי צו קע־נען עפּעס דערגרייכן אין אַלטן פוילן, האָט זיך געפאָדערט גרויס געשיקט־קייט, אויסדויער און דערפאַרונג. מ'האָט דעריבער געהאַלטן פאַר ריכטיק, אַז די זעלבע מענטשן זאָלן כסדר שטיין אין פאַרבינדונג מיט די פּריצים. דאָס איז געווען לייכטער און — ביליקער. הגם אַ שתדלן פון באַרוף האָט גענומען אַ געהעריקע פּענסיע, דאָך האָט זיך דאָס אויסגעצאָלט, ווייל זיין דערפאַרונג האָט איינגעשפּאָרט אַ סך מאָל גרויסע געלטער דעם ציבור, וואָס האָט אים באַנוצט.

אין אַלטן פוילן זענען, אייגנטלעך, געווען צוויי קאַטעגאָריעס פון שתדלנים: 1. נידעריקערע, וואָס האָבן גלייכצייטיק פאַרנומען דעם אַמט פון אַ שמש פון „ועד" און 2. העכערע, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט די יידן אויפן סיים. טיילמאָל ווערט אָבער אָט דער חילוק כמעט אָפּגעווישט.

די שתדלנים, וואָס זענען דורך די ועדים געשיקט געוואָרן צום סיים, האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָל ביי יידן. געוויינלעך זענען געווען איי־ניקע פון פוילן און אייניקע פון ליטע. אויפן צוזאַמענפאָר פון ועד מדינת ליטא אין פּרוזאַן (פּרוזשענע) אין יאָר 1628 האָט מען געוויילט דריי שתדלנים, וואָס האָבן געדאַרפט פאָרן צום סיים: 1. ר' ישעיה פון ווילנע, 2. ר' בירך פון בריסק און 3. „הקצין" ר' מרדכי פון לאָמזי (לאָמזשע). מען האָט זיי אָנגערופן „שלשה גבורי חיל" און זייער אָפיציעלער טיטל איז געווען „שתדלני מדינה". מען האָט דערקלערט, אַז זיי זענען דעלעגירט

„לעמוד בהיכל מלך ושרים״ און באַזונדער: „לשמור משמרת ועד ממלכה ושריה ולהיות עיניהם פקוחות על כל דרכי השתדלות לטובת כלל המדי־נה כולה״. חוץ די אָפּיציעלע שתדלנים האָט יעדע הויפּט־קהילה (דעמאָלט זענען געווען בלויז דריי — בריסק, האָראָדנע און פּינסק) געדאַרפט שיקן נאָך צו איין פאַרטרעטער צום סיים. אַזוי אַרום איז די ליטווישע דעלעגאַ־ציע באַשטאַנען פון זעקס מענטשן. ר׳ בירך און ר׳ מרדכי האָבן געהאַט די פליכט צו זיין ביי די סיים־באַראַטונגען שוין פון ערשטן טאָג אָן, ווען ער האָט זיך נאָר צונויפגעקומען. דער דריטער שתדלן האָט געקענט קומען אַ ביסל שפּעטער, אָבער אויך ער האָט געדאַרפט זיין „זריז ומהיר על צד היותר אפשרי״.

ר׳ מרדכין פון לאָמזע געפינען מיר פיר יאָר שפּעטער, אין 1632, אַלס יידישן רעפּרעזענטאַנט אויפן „עלעקציע־סיים״, וואָס איז פאָרגעקו־מען נאָך טויט פון מלך זיגמונט דעם דריטן. דעמאָלט האָט דער ועד מדי־נת ליטא אויף זיין סעסיע אין סעליץ באַשלאָסן, אַז די דריי הויפּט־קהילות דאַרפן שיקן „אויף הוצאות פון דער מדינה״ צו איין דעלעגאַט „לוואַרשאָ לימי הועד שרי המדינה הסמוך שקורין אַלעקצייא״. די דעלעגאַטן, וואָס האָבן געדאַרפט האָבן „יד ושם לעמוד בהיכל המלך והשרים״, ד. ה. זיין פעיק זיך צו פאַרשטענדיקן מיט די הויכגעשטעלטע גויים, זענען געווען אַ צוגאָב צו „ר׳ זלמן ור׳ מרדכי מלאָמז׳ שתדלני המדינה״. די קהילה אין מינסק האָט געמעגט שיקן אַ באַזונדערן דעלעגאַט, אָבער פאַר אים האָט דער „ועד״ רעזערווירט בלויז די העלפט פון די הוצאות; די אַנדערע העלפט האָט געדאַרפט דעקן די מינסקער קהילה אַליין. (ר׳ זלמן, וואָס איז דער צווייטער נאָך פאַר ר׳ מרדכין פון לאָמזע, ווערט אייניקע מאָל דערמאָנט אין פּנקס פון ועד מדינת ליטא און ווערט אָנגערופן אָדער „ר׳ זלמן שמש״ אָדער „ר׳ זלמן שתדלן״).

ביי דער באַשטימונג פון אַ „שתדלן המדינה״ האָט מען שריפטלעך רעגולירט זיינע רעכט און פליכטן. ס׳איז געווען אַ מין „קאָנסענס״, וואָס איז געוואָרן אונטערגעשריבן פון די רבנים און ראשי־הקהילות. אין איין אַזאַ דאָקומענט, וואָס איז געוואָרן געחתמעט אין סלוצק כ״ד תמוז תקכ״א (1761) דורך די רבנים און ראשי־הקהל פון אַלע פינף הויפּט־קהילות אין

ליטע אין יענער צייט (בריסק, האָראָדנע, פּינסק, ווילנע און סלוצק). לייע־נען מיר אָט וואָס:

„מיר האָבן געפונען וואָס אונדזער האַרץ האָט געזוכט: אַ קלוגן און פּאַרשטענדיקן מענטש, וואָס פון זיין מויל קאַפּעט באַלזאַם... וואָס האָט די מעגלעכקייט און דעם נאָמען צו באַווייזן זיך אין פּאַלאַץ פון קעניג און די פּריצים. כדי זיך אויסצודריקן מיט אַ הערלעכער שפּראַך, זיין מויל און זיין האַרץ זענען גלייך...

„מיר האָבן אַלע מסכים־געווען און אויסגעוויילט דעם וואונדערבאַרן תורה־ייִד ר׳ חיים בן ר׳ יוסף שתדלן, ער זאָל זיין דער שליח פון גאָט און דער שליח פון אונדז. און מליץ און פּאַרטיידיקער פון גערעכטיקייט אין אונדזער לאַנד ליטע; זיינע אויגן זאָלן זיין וואַך אויף אַלע הצטרכותן פון דער מדינה. כדי צו זיין אַ סניגור פאַרן מלך און די שרים; גאָט זאָל אים געבן רחמים. אַז ער זאָל ביי זיי נושא־חן זיין און דער זכות זאָל דורך אים מגולגל־ווערן; ווו ער וועט זיך ווענדן זאָל ער מצליח־זיין...

„מיר האָבן אים, צו מזל, אויפגענומען אויף דריי יאָר. פון היינטיקן טאָג אָנגעהויבן, אונטער אַזעלכע באַדינגונגען: זיין שכר וועט זיין, פון יעדע זלאָטע קאָפּ־שטייער אַ האַלבער גראָש. לויט דעם טאַריף. זיין וווין־פּלאַץ וועט זיין אין ווילנע. ביים אָנהויב פון די סעסיעס פון די טריבונאַלן מוז ר׳ חיים פּאַרוויילן אין ווילנע לפּחות זעקס וואָכן דורכאַנאַנד און ער טאָר נישט אַוועק פון דאָרט אין קיין שום אָרט. אויב ס׳וועט וועלכע קהי־לה, ובפרט וועלכע הויפּט־קהילה, שרייבן קיין ווילנע בשעת דעם טריבו־נאַל. אָדער אויב מען וועט אַפילו נאָר מינדלעך געבן אַן אויפטראָג דעם שתדלן ר׳ חיים. ער זאָל זיך באַמיִען ביים טריבונאַל אָדער ביי אַן אַמט, אָדער ביי אַ בישאָף... מוז ר׳ חיים שווערן, אַז ער וועט אַלץ טאָן אָן וועלכן; אָפּהאַלט אין דער וועלט, נאָר די זאַך מוז זיין אַ קהלשע, און אויב ס׳איז פאַר אַ יחיד, דאַן מוז די באַטרעפנדע קהילה (פון וואַנען דער יחיד איז) דאָס פון אים פּאַרלאַנגען...

„עס איז געוואָרן בפירוש אויסגענומען. אַז במשך פון די דריי יאָר, וואָס דער דערמאָנטער ר׳ חיים וועט וווינען אין ווילנע, איז ער פריי פון יעדן אָפּצאָל וואָס ווערט גענומען דאָרט, אויך פון דער קרופּקע פון פלייש און פון שחיטה־געלט.

„אויך זענען די ווירדיקע פאָרשטייער פון דער ווילנער קהילה מחויב צו באַזאָרגן אַ דירה פאַרן דערמאָנטן ר׳ חיים לויט זיין כבוד.

„און יעדע קהילה, אויך די הויפט־קהילות, וואָס וועט שיקן נאָך ר׳ חיימען וועגן וועלכן ס׳איז עסק, מוז אים באַצאָלן פאַר די הוצאות. אַ קהילה, וואָס איז נישט פון די הויפט־קהילות, מוז אים אויך באַצאָלן שכר טרחא, חוץ די הוצאות״.

אין דאָקומענט איז געוואָרן גענוי פעסטגעשטעלט דאָס פאַרהעלטניש צווישן דעם שתדלן און זיינע באַפולמעכטיקער, די פינף הויפט־קהילות, ווי אויך די אַנדערע קהילות אין לאַנד. ס׳איז געוואָרן באַוואָרנט, למשל, אַז ווילנע מוז געבן אַ שריפטלעכע התחייבות צו האָראָדנע, אַז אויב מען וועט פאַרלאַנגען פון שתדלן נאָך די זעקס וואָכן, וואָס ער מוז בלייבן אין ווילנע פון אָנהויבן זיך פון די סעסיעס פון טריבונאַל, אַז ער זאָל פאָרן ערגעץ אַנדערשוווּ כדי צו אינטערווענירן, דאַן וועט אים ווילנע לאָזן פאָרן. אויב דער טריבונאַל זאָל זיין נישט אין ווילנע, נאָר אין מינסק אָדער נאָ־וואַרדאָק (ווי ס׳איז טיילמאָל פאָרגעקומען) דאַן האָט דער שתדלן, נאָ־טירלעך, געמוזט דאָרט זיצן די ערשטע זעקס וואָכן (אויף הוצאות פון דער לאָקאַלער קהילה). דער שתדלן איז געווען דער יידישער פאָרטרעטער נישט נאָר לגבי דעם טריבונאַל, נאָר לגבי יעדער אינסטאַנץ, ווי סיים, סיימיק, געריכט, די גלחים א. אַ. וו.

די טיטלען און די מליצות, וואָס זענען פאַראַן אין דאָקומענט ווייזן, אַז מען האָט דעם אַמט פון שתדלן פון דער מדינה געהאַלטן פאַר העכסט וויכטיק. בדרך כלל האָט מען אויף דער סעסיע פון ועד מדינת ליטא אין כאָמסק אין יאָר תנ״א (1691) באַשלאָסן, אַז „צווישן די דעלעגאַטן, וואָס פאָרן צום סיים אין וואַרשאַ, דאַרפן זיין לפחות צוויי. וועלכע קענען אויפ־טרעטן אין פאַלאַץ פון קעניג און די שרים און דער רעשט זאָל זיין קלוג און בעלי־תורה״.

פאַרוואָס מען האָט געשטעלט אַזעלכע גרויסע פאָדערונגען פון די שתדלנים און דעלעגאַטן צום סיים בנוגע זייערע פערזענלעכע קוואַליפי־קאַציעס, איז נישט שווער צו דערקלערן: די אינטערעסן פון יידישן ציבור וואָלטן לייכט געקענט ווערן געשעדיקט, אויב דער שתדלן וואָלט נישט געווען זיין ווי געהעריק צוגעגרייט צו זיין אַרבעט.

די דאַגה, אַז די צרכי־הכלל זאָלן ווערן רעפּרעזענטירט נאָר דורך פעיִקע און באַרופענע מענטשן איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ ווייטער־דיקער תקנה: אַז זייטיקע מענטשן האָבן בכלל נישט געהאַט קיין רעכט אַנצוקניפּן וועלכן ס׳איז קאָנטאַקט מיט די דעפּוטאַטן אָדער אַנדערע פּריי־צים. מען האָט געשאַפן אַ „מאָנאָפּאָל״ פאַר די שתדלנים און קהילה־דע־לעגאַטן, אַז נאָר זיי זענען באַרעכטיקט צו אינטערווענירן ביי די פּריצים און בכלל זיך צו באַווייזן אין סיים. חוץ די שתדלנים און די דעלעגאַטן פון די הויפּט־קהילות האָט קיינער נישט געטאָרט פאָרן צו אַ סיים־סעסיע. דער ועד מדינת ליטא האָט דאָס אויסדריקלעך באַשלאָסן אין די יאָרן 1623 און 1662.

לויטן באַשלוס פון יאָר 1623, דאַרף „יעדער, וואָס וועט אייגנוויליק פאָרן קיין וואַרשאַ (צום סיים) אָן אַ שריפטלעכער באַוויליקונג (פון זיין הויפּט־קהילה), באַשטראָפט ווערן מיט אַן עונש גוף ועונש ממון״. מען האָט אים געדאַרפט שטערן מיט אַלע מעגלעכקייטן, ער זאָל נישט קענען אָנקומען קיין וואַרשאַ. אויב עס זאָל ווער, נישט קוקנדיק אויפן פאַרבאָט, דאָך פאָרן צום סיים אָן אַ באַוויליקונג פון די הויפּט־קהילות און אַליין אַריינפאַלן אין אַ צרה (וואָס איז לייכט געווען מעגלעך!), דאַן איז זיין גורל געווען גלייכגילטיק פאַרן כלל און מ׳האָט זיך נישט געדאַרפט באַ־מיִען אים צו העלפן. די שתדלנים אויפן סיים האָבן אַזאַ אומבאַרעכטיקטן יחיד געדאַרפט וואָרענען, ער זאָל זיך אָפּטראָגן; און אויב דאָס וואָלט נישט געהאָלפן, דאַן האָבן זיי וועגן דעם געדאַרפט מודיע־זיין צו די הויפּט־קהילות, כדי מ׳זאָל דעם יחיד תיכף לייגן אין חרם.

דער באַשלוס פון יאָר 1662 איז נאָך שאַרפער. מ׳האָט, קודם־כל, דערמאָנט די ערשטע פאַראָרדענונג וועגן דער נויטיקייט פון אַ שריפטלע־כער באַוויליקונג פאַר יעדן יחיד וואָס וויל פאָרן צום סיים; מ׳האָט אויך דערמאָנט די מכשולים, וואָס זענען פאָרגעקומען צוליב די יחידים, וואָס זענען אויף אייגענער האַנט געפאָרן קיין וואַרשאַ. דאַן האָט מען דער־קלערט, אַז שוין אויפן אָרט, אין וואַרשאַ, דאַרפן די פאָרשטייער פון ייִדישן כלל פאַרטרייבן מיט אַלע זייערע כוחות די נישט־ באַרעכטיקטע יחידים. אויב זיי וועלן דאָס נישט טאָן, דאַן וועלן זיי אַליין מוזן דערפאַר זיין פאַראַנטוואָרטלעך.

דרייסיק טעג פאַר אַ סיים־סעסיע האָט מען געדאַרפט מכריז־זיין אין די שילן פון דער הויפּט־קהילה, אַז קיינער טאָר נישט פאָרן צום סיים אָן אַ שריפטלעכער באַוויליקונג פון די ראשי־הקהל. דעם כרוז האָט מען גע־מוזט צוויי ביז דריי מאָל איבערחזרן, כדי ער זאָל זיין גענוג באַקאַנט.

·6

דער „ועד מדינת ליטא״ האָט געהאַט גרויסע צרות מיט דער פראַגע פון דעקן די נסיעות פון די שתדלנים און אַנדערע דעלעגאַטן און פון זייע־רע הוצאות פון אויפהאַלטן זיך אין די פאַרשיידענע פלעצער.

ס׳האָט זיך איבערגעחזרט ביי די שתדלנים אויפן סיים די זעלבע מעשה, וואָס מיר האָבן געזען ביי די שתדלנים אויף די סיימיקעס און וואָס האָט געפונען איר סוף אין קאַסע־רעגולאַמין פון יאָר 1667 און די באַשלוסן פון ועד פון יאָר 1670 און 1673. חוץ דעם שכירות, וואָס די שתדלנים האָבן באַקומען און וואָס איז געווען באַשטימט אַלס אַ געוויסער פּראָצענט פון קאָפּ־שטייער אָדער אַלס אַ יערלעכער סכום, האָבן זיי צו־ריקבאַקומען זייערע רייזע־הוצאות. די דעלעגאַטן פון די קהילות האָבן נישט באַקומען קיין שכירות און זענען דעריבער נאָך מער געווען באַרעכ־טיקט צו פאַרלאַנגען זייערע פאַקטישע הוצאות.

דער ועד מדינת ליטא האָט שטאַרק געזאָרגט, אַז די פינאַנציעלע זייט פון די השתדלותן זאָל זיין אין אָרדענונג. חוץ די דירעקטיוון צו אַלע קהילות, זיי זאָלן פאַר יעדן סיים צושטעלן די נויטיקע געלטער, האָט דער ועד געהאַט אין זינען אויך די באַדערפעגישן פון די שתדלנים. אויף דער לעצטער סעסיע אין סלוצק אין יאָר 1761 איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז „די מדינה איז מחויב צו באַשטימען אַ פעסטע שכירות פאַר די שתדלנים כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן זיך אַרומדרייען״. אָבער די פראַגע פון רייזע־הוצ־אות איז נישט געווען קיין לייכטע.

אין יאָר 1670 האָט מען באַשלאָסן אויפן צוזאַמענפאָר אין סעליץ, אַז „אויף יעדן סיים מוזן זיין צוויי מנהיגים און דער בריסקער מנהיג מוז זיין לפחות ביים אָנהויב פון סיים. דריי יאָר שפּעטער, אין 1673, האָט

מען באַשטימט פאַר די דאָזיקע דעלעגאַטן, וואָס זייער צאָל איז אויך פאַר־גרעסערט געוואָרן, אַט וואָס:

„צום סיים אין וואַרשאַ וועט פאָרן צו איין מנהיג פון די פיר הויפּט־קהילות. דער מנהיג פון ווילנע וועט באַקומען 150 גילדן (פוילישע זלאָ־טעס) פאַר די הוצאות און פאַר זיין טירחא. די אַנדערע דריי מנהיגים וועלן באַקומען נאָר צו 30 ליטווישע שאָק און נישט מער. דעם דאָזיקן כּכום וועט מען אַננעמען אין חשבון פון די נולדות (די „נישט־פאָרויסגע־זעענע הוצאות"). אויב אַ קהילה וועט געבן מער איר שתדלן, דאַן וועט זי דאָס מוזן אַליין דעקן. דעם שתדלן־מדינה וועט מען געבן 20 ליטווישע שאָק".

אַ פּוילישער גילדן איז געווען גלייך צו אַ האַלבן ליטווישן שאָק (אַ שאָק איז געווען 60 גראָשן און אַ גילדן — 30 גראָשן). איז לפי זה אויס־געקומען, אַז דער ווילנער דעלעגאַט האָט באַקומען פאַר זיינע הוצאות און שכר־טירחא אַ סך מער ווי די דעלעגאַטן פון די אַנדערע קהילות. מען דאַרף דערביי נעמען אין באַטראַכט, אַז ווילנע האָט קוים 21 יאָר פריִער, אין 1652, באַקומען בכלל דאָס רעכט צו שיקן אַ דעלעגאַט קיין וואַרשאַ און דאָס — אויף אירע אייגענע הוצאות. פאַרוואָס איז פון דעם אַזוי שנעל געקומען אַזאַ שטאַרק־פּריווילעגירטע שטעלונג לגבי די אַנדערע קהילות? דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען עפּעס אַ באַזונדערע קאָניונקטור און אפשר האָבן די אַנדערע קהילות דערפאַר באַקומען אַנדערע פינאַנציעלע קאָנצע־סיעס פון דער מדינה. אַ סימן דערויף איז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער פראַגע.

דער וועד אין כּאַמסק האָט אין יאָר 1679 נאָכאַמאָל רעגולירט די הויך פון די הוצאות פון די מנהיגים אין וואַרשאַ. מען האָט דעמאָלט אָנ־גענומען צוויי באַשלוסן, וואָס זענען געוואָרן אַריינגעטראָגן אין פּנקס איי־נער נאָכן צווייטן און וואָס זענען אין פלוג צווישן זיך אַ סתירה.

לויטן ערשטן באַשלוס, האָט מען געדאַרפט געבן פאַר „הוצאות קיין וואַרשאַ צום סיים אָדער צו אַ קאָמיסיע" יעדן מנהיג צו 20 גילדן אַ וואָך, סיי ווען ער איז געפאָרן אין פוילן, קיין וואַרשאַ, סיי ווען דער סיים איז געווען אין ליטע. די טעג פון דער נסיעה האָט מען געדאַרפט אַריינרעכע־נען. קיין שום באַזונדערע הוצאות, ווי פאַר „אַ קוכער" אָדער „משרת",

אָדער „נדבות״ האָט מען נישט געדאַרפט צוריקגעבן. אויך נישט קיין באַזונדערע שכר־טירחא. די איינציקע צוגאָב־הוצאה איז געווען דאָס פור־געלט, וואָס מען האָט באַזונדער געדאַרפט באַצאָלן.

לויטן צווייטן באַשלוס פון זעלבן יאָר האָט געדאַרפט פאָרן צום סיים קיין וואַרשאָ אָדער קיין האָראָדנע צו איין מנהיג פון יעדער פון די פיר הויפט־קהילות. פאַר שכר־טירחא און באַשפייזונג האָט מען די דעלעגאַטן געדאַרפט באַצאָלן צו 50 גילדן (ד. ה. 25 שאָק) אויב זיי זענען געפאָרן צו אַ קאָמיסיע; אויב עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן באַטייליקן זיך אין אַ סיים — דאַן האָט מען באַוויליקט עטוואָס גרעסערע הוצאות — 30 ליט־ווישע שאָק.

ווי קען מען דערקלערן די סתירה?

ס׳קען זיין, אַז דער ערשטער באַשלוס באַציט זיך נישט צו די רעגולערע סעסיעס פון סיים, נאָר צו צופעליקע נסיעות וועגן געוויסע ענינים אין וואַרשאָ און אויך צום „ועד״. דאָס וואָרט „ועד״ מיינט אין די מקורים סיי דעם „סיים״, סיי דעם יידישן ועד (אָדער ועד ארבע אַרצות אָדער ועד מדינת ליטא). ס׳קען דעריבער גריילעך זיין געמאָלט, אַז דער ערשטער באַשלוס רעגולירט פשוט די פראַגע, וויפל דאַרף מען באַצאָלן אַ מנהיג, אויב ער פאָרט קיין וואַרשאָ צו דער סעסיע פון ועד אַרבע אַרצות (אָדער אויך צו דערליידיקן עפּעס אַ ענין ביים סיים). אַזוי ווי מען האָט נישט געוווסט ווי לאַנג אַזאַ נסיעה וועט דויערן, האָט מען באַשלאָסן צו געבן וועכנטלעכע שכירות (20 גילדן). קיין באַזונדערע שכר־טירחא האָט מען נישט באַוויליקט, ווייל אַזעלכע נסיעות האָבן געהערט צו די נאָרמאַלע פליכטן פון די מנהיגים. דאַקעגן דער צווייטער באַשלוס באַציט זיך גאַנץ קלאָר צו די נאָרמאַלע סיים־סעסיעס. דער פוילישער פּאַרלאַמענט פלעגט זיך צונויפקומען אָדער אין וואַרשאָ אָדער אין גראָדנע (איין מאָל אויף דריי סיימען). דער האָנאָראַר איז באַשטימט געוואָרן אַלס אַ סכום־כולל; שכר־טירחא איז שוין געווען אַריינגערעכנט. די מנהיגים פון בריסק, האָראָדנע און פינסק האָבן באַקומען די אַלטע שכירות פון 30 ליטווישע שאָק. דאַקעגן ווילנע האָט שוין פאַרלאָרן דעם עודף. וואָס זי האָט געהאַט באַקומען אין יאָר 1673. פאַרוואָס עפּעס? פשוט: די גוטע קאָניונקטור איז

אַריבער. די אַנדערע קהילות האָבן נישט מער זיך געפּילט פאַרפליכטעט צו „ליידן" פון ווילנע.

נאַטירלעך, אַז ווילנע האָט נישט געשמעקט אַזאַ רעדוקציע פון אירע רעכט אויף גרעסערע הוצאות. וואָס זי האָט קעגן דעם געטאָן איז נישט באַוווּסט. וואָס מיר ווייסן אָבער יאָ איז, אַז אין יאָר 1691 האָבן שוין די הוצאות פון אַלע קהילות געמעגט באַטרעפן צו 150 גילדן, ד. ה. אַזוי פיל ווי לכתחילה בלויז פון ווילנע!

דער פּועל־יוצא פון פאַרקלענערן די הוצאות פון ווילנע אין יאָר 1679 איז געווען: אַז מען האָט די הוצאות פון אַלע מנהיגים פאַרגרעסערט ביז 150 גילדן.

ס'קען זיין, אַז בכלל איז דאָס געווען דער מאָטיוו פון די אַלע מאָדנע געשעענישן. די מנהיגים פון בריסק, גראָדנע און פּינסק האָבן געהאַלטן, אַז מען האָט זיי געטאָן אַן עוולה דורכן באַשטימען זיי אַ קלענערע מאָס פון שכירות און זיי האָבן פאַרלאַנגט אַ הוספה. ווילנע האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט. באַין ברירה האָבן די אַנדערע קהילות זיך גענומען צו אַ רעפּרעסיע: די הוצאות פון ווילנער דעלעגאַט זענען געוואָרן באַשטימט, גלייך ווי די אַנדערע, אויף 30 ליטווישע שאָק. ווילנע האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען און — באַלד זענען אַלע שכירות געוואָרן געהעכערט אויף 150 גילדן.

פון פּוילן פעלן גענויע ידיעות וועגן דעם שכירות פון די מנהיגים, וואָס זענען געפאָרן צום סיים אָדער די סיימיקעס. ס'איז נאָר באַוווּסט, אַז אין יאָר 1670 האָבן די מנהיגים פון טיקטין זיך געווענדעט צום ועד אַרבע אַרצות, אַז מען זאָל זיי באַוויליקן אַראָפּצורעכענען די „הוצאות פון די סיימיקעס", פּונקט ווי מען טוט דאָס לגבי אַנדערע קהילות. דער ועד אַרבע אַרצות האָט זיי דעמאָלט באַוויליקט 100 גילדן. צי דאָס זענען געווען די הוצאות פון די מנהיגים, צי די קאָסטן פון די אינטערווענצן גופא, איז שווער צו זאָגן.

## 7.

וועגן די הוצאות פון די השתדלותן און די שכירותן פון די דעלעגאַטן איז כסדר געקומען צו קאָנפליקטן צווישן די יידן פון פּוילן און די יידן פון ליטע.

די סיבה איז געווען צוליב דעם, וואָס די הוצאות זענען וואָס אַמאָל גרעסער געוואָרן. דער ליטווישער ועד האָט דעריבער זיך צוריקגעהאַלטן פון שיקן זיינע שתדלנים קיין וואַרשע. ער האָט גערן איבערגעלאָזט דעם עול פון באַאַרבעטן און באַצאָלן די סיים־דעפּוטאַטן פאַרן ועד אַרבע אַר־צות. דער ועד אַרבע אַרצות האָט אַלץ באַזאָרגט, אָבער גלייכצייטיק געגוי־נאַטירט, וואָס דאָס האָט אָפּגעקאָסט. דערנאָך האָט מען צוגעשטעלט אַ חשבון דעם ועד מדינת ליטא און פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל מוחל־זיין באַ־צאָלן זיין חלק. ליטע האָט זיך נישט געאיילט מיטן באַצאָלן.

מיט דער צייט איז דער חשבון אויסגעוואַקסן גאָר הויך. ס׳האָט שוין נישט געקענט זיין קיין רייד פון אַ גוטווילִיקן באַצאָלן. ס׳איז געקומען צו אַ דין־תורה.

י״ט אָדר שני שצ״ג (1633) איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פּסק, לויט וועלכן ליטע האָט געדאַרפט באַצאָלן 2.500 גילדן דעם ועד אַרבע אַרצות פאַר אַ בשותפותדיקער אַקציע, אָבער די טענה, אַז ס׳קומט באַזונדער אַ חלק פון די מתנות פאַר די סיים־דעפּוטאַטן, איז געוואָרן אָפּגעוואָרפן, „כי גם הם נותנים לשלוחי ליטא״, ד״ה ליטע גיט זיך אירע מתנות. דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן דעם ועד אַרבע אַרצות פון נאָכאַמאָל אויסצולייגן וועגן דעם זיין טענה פאַר אַ דין־תורה, וואָס איז פאָרגעקומען אין לענטש־נע אין יאָר תמ״א (1681). די פּוילישע ייִדן האָבן געמאָנט ביי די ליט־ווישע אַ „סך עצום ורב״ און צווישן די טענות האָט מען אויסגערעכנט דאָס שכירות פון שתדלן אין וואַרשע, די הוצאות אויפן סיים, די מתנות פאַרן מלך און זיינע שרים אויפן סיים, פאַרן מבטל־זיין די רשעיות אין וואַרשע אויפן סיים און מחוצן סיים. די ליטווישע מנהיגים האָבן גע־לייקנט, אַז זיי האָבן ווען ס׳איז זיך מתחייב־געווען צו אַ שותפות מיט פּוילן און האָבן נאָך אַרויסגערוקט אַ קעגן־טענה, אַז דער ועד אַרבע אַר־צות זאָל זיי צושטייער־געבן צו די הוצאות, וואָס זיי האָבן געהאַט אין ליטע פאַרן אָפּווענדן פון גזירות, וואָס האָבן פון דאָרט געדראָט דעם כלל־ישראל...

דאָס אויסגעוויילטע בית־דין (צוויי רבנים פון יעדן צד מיט אַ שליש אַלס ראש) האָט געפּסקנט אַט וואָס: ליטע האָט צוויי ברירות, אָדער צו טראָגן אַ פּערצענטן טייל פון אַלע הוצאות, אָדער צו באַצאָלן אַן אַלגע־

מיינעם סכום פון 9.000 גילדן. מען האָט געגעבן אָנגעגעבן ווי אַזוי דער חוב דאַרף באַצאָלט ווערן און באַמערקט, אַז די טענה וועגן אַ חלק פון שתדלנס שכירות איז שוין אַריינגערעכנט געוואָרן. פאַר די הוצאות אויפן סיים האָט מען ווידער גאָרנישט צוגעפּסקנט.

להבא איז יעדע שותפות געוואָרן אָפּגעזאָגט. „אויף אַלע וואַרשע־ווער סיימען", זאָגט דער פּסק, „אָדער אין וועלכן אַנדערן אָרט פון פּוילן אָדער ליטע, פון איצט אָן אויף אַלע צייטן וועלן די פּוילישע מנהיגים געבן מתנות פון זייער אייגענער קעשענע צו אונדזער האַר, דעם מלך, ער זאָל ווערן דערהויבן, און צו אַלע שרים פון דער מלוכה, און אַלע דינער פון מלך און פון די שרים, און צו די דינער וואָס רופן זיך דענערלעך פון פּוילן, — צי זיי וועלן געבן מתנות די פּוילישע מנהיגים פון זייער טאַש; און צו אונדזער האַר דעם מלך, ער זאָל ווערן דערהויבן, און צו די שרים פון דער מלוכה און זייערע דינער און צו די דענערלעך אין ליטע — וועלן געבן מתנות די ליטווישע מנהיגים אויך פון זייער טאַש; יעדער צד וועט געבן באַזונדער פון זיין טאַש צו זיינע פּריצים".

דער פּסק פון לענטשנע האָט באַשטימט, ס'זאָל קיין שותפות נישט זיין צווישן פּוילן און ליטע אַפילו אויב ס'וועט זיין אַ סכנה פון אַ שרעק־לעכער קאַטאַסטראָפע, למשל אויב ס'וועט דראָען אַ „גירוש כללי", אַפילו דעמאָלט האָבן די השתדלותן געדאַרפט זיין באַזונדער און די קאָסטן האָבן געדאַרפט פאַלן בלויז אויף איין צד. אָבער מען האָט זיך געדאַרפט העלפן, ד"ה אינטערווענירן און באַצאָלן פון דער אייגענער קעשענע, כדי צו העלפן דעם אַנדערן צד.

די קאָסטן זענען, אויף יעדן פאַל, געווען געוואַלדיק גרויסע. ס'פרעגט זיך דעריבער, צי האָט זיך דאָס בכלל געלוינט? זענען די אינטערווענצן געווען לפּחות דערפאָלגרייך?

דאָס, וואָס מיר נעמען אַרויס פון ליטווישן פּנקס זאָגט עדות, אַז די שתדלנים האָבן בעיקר זיך אָפּגעגעבן מיט שטייער־פראַגן. אָבער זיי זענען אויך אַריינגעגאַנגען אין אַנדערע געביטן. אַזוי האָט, למשל, דער וועד מדינת ליטא באַשלאָסן אויף זיין סעסיע אין סעליץ יאַן יאָר תט"ו (1655), אַז „די הערן שתדלנים, וואָס וועלן זיין אויפן סיים אין וואַרשע דאַרפן זיך משתדל זיין, אַז מען זאָל אַריינשרייבן אין דער קאָנסטיטוציע, אַז

יעדער שר און געוועלטיקער איז מחויב צו העלפן איינקאַסירן פון יעדער קהילה און פון יעדן ישוב אַלע שטייערן, לויט ווי די מנהיגים פון דער הויפּט־קהילה וועלן אויסגעבן און אויך אַלע פאַרלעגענע שטייערן״.

דער דאָזיקער פאַרלאַנג גרייכט שוין גאָר טיף אין דער פּוילישער געזעצגעבונג. דאָס מיינט דאָך פאַקטיש, אַז די שתדלנים האָבן געדאַרפט דורכפירן אַ קאָנסטיטוציע אויפן סיים, וועלכע זאָל האָבן בלויז אַ פאַרווענדונג פאַרן אינערלעכן לעבן פון די ייִדישע קהילות. אויב זיי האָבן דאָס געקענט דורכפירן, דאַן האָבן זיי זיך ערלעך פאַרדינט אַלע זייערע הוצאות.

דאָס געלט פון דער מדינה איז, אין דעם פאַל, זיכער נישט געגאַנגען לאיבוד...

# שבת, שחיטה, שבועה און חרם אין אַלטן פּוילן

## 1.

## שבת

ווען די ייִדן האָבן אין 13טן און 14טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן צו פֿאַרפֿעסטיקן זייער פּאָזיציע אין אַלטן פּוילן, זענען געווען בעיקר צוויי אַספּעקטן, וואָס האָבן געהאַט פֿאַר זיי די גרעסטע באַדייטונג: ערשטנס, דער ווירטשאַפֿטלעכער און צווייטנס, דער רעליגיעזער.

זיי האָבן געמוזט זאָרגן דערפֿאַר, מ'זאָל האָבן פּרנסה. דעריבער איז פֿאַרשטענדלעך, אַז מ'האָט זיך באַמיט צו באַקומען פּאַרזיכערונגען, מ'זאָל קענען האַנדלען, באָרגן געלט אאַז"וו. אָבער דאָס איז נישט געווען גענוג. כּדי צו קענען לעבן ווי ייִדן, איז געווען נייטיק, אַז ס'זאָלן גאַראַנטירט ווערן געוויסע עלעמענטאַרע רעכט, וועלכע דערמעגלעכן אָפּהיטן ייִדישקייט אין טעגלעכן לעבן. ס'איז זייער אינטערעסאַנט צו זען, ווי אַזוי דער שוץ פֿון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס פֿון ייִדישן דת איז צושטאַנדגעקומען. מיר וועלן אָנהייבן פֿון שבת.

דער ערשטער דאָקומענט, וואָס פֿאַרזיכערט די רעכט פֿון פּוילישע ייִדן איז דער סטאַטוט פֿון פּירשט באָלעסלאַוו דעם פֿרומען פֿון יאָר 1264. אין דעם דאָזיקן סטאַטוט, וואָס איז נאָכגעשריבן די קעניגלעכע דעקרעטן פֿון מערב־אייראָפּע (פֿרידריך באַבענבערג פֿון עסטרייך, פֿון יאָר 1244, בעלאַ דער פֿערטער פֿון אונגאַרן, פֿון יאָר 1251 און אָטאָקאַר דער דריטער פֿון בעהמען, פֿון יאָר 1254), זענען פֿאַראַן זייער וויכטיקע פּריווילעגיעס בנוגע געלט־געשעפֿטן, וועלכער איז געווען דער הויפּט־צווייג פֿון ייִדישער־

פרנסה. אין די פרימיטיווע פאַרהעלטענישן, אין וועלכע מען האָט געלעבט אין פּוילן אין 13טן יאָרהונדערט, איז דאָס באַרגן געלט פאַרגעקומען בעיקר אויף משכונות. מען האָט דעריבער גאַראַנטירט די ייִדן, זיי זאָלן קענען מאַכן אַזעלכע געשעפטן, מ׳האָט זיי באַשיצט קעגן געוואַלד־אַקטן פון שלעכטע בעלי־חובות, זיי זאָלן נישט ווערן באַעוולהט פון די געריכטן ביים איינמאָנען אַ חוב, וכדומה.

מיט די געלט־געשעפטן איז געווען פאַרבונדן אויך אַ שבתדיקער ענין. וואָס טוט מען אויב אַ קריסטלעכער בעל־חוב קומט צום ייִד אין אַ שבתדיקן טאָג און וויל אים באַצאָלן דעם חוב פאַרלאַנגענדיק דע״ביי, נאַ־טירלעך, מ׳זאָל אים צוריקגעבן זיין משכון? מעג דער ייִד זאָגן, אַז שבת טאָר ער דאָס נישט טאָן, אָדער מוז ער שטיין צום רשות פון קריסטלעכן בעל־חוב?

אויף דעם גיט באַשייד אַ באַזונדערער אַרטיקל פון סטאַטוט פון יאָר 1264 (וועלכער ווערט, אַגב, אויך גערופן „דער קאַלישער סטאַטוט״, ווייל ער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער שטאָט קאַליש). לויטן אַרטיקל 29 פון דאָזיקן סטאַטוט, „טאָר קיינער נישט צווינגען אַ ייִד, ער זאָל צוריק־געבן משכונות אין זיין פעסט־טאָג״ (דאָס הייסט: שבת און יום־טוב).

וואָס הייסט אָבער: „קיינער״? מיינט דאָס, אַז דער בעל־חוב קען נישט קומען צום ייִד און מאָנען זיין משכון אין אַ שבת אָדער יום־טוב, אָדער אפשר איז דער מיין: אַז אַ געריכט קען נישט צווינגען דעם ייִד אַרויסצוגעבן די משכונות, ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ חילול־שבת? אין לעצטן פאַל וואָלט דאָס געווען שוין אַ גאַנץ ווייטגייענדער שוץ פון שבת, ווייל ער וואָלט אַפילו שטאַרקער געווען פון דער נאָרמאַ״לער גע־ריכטלעכער פּראָצעדור.

איבערן אַרטיקל 29 פון קאַלישער סטאַטוט איז פאַראַן אַ קעפּל, וואָס לייענט זיך אַזוי: „ייִדן טאָרן נישט ווערן געמשפּט אין אַ פעסטלעכן טאָג״. דאָס דאָזיקע קעפּל וואָלט, נאַטירלעך, געקענט דינען אַלס באַווייז, אַז די צווייטע אינטערפּרעטאַציע פון אַרטיקל איז די ריכטיקע. אָבער חוץ דער פראַגע, צי דאָס קעפּל איז אַזוי אַלט ווי דער סטאַטוט גופא (ס׳קען זיין, אַז דאָס קעפּל איז צוגעגעבן געוואָרן ערשט שפּעטער, ווען דער אַרטיקל האָט געהאַט אַן אַנדערע באַדייטונג), מוזן מיר נאָך באַטראַכטן דעם ווײי־

טערדיקן אַרטיקל פון סטאַטוט, אין וועלכן ס׳איז פאַראַן אַ באַשטימונג, אַז אויב אַ קריסט נעמט אָפּ מיט געוואַלד ביים ייִד זיין משכון און באַפאַלט אים צוליב דעם אין זיין הויז, דאַרף ער שווער באַשטראָפט ווערן דורך אַ געלט־שטראָף פאַרן פירשטלעכן אוצר. די דאָזיקע באַשטימונג האָט נישט קיין שייכות צו שבת; איר צוועק איז צו פאַרזיכערן אין אַלגעמיין דעם ייִדישן מלווה, אַז ער זאָל נישט מורא־האָבן פאַר אַ געוואַלד־אַקט מצד דעם קריסטלעכן לווה. ס׳איז זייער וואַרשיינלעך, אַז לכתחילה האָט דער אַרטיקל 29 געהאַט דעם צוועק צו פאַרזיכערן דעם ייִד, אַז זיין קריסטלעכער בעל־חוב וועט אים נישט קענען אָנבאָטן צו באַצאָלן דעם חוב אין שבת אָדער יום־טוב. דאָס קען מען אַרויסלערנען פון אַ שפּעטערדיקער ענדערונג אין טעקסט פון קאַלישער סטאַטוט בנוגע דעם פּונקט.

ווען דער קעניג קאַזימיר דער גרויסער האָט באַשטעטיקט דעם סטאַטוט אין יאָר 1343, איז דער אַרטיקל 29 נישט געוואָרן געענדערט. אַזוי איז אויך געשען, ווען דער קעניג אַלעקסאַנדער האָט באַשטעטיקט דעם סטאַטוט אין יאָר 1505. אָבער ווען דער קעניג קאַזימיר דער פערטער האָט דעם 13טן אויגוסט 1453 אויסגעברייטערט די ייִדישע רעכט, האָט ער געשריבן שוין גאַנץ בפירוש:

„אויב אַ קריסט זאָל וועלן אויסלייזן זיין משכון פון אַ ייִד אין אַ פייערלעכן טאָג פון שבת, אָדער אַן אַנדערן ייִדישן יום־טוב, ווען ייִדן וואָגן נישט אָנצורירן דאָס געלט פאַרן אויסקויפן פון משכון, און דער קריסט זאָל נישט נעמען אין אַכט דעם ייִדישן פעסטלעכן טאָג, נאָר באַפאַלן דאָס הויז פון ייִד, כדי צוריקצובאַקומען זיין משכון און עס אַוועקנעמען מיט געוואַלד, דאַן דאַרף ער באַשטראָפט ווערן ווי אַ רויבער און אַ גנב״.

דאָ איז שוין פולשטענדיק קלאָר, אַז דער געוואַלד־אַקט קומט נישט צושטאַנד צוליבן משכון, נאָר צוליב שבת. דער ייִד וויל נישט נעמען דאָס געלט ביים קריסט אויסשליסלעך צוליב רעליגיעזע מאָטיוון; ער דעקט זיך מיט די פאָרשריפטן פון זיין רעליגיע. דער קריסט וויל אָבער אויף דעם נישט קוקן, נאָר פאַרלאַנגט זיין משכון אָן וועלכן אָפּהאַלט. דאָ קומט דאָס געזעץ — דער דעקרעט פון מלך — און באַשיצט די רעליגיעזע געפילן פון ייִד. דער קריסט ווערט שטרענג באַשטראָפט, הגם דער ייִד האָט

קיין מאַטעריעלן שאָדן נישט געליטן (דער קריסט באַצאָלט דאָך דעם חוב בשעת ער נעמט מיט געוואַלד אַוועק דעם משכון!). דער שוץ פון שבת איז איבער יעדן ספק.

פון אָט דער שוץ ביי געלט־געשעפטן האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט דאָס, וואָס איז געוואָרן קורץ אויסגעדריקט אין דערמאָנטן קעפּל איבערן אַרטיקל 29 פון „קאַלישער סטאַטוט״, ד״ה אַז מען האָט יידן נישט גע־קענט הייסן קומען אין גער׳כט אין אַ שבת אָדער יום־טוב. אייגנטלעך איז עס געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע קאָנסעקווענץ פון פּרינציפּ, וואָס איז געוואָרן אָנגענומען דורכן באָלעסלאַוון און קאַזימיר דעם פערטן. ווייל אויב אַ יחיד האָט נישט געטאָרט מאָנען ביים ייד זיין משכון צוליב שבת — פאַרוואָס זאָל מען צווינגען דעם ייד מחלל־שבת זיין דורכן קומען אין געריכט? אַ געריכט־טערמין קען דאָך ווערן לייכט אָפּגעלייגט.

קלאָר האָט דאָס אויסגעדריקט קעניג זיגמונט אויגוסט אין יאָר 1571, ווען ער האָט באַשטעטיקט די יידן פון פויזן זייערע רעכט. ער האָט דע־מאָלט געשריבן: „מען טאָר זיי (די יידן) אין די טעג פון שבת, לויטן אַל־געמיינעם געזעץ, נישט רופן צום געריכט און נישט משפּטן״. מיר זעען, אַז דער שוץ פון שבת איז געווען נישט נאָר לגבי דעם נישט־יידישן תובע (וועלכער האָט נישט געקענט „רופן״ צום געריכט), נאָר אַפילו לגבי דעם ריכטער. מיט אַנדערע ווערטער: ווען מ׳האָט אַ ייד מיט צוואַנג געבראַכט צום געריכט אין אַ שבתדיקן טאָג, האָט ער געקענט אויפן יסוד פון דער דאָזיקער פאַרשריפט דערקלערן, אַז ער וויל נישט מען זאָל אים דעמאָלט משפּטן.

קעניג סטעפאַן באַטאָרי האָט אין יאָר 1576 קורץ באַשטימט, אַז „אין ימים־טובים און שבתים דאַרפן זיי (די יידן) פון קיינעם נישט ווערן געמשפּט. אָבער אין יאָר 1580 האָט דער זעלבער מלך אַרויסגעגעבן אַ באַ־זונדערן דעקרעט פאַר די יידן פון פויזן, אין וועלכן ער האָט דאָס גענוי מאָטיווירט: „אין אַ שבתדיקן טאָג און אין אַנדערע פעסטלעכע טעג דאַרפן זיי (די יידן) פון קיין קריסט נישט ווערן גערופן צו אַ געריכט און אויך נישט געמשפּט, ווייל אַזוי איז עס פאַרבאָטן גע־וואָרן דורך זייער פאַנאַטיש געזעץ און אַזוי איז אויך געוואָרן באַוואָרנט דורכדאָן אויס־

ד ר י ק ל ע כ ע ב אַ ש ט י מ ו נ ג פ ו ן ד י מ ל ו כ ה ־ ס ט אַ ט ו ט ן״. באַטאָרי דערמאָנט דאָ דאָס ייִדישע געזעץ, וואָס ער רופט דאָס „פּאַנאַטישע״ (אויף לאַטייניש: „סופּערסטיציאָזאַ לעקס״) צוליב דעם, ווייל פאַר אַ קריסט איז נישט געווען פאַרשטענדלעך פאַר וואָס מען טאָר, למשל, שבת נישט אָנרירן קיין געלט. אינטערעסאַנט איז, אַז דאָס ייִדישע געזעץ ווערט דורכן קעניג אָנגעגעבן אַלס ע ר ש ט ע ר מ אָ ט י וו פאַרן שבת־שוק; אויפן צווייטן אָרט קומט „די אויסדריקלעכע באַשטימונג פון די מלוכה־סטאַטוטן״. דאָס ווייזט, אַז דער ייִדישער רעליגיעזער דין איז דורך באַטאָרין הויפּטזעכלעך גענומען געוואָרן אין באַטראַכט; ס׳איז פאַר אים דעריבער נישט געווען גענוג צו פאַררופן זיך אויף די פריִערדיקע געזעצלעכע באַשטימונגען.

קעניג זיגמונט דער דריטער האָט אין אַ דעקרעט פון 27טן מאַי 1592 ווידער סאַנקציאָנירט דעם שבת־שוק, אָבער שוין געענדערט דעם סדר פון די צוויי מאָטיוון. ער רעדט קודם פון די מלוכה־סטאַטוטן און דערנאָך פון „פּאַנאַטישן ייִדישן געזעץ״ אַלס די סיבות, צוליב וועלכע ייִדן זענען פריי פון ווערן געמשפּט אין שבתים און ימים־טובים.

דאַקעגן ווען דער קעניג מיכאַל ווישניאָוויעצקי האָט אין יאָר 1671 באַשטעטיקט די ייִדישע רעכט, איז ער צוריקגעגאַנגען צו דער פאָרמולירונג פון קאַזימיר דעם פערטן (אַז אַ קריסטלעכער בעל־חוב טאָר נישט מיט געוואַלט צוריקנעמען זיין משכון פון ייִד אום שבת).

ס׳קען זיין, אַז פון יענער תקופה שטאַמט דאָס קעפּל איבערן אַרטיקל 29 פון „קאַלישער סטאַטוט״. מען איז צוריקגעגאַנגען צום מקור פון דער באַשטימונג וועגן שבת־שוק, הגם פּראַקטיש האָט עס שוין געהאַט אַן אַנדערן כאַראַקטער. מען האָט דעריבער זיך דערלויבט צו זאָגן אין קעפּל אַ סך מער, ווי ס׳איז געשטאַנען אין טעקסט פון אַרטיקל. אין דער ווירקלעכקייט האָט דאָס מלוכה־געזעץ געשיצט דעם ייִד פאַר אַ געצוווּנגענעם חילול־שבת.

אין אייניקע לאָקאַלע רעגולירונגען פון די וואָיעוואָדעס וועגן ייִדישע ענינים, וועלכע זענען געווען באַגרינדעט אויף די קעניגלעכע פּריווילעגיעס, איז דער שוץ פון שבת געווען אָנגענומען אַלס מלוכה־געזעץ. בנוגע דעם רעכט נישט צו ווערן גערופן צו אַ געריכט, איז דאָס נאָך געוואָרן

לאָקאַל אויסגעברייטערט. דער קראָקעווער וואָיעוואָדע האָט, למשל, אין יאָר 1659 באַשטימט אַט וואָס: „ס׳איז געוואָרן אָנערקענט די ייִדן דורכן געזעץ, אַז זיי זאָלן נישט ווערן געמשפּט אין (זייערע) ימים־טובים און אויך נישט אין די ניין טרויער־טעג, בשעת דעם באַרימטן יריד פון יאַ־ראָסלאַוו און דעם יריד פון גראָמניץ״.

אַזוי ווי די ייִדן האָבן געהאַט גאַראַנטירט זייערע רו־טעג, האָבן זיי זיך באַמיט צו אַרבעטן זונטאָג און אין די קריסטלעכע פייער־טעג. אַ קאַ־טוילישער גלחים־צוזאַמענפאָר אין פּיאָטרקאָוו אין יאָר 1542 קלאָגט זיך, אַז „די ייִדן אַרבעטן און האַנדלען אָפן אין קריסטלעכע חגאות״.

מען מוז אָבער באַמערקן, אַז אין אייניקע קעניגלעכע דעקרעטן, אין וועלכע ס׳איז די ייִדן פאַרזיכערט געוואָרן דאָס רעכט פון דער שבת־רו, האָט מען אויסדריקלעך באַטאָנט, אַז זיי טאָרן פונדעסטוועגן נישט אַר־בעטן אין קריסטלעכע חגאות. דער מלך סטעפאַן באַטאָרי האָט אין זיין דערמאָנטן דעקרעט פון יאָר 1576, נאָך דער באַשטימונג, אַז ייִדן טאָרן פון קיינעם נישט ווערן געמשפּט אין ימים־טובים און שבתים, צוגעגעבן קלאָר אַט וואָס: „זיי (די ייִדן) זענען באַרעכטיקט צו אַרבעטן און צו האַנד־לען צו יעדער צייט, חוץ זונטיקס, פּסחא און חגאות, ווייניאַכטן, דעם טאָג פון אַלע הייליקע, ווען זיי דאַרפן זיך באַנעמען בנוגע אַרבעט און האַנדל, ווי קריסטן״. ס׳איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָסביידע באַשטי־מונגען זענען דאָ געוואָרן צוזאַמענגענומען. דאָס באַווייזט, אַז דער שוץ פון שבת האָט אויך אַרומגענומען די פרייהייט פון נישט מוזן אַרבעטן אין דעם טאָג; דערביי איז גלייכצייטיק געוואָרן באַטאָנט, אַז די ייִדן מוזן רוען זונטיק און אין די קריסטלעכע חגאות.

טיילמאָל, ווען פּוילישע מוניציפּאַליטעטן האָבן געשלאָסן אָפּמאַכן מיט די ייִדן פון זייערע שטעט איז געוואָרן דערלויבט, אַז ייִדן זאָלן מעגן האַנדלען צווישן זיך זונטיק. אַזעלכע אָפּמאַכן האָבן אַפילו געהאַט די סאַנקציע פון מלך. אַזוי האָט קעניג וולאַדיסלאַוו דער פערטער, אין יאָר 1645, באַשטעטיקט אַן אָפּמאַך צווישן דער מוניציפּאַליטעט און די צעכן פון פּשעמישל מיט די דאָרטיקע ייִדן. דער אַרטיקל 15 פון דאָזיקן אָפּמאַך האָט פאַרויסגעזען, אַז זונטיקס און אין די קריסטלעכע חגאות האָבן ייִדן נישט געטאָרט עפענען זייערע געשעפטן און פאַרקויפן די סחורות, אָבער

„זיי מעגן זיצן אין זייער גאַס" (ד. ה. האַנדלען צווישן זיך). אויב ס'איז אויסגעקומען אַ יריד אין אַ קריסטלעכער חגא, האָבן די ייִדן געמעגט, לויטן דאָזיקן אָפּמאַך, האַנדלען אומעטום מיטן תנאַי, אַז דער מסחר האָט זיך נישט געטאָרט אָנהייבן איידער מען איז פאַרטיק געוואָרן מיט די תפי־לות אין דער קירך. כדאַי צוצוגעבן, אַז ס'האָבן געדויערט לאַנגע יאָרן ביז די ייִדן פון פּשעמישל האָבן דערגרייכט די קאָנצעסיע מצד דער מוניציפּאַ־ליטעט און די צעכן, זיי זאָלן קענען האַנדלען צווישן זיך זונטיק און אין די חגאות. אין יאָר 1610 האָט די מוניציפּאַליטעט פון פּשעמישל זיך נאָך געקלאָגט אויף די ייִדן, אַז זיי פירן זייערע מסחרים זונטיקס און אין קריסטלעכע פייערטעג. ווייזט אויס, אַז ייִדן האָבן עס געטאָן אויך אָן דער דערלויבעניש מצד דער מוניציפּאַליטעט. נאָך אַ לאַנגן קאַמף איז דאָס ענדלעך געוואָרן לעגאַליזירט.

דער שוץ פון שבת איז, אין געוויסע צייטן און ביי געוויסע מלכים, געגאַנגען נאָך אַ שריט ווייטער. דער קעניג זיגמונט אויגוסט, למשל, האָט פאַרבאָטן אָפּצוהאַלטן די וועכנטלעכע ירידים אין אַ שבת, כדי אַזוי אַרום נישט צו שטעלן אין סכנה די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די ייִדן, וואָס האָבן געהיט שבת. אויף דעם אופן איז דער שבת געוואָרן אַ רו־טאָג אין אַ געוויסן זין אויך פאַר יענע, וואָס האָבן נישט געהיט שבת. אָבער דאָס איז געווען נאָר אַן אויסנאַם־פאַל, פון וועלכן מ'קען נישט מאַכן קיין ווײַ־טערע מסקנות.

## 2.

## שחיטה

דער „קאַלישער סטאַטוט" פון יאָר 1264 זאָגט נישט קיין איין וואָרט וועגן דער ייִדישער שחיטה. ס'איז אָבער אָן יעדן ספק, אַז ייִדן האָבן גע־האַט אַ מעגלעכקייט, באַלד אין דער ערשטער תקופה פון זייער עקזיס־טענץ אויפן פּוילישן באָדן, צו פּראַקטיצירן שחיטה לויט זייער באַדאַרף.

דער באַדאַרף איז געווען אַ צווייפאַכער. ערשטנס, איז עס געווען נוגע זייער אייגענער קאָנסומציע פון פלייש. צווייטנס, האָבן זיי געמוזט קענען פאַרווענדן דאָס פלייש, וואָס איז געוואָרן טריף (אָדער וואָס איז לכתחילה

טראָץ דער שחיטה, נישט געווען באַשטימט פאַר יידן, ווי די טיילן פון בהמות, (וועלכע האָבן געפאָדערט ניקור), דורכן פאַרקויף צו נישט־יידן.

דער קעניג קאַזימיר דער פערטער האָט אין אַ דעקרעט פון 13טן אויגוסט 1453 (וואָס איז געוואָרן שפּעטער באַשטעטיקט דורך זיגמונט דעם ערשטן) געגעבן די יידן דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן שחיטה סיי פאַר זייער אייגענעם געברויך, סיי פאַרן ווייטער־פאַרקויף צו די קריסטן. אין דעקרעט איז געשטאַנען אָט וואָס:

„ווו נאָר די יידן וועלן האָבן זייער רעזידענץ, אין אַ שטאָט אָדער שטעטל פון אונדזער קעניגרייך, מעגן זיי שחטן גרויסע אָדער קליינע בהמות פאַר פלייש צו זייער געברויך, און אויב וועלכעס פלייש וועט פאַר זיי נישט זיין אַנטשפּרעכנדיק, לויט זייער מנהג אָדער ווילן, קענען זיי עס פאַרקויפן, ווי ס'וועט פאַר זיי זיין, אָדער ס'וועט זיי אויסווייזן צו זיין צום בעסטן״. (אַרטיקל 20).

די ווערטער: „לויט זייער מנהג״ באַציִען זיך, נאַטירלעך, אויפן יידישן דין. דאָס מיינט, אַז פלייש, וואָס איז געוואָרן אָנערקענט אַלס טריף, קען ווערן פאַרקויפט אָן די מינדסטע שוועריקייטן. דער דעקרעט גייט נאָך ווייטער און זאָגט, אַז אַפילו פלייש, וואָס איז „לויט זייער (די יידנס) ווילן״ נישט אַנטשפּרעכנדיק פאַרן געברויך, מעג ווערן פריי פאַר־קויפט. דער צוועק פון דעם דאָזיקן וויכטיקן צוגאָב איז געווען, אַז מען זאָל נישט קענען באַשווערן דעם פאַרקויף דורך פאַרלאַנגען אַ באַווייז, אַז דאָס פלייש איז באמת נישט טויגלעך „לויטן מנהג״ (ד. ה. לויטן דין). ס'איז געווען גענוג, אַז יידן האָבן דאָס געשאָכטענע פלייש נישט געוואָלט נוצן פאַר זיך; מען האָט עס תיכף געקענט פאַרקויפן צו קריסטן.

בשעת דער קעניג זיגמונט אויגוסט האָט אין יאָר 1569 געגעבן די לעמבערגער יידן באַזונדערע פּריווילעגיעס, האָט ער אויך באַשטימט, אַז די דאָרטיקע יידן „קענען זיך באַשעפטיקן מיט קצבעריי און פאַרקויפן פלייש צו קריסטן און צו אַנדערע מענטשן, לויטן מנהג פון אַנדערע יידן, ווי פון קראָקע, פּויזן און לובלין״. דאָס וואָרט „מנהג״ מוז דאָ אָבער נישט דווקא פאַרשטאַנען ווערן אַלס „דין״; ס'קען אויך באַדייטן אַזוי פיל ווי אַ האַנדלס־מנהג פון די קראָקעווער יידן און די יידן פון די אַנדערע צוויי שטעט. פונדעסטוועגן שיינט דאָס צו זיין אַ פועל־יוצא פון אַלטן רעכט צו

האַנדלען מיט פלייש אין אַזאַ מאָס און אויף אַזאַ אופן, ווי ס׳איז געווען נויטיק פאַר ייִדן צוליב די באַזונדערע אומשטענדן פון דער כשרער שחיטה.

קעניג סטעפאַן באַטאָרי האָט געגעבן ענלעכע פּריווילעגיעס צו די ייִדן פון פּשעמישל אין יאָר 1576 און דער קעניג זיגמונט דער דריטער האָט זיי אַלגעמיין באַשטעטיקט אין יאָר 1591.

אָבער אין דער צייט ווען ס׳האָט רעגירט סטעפאַן באַטאָרי (1576—1586), איז שוין פאָרגעקומען אַ שטאַרקער אָנגריף אויפן ייִדישן קצבים־שטאַנד. די קריסטלעכע קצבים האָבן זיך אַרומגעזען, אַז די ייִדן נעמען זיי אַרויס דעם מסחר פון די הענט. באַזונדער האָבן זיך אויף דעם באַ־קלאָגט די קריסטלעכע קצבים פון לעמבערג, וועלכע האָבן געליטן אונטער אַ ייִדישן מאָנאָפּאָל, וואָס איז מעגלעך פאַראורזאַכט געוואָרן דורך דער בפירושער פּריווילעגיע פון זיגמונט אויגוסט פון יאָר 1569. זיי האָבן זיך געווענדעט צו סטעפאַן באַטאָרי און אים איבערגעגעבן, אַז די ייִדישע קצ־בים שעכטן מער בהמות, ווי דאָס איז נויטיק כדי צו באַפרידיקן דעם פלייש־געברויך פון ייִדן. דער קעניג האָט אין יאָר 1580 אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז ייִדן טאָן נישט שעכטן מער בהמות ווי זיי באַדאַרפן פאַר זיך אַליין. אָבער די ייִדן זענען נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. מען האָט אינטערווענירט ביים קעניג, ער זאָל מבטל זיין די פאַראָרדענונג.

סטעפאַן באַטאָרי האָט דעריבער דעם 3טן מערץ 1581 אָנגעשריבן אַ נייע פאַראָרדענונג צום סטאַראָסטע פון לעמבערג, אין וועלכער ער האָט אים איבערגעגעבן צו געפינען אַ לייזונג צום דאָזיקן קאָמפּליצירטן פּראָב־לעם, כדי די אינטערעסן פון די ייִדישע און קריסטלעכע קצבים זאָלן קע־נען אויסגעגלייכט ווערן. ס׳איז אָבער אינטערעסאַנט, אַז הגם דער הינ־טערגרונט פון דער גאַנצער מלחמה צווישן די ייִדישע און קריסטלעכע קצבים איז שטאַרק ענלעך צו די געשעענישן, וועלכע האָבן מיט 350 יאָר שפּעטער גורם געווען די אַקציע מצד פּוילישע אַנטיסעמיטן קעגן ייִדישן פלייש־האַנדל אין נייעם פּוילן, איז דאָך מצד סטעפאַן באַטאָרי גאָר נישט געטאָן געוואָרן קעגן דער ייִדישער שחיטה. סטעפאַן באַטאָרין איז אַפילו נישט איינגעפאַלן צו פאַרבאָטן שחיטה פאַר ייִדן; ער האָט נאָר געפּרוּווט באַשרענקען די צאָל געשאָכטענע בהמות, כדי ייִדן זאָלן שעכטן בלויז פאַר

זיך. דאָקעגן אין נייעם פוילן האָט מען אויך געוואָלט ווירטשאַפטלעך טרעפן דעם יידישן מסחר, אָבער מען האָט שוין אָנגעגריפן די גאַנצע אינ־סטיטוציע פון שחיטה. סטעפאַן באַטאָרי האָט זיך באַלד צוריקגעצויגן אַפילו פון דער עקאָנאָמישער באַשרענקונג און איבערגעגעבן דעם לעמ־בערגער סטאַראָסטע, ער זאָל געפינען אַ פשרה; דאָקעגן אין אויפגעלעבטן פוילן איז שיעור געקומען צו אַ פולשטענדיקן שחיטה־פאַרבאָט און נאָר דאָס אויסברעכן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט נישט דערלאָזט, ס׳זאָל געזעצלעך דורכגעפירט ווערן אַזאַ פאַרבאָט.

דער מלך סטעפאַן באַטאָרי האָט אַרויסגעוויזן זיין אינטערעס אין פאַרזאָרגן כשרות פאַר יידן נאָך אויף אַן אַנדערן אופן. ער האָט פשוט גע־וווּנטשן יידן, זיי זאָלן צושטעלן כשר פלייש פאַר איינעם פון זיינע פריינד, וועגן וועלכן ס׳איז געווען אַ מורא, אַז ער וועט גוטוויליק פון יידן קיין כשר געשאָכטן פלייש נישט באַקומען!

דער דאָזיקער היסטאָרישער פאַקט איז באמת אַן „אוניקום": אַ מלך באַמיט זיך, אַז אַ יידן זאָל נישט פעלן קיין כשר פלייש... און געשען איז דאָס אין יאָר 1578 ביי פאָלגנדע אומשטענדן:

אויפן פוילישן קעניגלעכן הויף האָט, נאָך פון די צייטן פון לעצטן קעניג פון דער יאַגיעללאָ־דינאַסטיע, זיגמונט אויגוסט, געלעבט אַ ייד מיטן נאָמען שלמה קאַלאַהאָראַ, וואָס זיין פּראָפעסיע איז געווען אַ דאָק־טאָר פון מעדיצין. דער ייד (פון דער שפּאַנישער משפּחה קאַליפּאַרי) האָט אויך געהאַנדלט מיט פאַרשיידענע סחורות, בעיקר מיט זאַלץ. זינט דעם יאָר 1570 איז ער געווען דער אָפיציעלער הויף־דאָקטער. אַלס אַזעלכער האָט ער באַקומען צאָלרייכע פערזענלעכע פּריווילעגיעס: ער האָט נישט באַדאַרפט צאָלן קיין שום שטייערן, געווען פריי פון צאָל און איז נישט געווען אונטערגעוואָרפן קיין שום געריכט, חוץ דעם מלך אַליין.

די יידן האָבן נישט גערן געזען אַזעלכע פּריווילעגיעס פון אַ יחיד. דער יידישער ציבור האָט געהאַלטן, אַז קיין יחיד טאָר זיך נישט אָפּזונ־דערן פון כלל. ס׳איז דאָך געווען כמעט אוממעגלעך צו האַנדלען מיט איינעם, וואָס האָט נישט געצאָלט קיין שטייערן און וואָס מען האָט אים נישט געקענט אָנקלאָגן אין אַ געריכט.

געוויינלעך פלעגט מען אויף אַזאַ אָפּזונדערן זיך פון כלל ענטפערן

מיט אַ חרם. מען האָט אַזוי אַרום „באַשטעטיקט" דעם פאַקט, אַז דער פּריי־ווילעגירטער ייִד געהערט נישט צום כּלל. ס'איז געווען אַ שרעקלעכע תשובה, אָבער זייער אַ ווירקזאַמע.

איינע פון די קאָנסעקווענצן פון חרם איז טיילמאָל געווען דאָס אָפּ־זאָגן דעם מענטש פון געניסן כשר פליש. וועגן דעם זאָגט עדות אַ בריוו, וואָס ר' משה לימאַ, דער מחבר פון ספר „חלקת מחוקק", האָט געשריבן צו דער קהילה אין זאַבלודאָווו. אין בריוו שטייט: „מי שהוא בחרם ואינו רוצה לצאת מבית הכנסת רשות בידכם ליקח משכון על סירובו או תשימו עליו עונש חרם שלא למכור לו בשר שחוטה". (אויב איינער, וואָס איז אין חרם וויל נישט אַרויסגיין פון שיל, ד. ה. ער וויל זיך נישט אונטערוואַרפן דעם חרם, מעג מען דערקלערן, אַז אים טאָר מען נישט פאַרקויפן קיין כשר געשאָכטן פלייש).

בשעת ד"ר קאַלאַהאָראַ האָט באַקומען זיינע פּריווילעגיעס פון קעניג איז דער אָפּקלאַנג ביי ייִדן געווען, ווייזט אויס, אַן ענלעכער. ס'האָט אים געדראָט, מ'זאָל אים אַריינלייגן אין חרם; און אויב אַ פאָרמעלער חרם קעגן אים איז אפשר נישט געווען מעגלעך (ווייל קיינער האָט נישט גע־וואָלט זיך פאַררייסן מיטן מלך, וואָס האָט באַשיצט קאַלאַהאָראַן), איז אָבער געווען גאָר וואַרשיינלעך, אַז מען וועט פשוט אָנווענדן לגבי אים די זעלבע סאַנקציעס, וואָס זענען געווען די נאָרמאַלע קאָנסעקווענצן פון אַ חרם (למשל: אַ פאַרבאָט אַריינצוקומען אין בית־המדרש, נישט מל זיין די קינדער, באַגראָבן מיט אַ „קבורת חמור" א. אַ. וו.). ד"ר קאַלאַהאָראַ האָט דעריבער אויך געהאַט שוועריקייטן צו באַקומען כשר פלייש.

ווען סטעפאַן באַטאָרי האָט געדאַרפט באַשטעטיקן ד"ר קאַלאַהאָראַן אַלס זיין הויף־דאָקטער, האָט ער שוין געהאַט אינפאָרמאַציע, אַז די ייִדן קוקן קרום אויף די פּריווילעגיעס. אָבער ער האָט זיך מיט דעם גאָר נישט גערעכנט. דעם 31טן יולי 1578 האָט ער אונטערגעשריבן אַ דעקרעט, אין וועלכן אַלע רעכט פון ד"ר שלמה קאַלאַהאָראַ זענען געוואָרן אויפסניי באַשטעטיקט און צו דעם איז געוואָרן נאָך צוגעגעבן אָט וואָס:

„די ייִדן זאָלן זיך נישט דערוועגן און אויך נישט פּרוּוון צו באַלעס־טיקן אים (ד"ר קאַלאַהאָראַן), אָפן אָדער באַהאַלטענערהייט, צוליב דעם וואָס מיר האָבן אים באַפרייט פון אונדזערע עפנטלעכע און פון די ייִדישע

שטייערן און אָפּצאָלן; מען טאָר אים נישט שטערן די מצוות מילה, דאָס אַרייַנגיין אין בית־המדרש אָדער אין שיל, און אויך נישט אָפּזאָגן אים די קבורה און פּאַרקויפן כשר פלייש, און אַלע אַנדערע מנהגים און צערעמאָניעס, ווי דאָס איז אָנגענומען ביי ייִדן, אונטער אַ שטראָף פון 2,000 גילדן; פון דער שטראָף קומט אונדזער אוצר אַ העלפט און אַ העלפט דעם וואָיעוואָדע״.

דער מלך האָט אין דעם דאָזיקן דעקרעט קלאָר אויף זיך גענומען די השתדלות, אַז ד״ר קאַלאַהאָראַ זאָל באַקומען צוגעשטעלט פלייש פון דער ייִדישער שחיטה. די אַנדערע פּרטים, וואָס זענען אויסגערעכנט אין דע־קרעט האָבן אַ שייכות צו יעדן חרם. הגם דאָס וואָרט „חרם״ איז נישט דערמאָנט, אָבער ס׳איז קלאָר, אַז דער קעניג האָט געוואָלט אָפּהיטן זיין הויף־דאָקטער פון די צרות, וואָס האָבן אויף אים געוואַרט אויך אָן אַ פאָרמעלן חרם. ער האָט דעריבער אָנגעזאָגט, אַז מילה, קבורה און אַריינ־גיין אין שיל מוז מען ד״ר קאַלאַהאָראַן דערלויבן. אַגב זענען אונדז באַ־קאַנט מער פאַלן, ווען פוילישע מלכים האָבן פאַראָרדנט, אַז מען טאָר אַ ייִד נישט אַריינלייגן אין חרם און אויך נישט אָנווענדן לגבי אים די חומרות פון אַ חרם.

פאַרשטייט זיך, אַז אויב דער קעניג האָט אין אַ דעקרעט אויפגעפאָ־דערט די ייִדן צו פאַרקויפן כשר פלייש צו אַ ייִד, וואָס איז געווען זיין הויף־דאָקטער, איז שחיטה ממילא געווען באַשיצט. כשר פלייש איז גע־וואָרן אָנגערופן „פלייש״, וואָס איז פרעפאַרירט לויט דעם ייִדישן מנהג״. דער דאָזיקער „מנהג״ איז געווען די שחיטה, וואָס האָט אַזוי אַרום באַ־קומען די קעניגלעכע סאַנקציע פון העכסטן גראַד.

### 3.

## די ייִדישע שבועה

אין „קאַלישער סטאַטוט״ פון יאָר 1264 געפינען מיר די ערשטע פּוי־לישע באַשטימונגען וועגן דער פאָרם פון אַ ייִדישער שבועה. די דאָזיקע באַשטימונגען, וועלכע זענען איבערגעזזרט געוואָרן דורך קאַזימיר דעם גרויסן און אַ ריי אַנדערע מלכים, זענען גענומען פונעם מוסטער־דעקרעט

פון פרידריך פון עסטרייך, פון יאָר 1244, אָבער זיי האָבן אין פּוילן גע־האַט אַן אַנדערע באַדייטונג ווי אין דייטשלאַנד.

וואָס זאָגט דער „קאַלישער סטאַטוט" וועגן דער יידישער שבועה?

לויטן זעלבן סטאַטוט דאַרף מען מאַכן אַ חילוק צווישן אַ שבועה וועגן גרויסע און וועגן קליינע אָנגעלעגנהייטן. אויב ס'האַנדלט זיך וועגן לפּחות פופציק זילבער־גילדן אָדער אויב דער ענין ווערט געמשפּט פון קעניג אַליין, דאַן איז עס אַ „גרויסע זאַך"; אויב דער ווערט פון דער תביעה איז אַ קלענערער און דער פּראָצעס פירט זיך פאַר וועלכן ס'איז אַנדערן ריכטער, דאַן איז דאָס אַ „קליינע זאַך". אַ שבועה וועגן אַ „גרוי־סער זאַך" דאַרף זיין ביי אַ ספר־תורה; דאַקעגן אַ שבועה וועגן אַ „קליינער זאַך" דאַרף געגעבן ווערן „פאַר דער שיל".

די דאָזיקע אומשולדיקע באַשטימונג איז געוואָרן אַזוי אויסגעלייגט, אַז ס'איז פון איר געוואָרן די שבועה „מאָרע יודאַיקאָ" (לויטן „יידישן נוסח"), וועלכע איז געווען סיי באַליידיקנדיק אויפן העכסטן אופן, סיי פּראַקטיש כמעט אוממעגלעך דורכצופירן. און געגומען האָט זיך דאָס פון אַ ביי־זווייליקן פשט פון איין לאַטייניש וואָרט, מיט וועלכן דער דעקרעט האָט זיך באַנוצט, כדי צו באַצייכענען אַ „ספר־תורה". דאָס וואָרט איז געווען: „ראָדאַלע". אַ ספר־תורה איז דאָך פון אַ פּאַרמעט־ראָל, וועלכע האַלט זיך אויף צוויי עץ־החיימס, דעריבער איז קלאָר, אַז דער מיין פון וואָרט „ראָדאַלע" איז אַ ראָל, אָבער דאָס איז געוואָרן גאַנץ אַנדערש פאַר־שטאַנען און מ'האָט געמוזט האָבן אַן אויטענטישע אינטערפּרעטאַציע פון אייניקע מלכים, כדי דאָס דאָזיקע וואָרט זאָל נישט ווערן שלעכט אויס־געטייטשט.

וואָס האָט געמיינט דאָס וואָרט „ראָדאַלע" לויט דער פאַלשער אינ־טערפּרעטאַציע?

מען האָט דאָס וואָרט דערקלערט אַלס „בענקל אויף דריי פיס". פּראַקטיש האָט עס אויסגעזען אַזוי: דער ייד האָט געדאַרפט שטיין מיט איין פוס אויף אַזאַ בענקל בשעת ער האָט אָפּגעזאָגט דעם נוסח פון דער שבועה, וואָס איז געווען גאָר לאַנג; ער האָט דערביי נישט געטאָרט זיך אַ ריר־געבן און אויך זיך נישט טועה־זיין מיט קיין איין וואָרט. דאָס איז

געווען כמעט אוממעגלעך דורכצופירן און דעריבער האָט דער ייִד געמוזט פאַרלירן דעם פּראָצעס.

צו דעם איז צוגעקומען נאָך אַ גאַנצע ריי פון באַליידיקנדע צוגאָבן. קודם־כל: דאָס בענקל מיט די דריי פיס האָט געדאַרפט זיין אויפגעשטעלט אויף דער פעל פון אַ חזיר. מיט דער צייט איז די גאַנצע שבועה „סופער ראָדאָלע״ (אויף אַ „ראָדאָלע״) געוואָרן פאַרטייטשט אַלס „שבועה אויף דער פעל פון אַ חזיר״.

דאָס דייטשע מיטלאַלטערלעכע רעכט האָט פאַרגעשריבן גאַנץ קלאָר אַזאַ באַליידיקנדיקע פאָרעם פון דער ייִדישער שבועה און דאָס איז אויך געווען די סיבה, פאַר וואָס מען האָט עס געפּרוווט איינפירן אין פוילן. דער דייטשער „שוואַבענשפּיגעל״ (פון 13טן יאָרהונדערט), אין אַרטיקל 263, זאָגט דאָס אויסדריקלעך. דאָס „שלעזישע לאַנדרעכט״ פון יאָר 1422 און דאָס „רויטע בוך פון לעווענבערג״ פאַרלאַנגען, אַז דער ייִד זאָל שטיין באָרוועס אויף אַ דריי־פיסיק בענקל בשעת דער שבועה. אַן אַנדער דייטשיש געזעצבוך פון 13טן יאָרהונדערט, דער „סטאַטוט פון דאָרטמונד״ זאָגט, אַז אויב אַ ייִד איז זיך טועה בשעת ער זאָגט דעם נוסח פון דער שבועה, דאַרף ער ווערן באַשטראָפט דורכן ריכטער. די אַלע דייטשישע מוסטערן האָבן, נאַטירלעך, באַאיינפלוסט די געריכטלעכע פּראַקטיק אין פוילן, ווייל דער נישט־ייִדישער צד ביי יעדן פּראָצעס האָט געהאַט דעם גרעסטן אינטערעס אין אוממעגלעך־מאַכן דעם ייִד צו שווערן און דער ריכטער האָט אָפט געוואָלט העלפן דעם קריסט צו געווינען.

די מלכים האָבן אָבער, מיט געוויסע אויסנאַמען, נישט געלאָזט איינפירן אין פוילן די דערנידעריקנדיקע פאָרעם פון דער ייִדישער שבועה און זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז „ראָדאָלע״ מיינט אַ „ספר־תורה״.

נאָך אין 14טן יאָרהונדערט געפינען מיר אַ דאָקומענט, אין וועלכן ס׳איז צוגעגעבן געוואָרן אַ פּירוש אויפן וואָרט „ראָדאָלע״. ווען דער גרויספירשט וויטאָלד פון ליטא האָט אין יאָר 1388 געגעבן די בריסקער ייִדן זייערע רעכט אויף אונטערגעשריבן אַ דעקרעט, וואָס איז נאָכגעשריבן דעם „קאַלישער סטאַטוט״, האָט ער ביים אַרטיקל וועגן דער ייִדישער שבועה צוגעגעבן נאָכן וואָרט „ראָדאָלע״ אַזאַ קורצע באַמערקונג: „דאָס הייסט די ביכער פון משהן״. וואָס מען האָט מיט דעם באַצוועקט איז פול־

שטענדיק קלאָר: פאַרזיכערן, אַז דאָס וואָרט „ראַדאַלע" וועט ווערן געהעריק פאַרשטאַנען.

ענלעך האָט געטאָן קעניג קאַזימיר דער פערטער, ווען ער האָט אין יאָר 1453 באַשטעטיקט די רעכט פון די גרויס־פּוילישע ייִדן. ביים וואָרט „ראַדאַלע" איז צוגעגעבן געוואָרן, אַז דאָס מיינט די „צען געבאָט לויט זייער אייגענעם ייִדישן מנהג". דער דאָזיקער דעקרעט האָט דעריבער אָנערקענט דעם ייִדישן דין ביי דער שבועה, ווייל נאָר דאָס קען מען האָבן געמיינט בעת עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז ס'זאָל זיין „לויטן ייִדישן מנהג"; פאַרשטייט זיך, אַז ס'האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן אַ באַליידיקנדיקע פאָרעם פון דער שבועה.

גאַנץ אַנדערש האָט אָבער באַשטימט קעניג אַלעקסאַנדער אין יאָר 1505. ער איז שוין נאָכגעגאַנגען דעם דייטשישן „מנהג". לויט זיין רעגולאַציע האָט אַ ייִדישע שבועה געדאַרפט פאָרקומען אויף פאָלגנדן אופן: דער ייִד האָט געדאַרפט זיך שטעלן אַנטקעגן דער זון און באָרוועס אַרויפגיין אויף אַ בענקל, אָנטאָן זיינע מלבושים און דאָס ייִדישע היטל אויפן קאָפּ. אין דער לאַגע האָט ער געדאַרפט נאָכזאָגן אַ לאַנגן טעקסט פון אַ שבועה, פול מיט אויסטערלישע קללות, וועלכע האָבן געזאָלט פאַלן אויף אים אויב ער זאָגט נישט דעם אמת. ביים פערטן טעות אין נאָכזאָגן די קאָמפּליצירטע פאָרמולע אין אַזאַ אומבאַקוועמער לאַגע האָט דער ייִד פאַרשפּילט די גאַנצע זאַך, וועגן וועלכער ער האָט געדאַרפט שווערן. מ'קען זיך אָנשטויסן, אַז געווינען אַ פּראָצעס קעגן אַ קריסט איז ביי דער דאָזיקער פּראָצעדור געווען פאַר אַ ייִד כמעט אוממעגלעך.

דריי שפּעטערדיקע מלכים: זיגמונט אויגוסט, סטעפאַן באַטאָרי און זיגמונט דער דריטער האָבן אין באַזונדערע דעקרעטן געקעמפט מיטן אויסטערלישן „מנהג", וואָס איז אונטערן דייטשן איינפלוס פּראַקטיצירט געוואָרן אין די פּוילישע געריכטן.

זיגמונט אויגוסט האָט צוויי מאָל וועגן דעם ענין אונטערגעחתמעט דעקרעטן: איין מאָל אין יאָר 1551 וועגן די ייִדן אין פּויזן און אַ צווייט מאָל, אין יאָר 1553, וועגן די ייִדן פון לעמבערג. ער שרייבט, אַז אַזוי ווי אין דער פּריווילעגיע פון פּירשט באָלעסלאַוו (ער מיינט, נאַטירלעך, דעם „קאַלישער סטאַטוט") איז געווען דערמאָנט דאָס וואָרט „ראַדאַלע" ביי אַ

יידישער שבועה אין גרעסערע אָנגעלעגנהייטן, האָט זיך געשאַפֿן אַ לאַגע, וואָס מאַכט אוממעגלעך די שבועה פון אַ ייד. ווייל קיין מענטש קען נישט שווערן שטייענדיק מיט איין פוס אויף אַ בענקל, וואָס האַלט זיך קוים. דעריבער קלערט ער אויף אין זיין קעניגלעכער גענאַד, אַז אַ ייד דאַרף שווערן ביי „די צען געבאָט פון משהס געזעץ״. דער קעניג זאָגט, אַז ער גיט אָט דעם פירוש אויפן וואָרט „ראַדאַלע״, ווייל ער איז געוווינט צו ווייזן חסד נישט בלויז די קריסטן, נאָר אויך די „אומגלויביקע״, און ס׳גייט נישט אין צווינגען וועמען ס׳איז צו אַ האַנדלונג, וועלכע איז איבער זיינע כוחות.

סטעפאַן באַטאָרי האָט קודם־כל אין אַ דעקרעט פון יאָר 1576 וועגן די יידן פון לוצק קורץ באַשטימט, אַז אַ יידישע שבועה וועגן „גרויסע זאַכן״ דאַרף ווערן אָפּגענומען „אין שיל ביי די צען געבאָט, וואָס גאָט האָט געגעבן צו משהן״.

אייניקע יאָר שפּעטער, אין יאָר 1580, האָט דער זעלבער קעניג זיך אַרויסגעזאָגט זייער קלאָר וועגן דעם ענין „ראַדאַלע״. ער האָט דעמאָלט רעגולירט די ענינים פון די פּויזנער יידן און צווישן אַנדערן געשריבן, אַז „געוויסע פאַרדרייטע מענטשן״, כדי נישט צו דערלאָזן די יידן צו אַ שבועה, דערקלערן דאָס וואָרט „ראַדאַלע״ אַלס „פעל פון אַ חזיר״ און פאַרלאַנגען, אַז די יידן זאָלן זיך מוזן שטעלן אויף אַזאַ פעל בעת דער שבועה. דער קעניג האַלט דאָס פאַר נישט יושרדיק און פאַר סתירהדיק צו די פּריווילעגיעס און געזעץ־ביכער פון דער מלוכה. ער דערקלערט, אַז „ראַדאַלע״ מיינט דאָס „ספר פון משהן״, אָדער די „עשרת הדברות״.

ווייזט אויס, אַז דאָס איז נאָך אַלץ נישט געווען גענוג. די יידישע שבועה מיט אַלע באַליידיקנדיקע פאָרמען און אוממעגלעך זיי אויסצופירן, איז נאָך אַלץ געוואָרן פּראַקטיצירט אין די געריכטן. סטעפאַן באַטאָרי האָט דעריבער דעם 31טן יולי 1585 אַרויסגעגעבן אַ נייעם דעקרעט וועגן דער יידישער שבועה. אין דאָזיקן דעקרעט שרייבט ער, אַז די קריסטן פאַרלאַנגען פון די יידן, אַז בעת זיי שווערן אין געריכט זאָלן זיי אויספירן געוויסע צערעמאָניעס און אויב די יידן קענען דאָס נישט טאָן, זאָלן זיי פאַרלירן דעם פּראָצעס. דער קעניג האַלט, אַז ס׳איז די העכסטע אומרעכט צו לאָזן אַ מענטש פאַרלירן אַ פּראָצעס צוליב אַ פעלער אין אַ צע־

רעמאָניע, וואָס האָט באמת קיין שום שייכות נישט צו דער שטרייט־זאַך גופא. דעריבער פאַרבאָט ער די געריכטן און די פּריוואַטע מענטשן צו באַ־שווערן די יידן דאָס אָפּגעבן פון אַ שבועה. דער לעצטער דעקרעט פון קעניג באַטאָרי דערמאָנט נישט קיין איינצלהייטן, אָבער ס'איז קלאָר, אַז ער באַציט זיך צו אַלע שיקאַנעס, וואָס זענען געווען פּראַקטיצירט ביי אַ יידישער שבועה: די חזיר־פעל, דאָס הינקענדיקע בענקל און דער פאַר־לאַנג נישט צו מאַכן אַ פעלער ביים נאָכזאָגן די אומגעהויער־לאַנגע פאָר־מולע פון דער שבועה. דער דעקרעט איז זייער שאַרף און קאַטעגאָריש.

דער נאָכפאָלגער פון סטעפאַן באַטאָרין, קעניג זיגמונט דער דריטער, האָט דעם 27טן מאַי 1592 אין אַ דעקרעט דערמאָנט, אַז מען פּראַקטי־צירט אַ דערנידערנדיקע פאָרעם פון אַ יידישער שבועה („אויף אַ בענקל אויף אַ חזיר־פעל"); נאָכן ציטירן דעם דערמאָנטן דעקרעט פון באַטאָרין פון יאָר 1580, באַשטעטיקט ער פולשטענדיק זיין אינהאַלט.

אָבער אויך דאָס איז נישט געווען גענוג. זיגמונט דער דריטער האָט אַ יאָר שפּעטער, דעם 31טן אויגוסט 1593, געמוזט זיך נאָכאַמאָל פאַר־נעמען מיטן טייטש פונעם וואָרט „ראָדאַלע". אין דאָזיקן דעקרעט זאָגט ער, אַז די יידן פון פוילן האָבן זיך ביי אים באַקלאָגט, אַז זיי ווערן שטאַרק באַלעסטיקט פון די קריסטן בשעת אַ ייד דאַרף שווערן אין אַ געריכט. דער קעניג האַלט, אַז דאָס איז אַ שלעכטער אַלטער מנהג צו שטערן די יידן דאָס אָפּגעבן פון אַ שבועה דורך אומנויטיקע און איבערפליסיקע צע־רעמאָניעס. זיין פאַרגענגער קעניג סטעפאַן האָט פאַרבאָטן אָט די שלעכ־טע פּראַקטיצירונג, אָבער די יידן ליידן נאָך אַלץ, ווייל מען האַלט נאָך אין איין פאַרלאַנגען פון זיי די אומלעגאַלע פאָרעם פון אַ שבועה. דער קעניג דערקלערט, אַז „ראָדאַלע" מיינט די „עשרת הדברות" און ער פאָ־דערט אויף אַלע אַמטן און ריכטער פון דער מלוכה צו באַשיצן די יידן קעגן דער נישט־לעגאַלער באַליידיקנדיקער שבועה־פאָרעם, אַזוי אַז די יידן זאָלן דאַרפן שווערן נאָר ביי דער תורה.

## 4.

## חרם

דער חרם איז געווען דאָס שטאַרקסטע וואָפן, וואָס דער ייִדישער ציבור האָט געהאַט קעגן אַ ווידערשפעניקן. דורכן חרם האָט דער כלל רעאַגירט אויף די פאַרשיידנסטע פאַרברעכנס פון יחיד, וועלכער איז געוואָרן אויסגעשלאָסן פון דער געמיינשאַפט און אַזוי אַרום פאַרלוירן אַלע מאָראַלישע און מאַטעריעלע באַגינסטיקונגען, וואָס דער קאָנטאַקט מיטן כלל ברענגט מיט זיך. דער חרם איז געווען אַ מין געזעלשאַפטלעכער טויט. אַ לעבעדיקער מענטש איז געוואָרן דערקלערט אַלס נישט־עקזיסטירנדיק. דער ציבור האָט זיך פון אים אָפּגעזונדערט און ער האָט געדאַרפט פירן אַן איזאָלירט לעבן, וואָס איז געווען ממש אוממעגלעך. קיין וואונדער, אז שוין דער תלמוד בבלי רופט אָן דעם דאָזיקן צושטאַנד אַלס „נאָמינעלן טויט״ (מועד קטן י״ז: „מאי שמתא — שם מיתה״).

ס׳איז באַזונדער אינטערעסאַנט צו זען, ווי די פוילישע מלכים אין זעכצנטן יאָרהונדערט האָבן זיך באַנוצט מיטן חרם, כדי איינצומאָנען פאַר זיך ביי ייִדן די מלוכה־שטייערן. צוליב דעם איז אויך געקומען צו זייער וואַגיקע קאָנסעקווענצן בנוגע דעם אויפבוי פון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע אין פוילן.

דעם 29סטן סעפּטעמבער 1514 האָט דער קעניג זיגמונט דער ערשטער געשריבן צו די ייִדן פון קליין און גרויס־פּוילן, אַז ער האָט באַפולמעכטיקט דעם ייִד אברהם פון בעמען צו קאַסירן ביי זיי אַלע אָפּצאָלן פאַר דער מלוכה. די ייִדן זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן אַלץ איינצוצאָלן אברהמען (וועלכער איז, אַגב, געווען דער פאָטער פון שפּעטערדיקן גרויסן רב ר׳ מרדכי יפה, דער מחבר פון די „לבושים״) „אונטער די שווערסטע שטראָפן״ און אויך „אונטער אַ חרם, וואָס אַ רב וועט וואַרפן, לויט אונדזער באַפעל, אויף אייך און וועמען ס׳איז פון אייערע״ (נאָענטע אָדער קרובים).

וואָס האָט דער קעניג מיט דעם געמיינט? קיין ספק, אַז ער האָט געוואָלט, אַז אויב אַ ייִד וועט נישט באַצאָלן דעם מלוכה־שטייער, דאַן זאָל

ער ווערן אַריינגעלייגט אין חרם. ס׳איז דערמאָנט געוואָרן, אַז ס׳וועט קו־מען אַ באַפעל צו די רבנים אַזוי צו האַנדלען.

במשך פון אַ חודש צייט איז דער באַפעל געקומען. דעם 24סטן אָק־טאָבער 1514 האָט דער קעניג זיגמונט דער ערשטער אונטערגעשריבן אַ דעקרעט, וואָס איז געווען אַדרעסירט „צו אַלע רבנים צוזאַמען און יעדן רב באַזונדער, וועלכע עקזיסטירן אין קעניגרייך אין דער ייִדישער געמיינ־שאַפט". אין דאָזיקן דעקרעט האָט ער געזאָגט: „אונטער שווערסטע שטראָפן באַפעלן מיר אייך, אַז איר זאָלט צווינגען אַלע, וואָס פאָלגן נישט און האַלטן זיך אָפּ פון צאָלן די שטייערן, דורך אַריינלייגן זיי אין חרם, אַז זיי זאָלן דאָס וואָס גיכער טאָן".

איין טאָג שפּעטער, דעם 25סטן אָקטאָבער 1514, האָט דער זעלבער קעניג געשריבן צו די קראָקאָווער ייִדן באַזונדער און זיי אויפגעפאָדערט צו באַצאָלן די שטייערן; ער האָט דערביי דערמאָנט, אַז ער באַפעלט גלייכצייטיק די רבנים (וועלכע ער רופט אָן „די דאָקטאָרן פון ייִדישן רעכט") „צו באַשטראָפן אייך און צו צווינגען אייך מיט די שטראָפן לויטן ייִדישן רעכט, אַז איר זאָלט באַצאָלן".

וואָס איז געווען דער פּועל־יוצא דערפון?

אַלס רעזולטאַט פון באַנוצן זיך מיטן חרם צום אויפמאָנען די קע־ניגלעכע שטייערן — האָט דער מלך געמוזט זיך באַמיִען, אַז דער חרם זאָל האָבן אַ וואָס גרעסערן כוח. אויב דער חרם זאָל נישט געווען זיין רעספּעקטירט דורך די ייִדן, וואָלט דאָך דער קעניג גאָרנישט אויפגעטאָן! מיטן מאָמענט וואָס דער חרם איז געוואָרן אַ עקזעקוציע־מיטל פאַר די שטייערן, איז דערביבער צוגעקומען אַ נייער און מעכטיקער פאַרטיידיקער פאַר דער אינסטיטוציע פון חרם — דער מלך פון פּוילן.

אין אייניקע דעקרעטן פון זיגמונט דעם ערשטן און זיגמונט אויגוסט לאָזט זיך בולט דערקענען די דאָזיקע טענדענץ. בשעת עס זענען באַ־שטימט געוואָרן דורכן קעניג די רבנים און אָנפירער פון די קהילות, האָט מען באַלד געטראַכט וועגן דעם, אַז די חרמים, וואָס זיי וועלן וואַרפן זאָלן האָבן ד׳עם גרעסטן כוח.

די ערשטע העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט איז דער פּעריאָד, ווען רבנים און קהילה־אָנפירער אין פּוילן ווערן נישט געוויילט דורך די ייִדן

אַליין, נאָר באַשטימט דורכן קעניג. ערשט אין יאָר 1551 האָבן ייִדן באַ־קומען דאָס רעכט צו וויילן זייערע פירער. ביז צו דעם צייט־אָפּשניט איז דער קעניג זייער פאַראינטערעסירט אין פאַרשטאַרקן די אויטאָריטעט פון חרם און ער גייט גאַנץ ווייט אין דער ריכטונג. דער חרם באַקומט אַ גרעסערן שוץ ווי אַן ענלעכע אינסטיטוציע ביי די קריסטן — די קירכ־לעכע „עקסקאָמוניקאַציע״.

דערביי זענען געווען צוויי אופנים פון געבן שוץ דעם חרם (אָדער, ווי דאָס רופט זיך, געבן אַ „סעקולאַרע״, דאָס הייסט, געזעצלעכע „האַנט״): אַ שוואַכערער און אַ באַזונדערס שטאַרקער.

אַלס ביישפּיל פאַרן שוואַכערן אופן פון באַשיצן דעם חרם קען מען נעמען דעם דעקרעט פון 12טן דעצעמבער 1541, מיטן וועלכן דער קעניג זיגמונט דער ערשטער האָט באַשטימט ד״ר משה פישל פון קראָקע און ר׳ שלום־שכנא פון לובלין אַלס ייִדישע אָנפירער. אין דעקרעט ווערט גע־זאָגט, אַז די צוויי מנהיגים האָבן צווישן אַנדערע פּריווילעגיעס אויך דאָס רעכט „צו באַשטראָפן די ייִדן און צו לייגן זיי אין חרם פאַר זייערע פאַר־ברעכנס״. קיינער טאָר זיי דערביי נישט שטערן. וואָס וועט אָבער זיין, אויב זיי לייגן עמיצן אין חרם און יענער מאַכט זיך נישט וויסנדיק, דאָס הייסט, ער פאָלגט ווייטער נישט?

אויף דעם זאָגט דער דעקרעט אַזוי:

„אין פאַל, ווען די צוויי דורך אונדז באַשטימטע הויפּט־אָנפירער (אָדער: גענעראַל־דאָקטאָרן), אָדער אַפילו נאָר איינער פון זיי, זאָלן גע־זעצלעך ווערן ס׳איז לייגן אין חרם אַריין, און יענער ייִד זאָל פאַרטראָגן מיט עקשנות דעם חרם און זיך נישט באַמיִען פון אים פּטור צו ווערן — דאַן דאַרף מען איבערגעבן די זאַך דעם וואָיעוואָדע אָדער דעם סטאַראָסטע פון אָרט, לויטן מנהג, און דער מענטש, וואָס מען וועט אים דאָס באַווייזן, (ד״ה אַז ער איז אין חרם און וויל זיך ווייטער נישט אונטערגעבן), דאַרף געהעריק באַשטראָפט ווערן. פון דער שטראָף קומט אַ העלפט אונדז (ד״ה דעם קעניג) און אונדזער אוצר, די אַנדערע העלפט דעם וואָיעוואָדע אַליין אָדער דעם סטאַראָסטע פון אָרט״. (ד״ה די קעניגלעכע באַאַמטע באַקומען אַ טייל פון דער געלט־שטראָף, וואָס דער ייִד דאַרף צאָלן פאַרן נישט־אויספאָלגן דעם חרם).

דער שוץ איז דאָ אַ גאַנץ אַלגעמיינער, הגם ער איז אויסדריקלעך. ס'ווערט נישט געזאָגט ווי לאַנג דער ייִד דאַרף בלייבן אין חרם, ביז דער קעניגלעכער באַאַמטער קען אָנהייבן זיין שטראָף־פּראָצעדור. דאַקעגן ווערט געזאָגט, אַז דער ייִד דאַרף אַרויסווייזן זיין „עקשנות" (אָדער „חוצפּה"), וואָס ווייזט, אַז מען קען נישט סתם אָנהייבן דעם פּראָצעס ביים קעניג־לעכן באַאַמטן (דעם „וואָיעוואָדע" אָדער דעם „סטאַראָסטע"), נאָר ס'מוז דויערן אַ געוויסע, נישט נענטער אָנגעגעבענע צייט. ממילא איז אַלץ אָפּ־הענגיק פון איינזען פון דעם באַאַמטן: ערשטנס, צי דער ייִד, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרב איז שוין גענוג לאַנג אין חרם, אַז מען זאָל בכלל קענען אָנהייבן אים ווייטער פאַרפאָלגן, און צווייטנס, צי ער ווייזט אַרויס דערביי „עקשנות" אָדער „חוצפּה". אויב דער ייִד איז גע־וואָרן אָנערקענט אַלס שולדיק, דאַן קען מען אים באַשטראָפן, אָבער ווי־דער איז עס נישט גענוי פּרעציזירט, ווי הויך די שטראָף דאַרף זיין. ס'איז נאָר קלאָר, אַז די שטראָף איז אַ געלט־שטראָף און ס'טיילן זיך מיט איר איין דער קעניג און דער באַאַמטער, וואָס גיט אַרויס דעם פּסק.

גאַנץ אַ־דערש זעט עס אויס ביים צווייטן, שטאַרקערן אופן פון באַ־שיצן דעם חרם, וועלכן מיר געפינען אין אַ ריי דעקרעטן פון דער זעלבער תקופה; למשל, אין דעקרעט פון 6טן אויגוסט 1527 (מיט וועלכן שמואל מרגליות איז באַשטימט געוואָרן אַלס אָנפירער פון די פּויזנער ייִדן) אדער אין דעקרעט פון 13טן אויגוסט 1551 (וואָס איז זייער וויכטיק, ווייל אין אים האָט דער מלך זיגמונט אויגוסט מסכים געווען, אַז ייִדן זאָלן זיך אַליין וויילן רבנים און אָנפירער). וואָס איז דאָרט געזאָגט געוואָרן וועגן חרם?

די רבנים האָבן לויטן לעצטן דעקרעט דאָס פולע רעכט „צו משפּטן... און צו באַשטראָפן מיט אַ חרם לויטן נוסח און מנהג פון משהס געזעץ". ס'ווערט דערביי צוגעגעבן: „אויב וועלכער ייִד וועט וואַגן אויסצוהאַלטן די שטראָפן און חרמים, וואָס וועלן געוואָרפן ווערן דורכן רב אָדער אַנ־דערע ייִדישע מנהיגים, און במשך אַ חודש צייט וועט ער זיך נישט באַ־מיִען צו באַפרייען פון דעם, דאַן דאַרף ער, נאָך דעם ווי מען וועט אים אונדז אָנווייזן, באַשטראָפט ווערן מיט טויט־שטראָף און זיין גאַנץ פאַר־מעגן דאַרף ווערן קאָנפיסקירט פאַר אונדזער אוצר".

דער חילוק איז אַ געוואַלדיקער.

קודם־כל הייבט זיך אָן די טעטיקייט פון קעניגלעכן פאַרטרעטער שוין נאָכן ערשטן חודש זינט דער חרם איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט. דער באַטרעפנדער ייִד דאַרף גאָרנישט ווערן „אָנערקענט פאַר שולדיק״, נאָר פּשוט „אַנגעוויזן״. דאָס איז אייגנטלעך זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווייל אויב ס׳איז פאַרבייגעגאַנגען אַ חודש צייט און דער חרם איז נאָך אַלץ אין קראַפט, דאַן איז די שולד שוין אויטאָמאַטיש באַוויזן. דער פאַקט, אַז ס׳איז פאַרביי אַ חודש, איז גענוג כדי צו באַווייזן די שולד.

דאַן ווערט דאָ נישט באַנוצט דאָס וואָרט „עקשנות״ אָדער „חוצפּה״ (נאָר אַן אַנדער גרינגער וואָרט אויף לאַטייניש), וואָס איז ווידער גאַנץ פאַרשטענדלעך. ווייל לויטן פריִערדיקן שוואַכערן נוסח איז געווען נייטיק, אַז דער חרם זאָל אָנהאַלטן צוליב דער „עקשנות״ אָדער „חוצפּה״ פון באַטרעפנדיקן ייִד. אין שטאַרקערן נוסח פאַלט דאָס אַוועק, ווייל ס׳איז פאַראַן אַ זמן (דרייסיק טעג). נאָכן זמן איז דאָס עקשנות אָדער די חוצפּה אַן אויטאָמאַטישע פאַרזעצונג.

איצט דער עיקר: דער טויט־שטראָף און די קאָנפיסקאַציע פון גאַנצן פאַרמעגן פון ייִד, וואָס באַמיט זיך נישט צו באַפרייען פון חרם במשך דרייסיק טעג. דאָס איז נאַטירלעך אַ געוואַלדיקער פאַרשריט אויפן וועג צו דער אויטאָנאָמיע פון די ייִדן. אויב אַ פּסק־דין פון אַ ראַבינאַט (וואָס דאָס איז זעלבע ווי אַ חרם!) ווערט באַשיצט אַזש מיט דער דראָונג פון טויט־שטראָף און קאָנפיסקאַציע פון גאַנצן פאַרמעגן פונעם שולדיקן, דאַן איז דאָ אַן אומגעהויער שטאַרקער יסוד פאַר דער ייִדישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. קיין וווּנדער, אַז נישט קיין סך שפּעטער האָט שוין אָנגע־הויבן צו פונקציאָנירן דער „ועד ארבע ארצות״.

אינטערעסאַנט איז, אַז דער קעניג באַמערקט אין דעקרעט, ביי דער געלעגנהייט פון באַשטימען דעם שוץ פאַרן חרם, אַז די ייִדן האָבן זיך ביי אים פאַררופן אויף אַ צושטאַנד, וועלכער איז אָנגעגאַנגען פון פריִער. קומט אויס, אַז דער דעקרעט האָט אייגנטלעך גאָרנישט מחדש־געווען. אַזאַ שוץ איז געווען פראַקטיצירט אויך פריִער.

בנוגע דעם שוץ, וואָס די פוילישע מלכים האָבן געגעבן דער קירכ־לעכער „עקסקאָמוניקאַציע״ האָבן מיר גאַנץ קלאָרע באַשטימונגען פון

15טן יאָרהונדערט. לויט די דאָזיקע באַשטימונגען, אויב ס'איז ווער פאַר־בליבן אַ גאַנץ יאָר אין דער קירכלעכער „עקסקאָמוניקאַציע" (וואָס איז דער עקוויוואַלענט פון „חרם" ביי יידן), דאַרף מען אים באַשטראָפן מיט אַ געלט־שטראָף.

פאַרוואָס די קאַטוילישע מלכים פון פוילן האָבן זיך נישט געקימערט וועגן העלפן די גלחים בשעת זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק אָנגענומען פאַר די רבנים — איז, דוכט זיך, נישט שווער צו פאַרשטיין. מען דאַרף נאָר האָבן פאַר די אויגן די דריי ציטירטע דעקרעטן פון יאָר 1514, אין וועל־כע מען האָט אָנגעזאָגט די יידן, אַז זיי זאָלן באַצאָלן די שטייערן. ביים פאַרשטאַרקן דעם כוח פון חרם האָט מען גאָרנישט געמיינט די רבנים אָדער די יידן. מען האָט געמיינט זיך, די אייגענע קעשענע.

# ר׳ מרדכי יפה און זיין מצבה אין פויזן

ר׳ מרדכי יפה, דער גרויסער פוסק פון 16טן יאָרהונדערט, איז געבוירן געוואָרן אַרום יאָר ר״ץ (1530) אַלס זון פון אַ בעמישן ייִד, ר׳ אברהם מביהם (אָדער ווי ער רופט זיך אין די פוילישע דאָקומענטן: אַברהם באָהעמוס), וועלכער האָט פאַרנומען אַ פירנדע פּאָזיציע אין דעמאָלטיקן ייִדישן לעבן אין פוילן.

זיין יוגנט איז געווען פאַרטיילט צווישן פוילן און בעמען, פונקט ווי די געשעפטן פון זיין פאָטער. ער האָט געלערנט ביי די גרויסע גאונים פון יענער תקופה, דעם רש״ל און רמ״א און איז אַוועק, נאָכן אָנזאַפן זיך מיט זייער תורה, אין דער אַלטער היים פון זיין פאָטער.

צוזאַמען מיט זיינע בעמישע ברידער איז ער אַוועק אין גלות, ווען קייזער פערדינאַנד האָט אין יאָר 1561 (שכ״א) פאַרטריבן די ייִדן פון יענעם לאַנד. ער איז אָנגעקומען אין איטאַליע. מער ווי צען יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין ווענעציע, דאָרט געלערנט תורה, שטודירט אַסטראָנאָמיע און אַנדערע וויסנשאַפטן. אָבער זיין האַרץ האָט אים געצויגן קיין פוילן.

דאָרט, אין פוילן, האָט ער אין זיין יוגנט נישט נאָר געשעפּט פון תורה־קוואַל פון די דערמאָנטע גייסטיקע ריזן, ר׳ שלמה לוריא (דעם רש״ל) און ר׳ משה איסלרש (דעם רמ״א), נאָר ער האָט אויך געלערנט קבלה ביי ר׳ מתתיהו דלאַקרוט, דעם מחבר פון „צל העולם״. קיין וווּנדער נישט, וואָס ער האָט זיך געפילט פאַרבונדן מיטן לאַנד, ווו ער האָט באַקומען אַזוי פיל גייסטיקע שפּייז.

ר׳ מרדכי יפה איז פון איטאַליע אַוועק קיין פוילן. אין יאָר 1572 געפינען מיר אים שוין אַלס גראָדנער רב. צוליב אַ שטאָטישן קאָנפליקט מוז ער פאַרלאָזן גראָדנע און קומט קיין לובלין, ווו ער ווערט נישט נאָר רב, נאָר אויך דער אמתדיקער מנהיג פון פוילישן ייִדנטום, דער „ראש

ועיקר מגדולי ראשי ודייני דשלש אַרצות", ווי עס רופט אים ר' דוד גאַנז אין זיין „צמח דוד".

אָבער ער פאַרבלייבט אויך נישט אין לובלין. ער ווערט רב אין קרע־מעניץ. און אין יאָר 1592 פאַרלאָזט ער אין גאַנצן פּוילן, ווייל מען רופט אים אין זיין אַלטער היים, קיין פּראָג.

זיבן יאָר האָט ער אָנגעפירט מיטן פּראָגער רבנות, ביז ער האָט אין יאָר 1599 ווידער גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט. ער איז דע־מאָלט אָנגעקומען אַלס רב אין פּויזן און דאָרט איז ער געשטאָרבן אין יאָר שע"ב (1612) אַן איבער אַכציק־יאָריקער זקן.

כמעט זעכציק יאָר האָט ער געשריבן זיינע ספרים, וואָס זענען גע־וואָרן וועלט־באַרימט, הגם ער האָט ביים שרייבן נישט געהאַט מער מזל ווי ביים רבנות. ער איז געלאָפן פון איין פּראָיעקט צום צווייטן, ווי פון איין שטאָט אין דער צווייטער. ער האָט לכתחילה געוואָלט מחבר זיין אַ ספר פון דינים, איז ביז ער האָט עס אָנגעשריבן אַרויס דער „שולחן ערוך" פון ר' יוסף קאַרו. ווי גיך ער האָט דערזען דעם „שולחן ערוך", האָט ער באַשלאָסן אים צו דערגאַנצן, כדי ער זאָל אַנטשפּרעכן די פּסקים פון די דייטש־פּראַנצויזישע גדולים. אָבער דאָ איז פריער פאַר אים געקומען דער רמ"א און געמאַכט די מלאכה.

וואָס איז פאַר אים געבליבן? ער האָט גענומען שרייבן אַ פּירוש אויף רש"י און האָט זיך מיט דעם אָפּגעגעבן גאַנצע 45 יאָר. דאַן איז פון דעם געוואָרן דער „לבוש האורה". ער האָט אָנגעשריבן אַ פּירוש אויפן רמב"מס „מורה נבוכים", וואָס רופט זיך „לבוש פנת יקרת". ער האָט מחבר געווען אַ פּירוש אויפן רמב"מס „הלכות קידוש החודש" און דעם ספר אַ נאָמען געגעבן: „לבוש אדר היקר". ער האָט געאַרבעט איבער קבלה און די פּרוכט איז געווען אַ פּירוש אויפן קבלה־ספר פון ר' מנחם ריקאַנטי אונטערן נאָ־מען „לבוש אור יקרות".

זיין ריכטיקע גרויסקייט איז געווען אין הלכה. ער האָט זיך נישט באַפרידיקט, ווען ער האָט דערזען דעם „שולחן ערוך" פון ר' יוסף קאַרו מיט דער „מפה" פון זיין רבין, דעם רמ"א. ס'איז אים אויסגעקומען, אַז די דינים זענען צו קורץ אויפגעשריבן און אַז זיי דאַרפן זיין מער מבורר. אמת, ר' יוסף קאַרו האָט אויך איבערגעלאָזט אַן אויספירלעכן ספר: דאָס

איז דער געוואַלדיקער „בית יוסף אויף די פיר „טורים״. אָבער אָט דער ספר האָט אים אויסגעוויזן צו זיין ווידער צו אויספירלעך. דעריבער האָט ר׳ מרדכי יפה דורך 30 יאָר געאַרבעט איבער אַ ספר, וואָס זאָל זיין אַ מיטלוועג, נישט צו קורץ און נישט צו לאַנג. אַזוי איז אַנטשטאַנען אַ פינף־בענדיקער חיבור, וואָס איז אָנערקענט אין דער לומדישער וועלט שוין דורך יאָרהונדערטער אַלס איינער פון די בעסטע און אויטאָריטאַ־טיווסטע: „לבוש תכלת״ און „לבוש החור״ אויף „אורח חיים״, „לבוש עטרת זהב״ אויף „יורה דעה״, „לבוש בוץ וארגמן״ אויף „אבן העזר״ און „לבוש איר שושן״ אויף „חושן המשפט״.

אַלע זיינע ספרים האָבן זיך גערופן „לבוש״ מיט אַ צוגאָב, ווייל זיין נאָמען איז דאָך געווען מרדכי און פון מרדכין ווערט געזאָגט אין מגילת אסתר: „ומרדכי יצא מלפני המלך בלבוש מלכות תכלת וחור ועטרת זהב גדולה ותכריך בוץ וארגמן״ (ח׳ ט״ו). די לעצטע פינף „לבושים״ אויף הלכה, ד״ה אויף די „טורים״, האָבן דעריבער אויך געהאַט אַ קאָלעקטיוון נאָמען: „לבוש מלכות״.

אַ גורל, ווייט נישט ווי קיין מלך און נישט ווי קיין פירשט, איז גע־ווען באַשטימט פאַרן מחבר פון די „קעניגלעכע״ ספרים. זיין לעבן און, מער נאָך, דאָס וואָס איז מיט אים געשען ביים שטאַרבן און אויך נאָכן טויט, איז געווען אַ קייט פון טראַגישע אומשטענדן.

צוויי טעג פאַר זיין טויט שרייבט ער, אַלס פויזנער רב, אַ בריוו צום „ועד שלש ארצות״, די צענטראַלע יידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג־אינסטי־טוציע (שלש אַרצות, די דריי לענדער, זענען דעמאָלט געווען: גרויס־פוילן, קליין־פוילן און רייסן מיט פאָדאָליע), אין וועמענס שפּיץ ער איז דורך אַ לאַנגע צייט אַליין געשטאַנען און וועלכע ער האָט אַפילו, לויט ערנסטע היסטאָריקער (גרעץ), אַליין געזאָלט גרינדן. אין דאָזיקן בריוו האָט ער זיך געבעטן רחמים ביי די גרויסע גאונים, „וואָס לייכטן פאַר דער ערד און אירע באַוווינער, וואָס שטייען אויף דער וואַך פון ישראלס הער־לעכקייט, וואָס זענען די יסודות פון דער וועלט״, אַז זיי זאָלן באַשטע־טיקן זיין פסק. מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט דער זקן אונטערגעשריבן דעם בריוו און אַ באַגלויבטער עדות האָט באַשטעטיקט די עכטקייט פון דער חתימה. אָבער ווען ער איז צוויי טעג שפּעטער געשטאָרבן, איז די

ווענדונג געבליבן נישט באַטראַכט. דער „ועד" האָט דעם פּסק  נ י ש ט באַשטעטיקט.

נאָך ר' מרדכי יפהס טויט איז ער געקומען צו קבורה אויפן בית־החיים און אַ מצבה איז געוואָרן אויפגעשטעלט אויף זיין קבר.

די ערד, וואָס זיין פאָטער, אַברהם באַהעמוס, איז אויף איר געווען אַזאַ מאַכטהאָבער (ער איז אין יאָר 1514 באַשטימט געוואָרן פון מלך זיג־מונט דעם ערשטן אַלס הויפּט־רב און גלייכצייטיק אַלס שטייער־איינמאָ־נער פון אַלע פּוילישע ייִדן) — האָט אים צום סוף אָפּגעזאָגט די לעצטע הכנסת אורחים. מען האָט ביי ר' מרדכי יפהן אַוועקגענומען מיט געוואַלד זיינע לעצטע ד' אמות.

עס איז געקומען אַ צייט, ווען די מאַכטהאָבערס פון דער שטאָט פּויזן האָבן דערקלערט מלחמה די טויטע אויפן ייִדישן בית־עולם. די דאָ־זיקע מאַכטהאָבערס האָט זיך פאַרגלוסט צו מאַכן פון ייִדישן בית־עולם וואָס איז, אמת, געווען אין צענטער פון דער שטאָט, אַ שיינעם פּלאַץ. ס'איז, נאַטירלעך, געווען אַ שווערער קאַמף מיט דער ייִדישער קהילה, אָבער די גוים האָבן געזיגט. מען האָט פאַרטריבן דאָס געביין פון די נפטרים. זיי זענען מגולגל געוואָרן אויף אַ נייעם בית־עולם.

אַהין זענען אָנגעקומען ר' יוסף הצדיק, דער איידעם פון „נודע ביהו־דה" און זיין ברודער ר' שמואל פאַלקענפעלד, דער מחבר פון „בית שמו־אל אַחרון". זיי האָבן זיך נישט געדאַרפט אָפּזונדערן פון זייערע מצבות. די פּויזנער קהילה האָט אין זיי געדענקט און ווען זייער געביין איז אַרי־בערגעפירט געוואָרן אויפן נייעם בית־עולם, האָט מען די אַלטע שטיינער אויפגעשטעלט אויף די פרישע קברים. אָבער ר' מרדכי יפה האָט צו דעם נישט זוכה געווען.

זיין קבר איז פאַרשוווּנדן.

נאָר די מצבה איז פאַרבליבן און דווקא אויף איר אַלטן פּלאַץ. ווען כ'בין אין יאָר 1933 געווען אין פּויזן און געזוכט די רעשטלעך פון אַלטע היסטאָרישע דאָקומענטן וועגן פּויזנער ייִדנטום, בין איך איינמאָל אַוועק אין גרויסן מוזיי אויפן „פּלאַץ וואָלנאָשטשי", וואָס שטייט דאָרט, ווו עס איז אַמאָל געווען דער אַלטער ייִדישער בית־החיים. דער אויפזעער פון דער געביידע האָט מיר פאָרגעשלאָגן, כ'זאָל מיט אים אַראָפּגיין אין קע־

לער, וועם ער מיר ווייזן עפּעס גאָר אינטערעסאַנטס. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב תיכף מסכים־געווען.

ווען מיר זענען שוין געווען אין קעלער, האָט מיך דער אויפזעער געפירט ווייטער אין אַ קליינעם הויף. ס׳איז געווען ווינטער און אַ ווייסער שניי האָט אַלץ באַדעקט.

כ׳האָב גלייך דערקענט, פונדעסטוועגן, אַז אויף דעם הויף שטייען מצבות. כ׳האָב אָפּגעציילט דרייצן. אַלע זענען געווען אָנגעלענט אין אַ וואַנט, איינע לעבן דער אַנדערער. לאַנגזאַם האָב איך דאַן גענומען אָפּווישן דעם שניי, כדי צו זען די אויפשריפטן. דער שניי איז געבליבן שטעקן אין די איינגראַווירטע אותיות, אַזוי אַז ס׳איז נישט געווען שווער צו לייענען. די שטיינער זענען געווען גרוי־גרין, באַדעקט מיט מאָך און די אויפשריפטן, אויסגעפּילט מיט שניי, זענען געווען גאַנץ ווייס. כ׳האָב גענומען אָפּשרייבן.

פּלוצים האָט מיר אָנגעהויבן צו שווינדלען פאַר די אויגן. איך לייען אָט וואָס:

„ציון זה לראש הגאון אב״ד מו״ה מרדכי יפה ז״ל ג׳ ואדר שע״ב״!

איך לייען איין מאָל און נאָך אַמאָל און פרעג זיך אַליין:

זאָל באמת דאָ, אויף דעם אָרט, ליגן ר׳ מרדכי יפה? ליגן דאָ די שטערבלעכע רעשטלעך פון גרויסן רב, וועמענס אָנדענק געדויערט יאָרהונדערטער? זאָל עס מעגלעך זיין, אַז אויף דעם פּלאַץ זענען נאָך פאַראַן די עצמות פון יידישן פירער, וועלכער האָט זיך מיט זיינע ספרים אויסגעקעמפט אומשטערבלעכקייט, אָבער וועמענס גוף איז פאַרבליבן אָן די איינגאַכע ד׳ אמות פון אַ קרקע אויפן בית־החיים? זאָל עס מעגלעך זיין, אַז אין מוזיי, וואָס שטייט אין מיטן פון אַלטן יידישן בית־עולם, געפינט זיך נישט נאָר אַ מצבה נאָר אויך דער קבר פון ר׳ מרדכי יפה, דער וואַנדערער איבער פיר מדינות, וועלכער האָט נאָך אַלע טלטולים נישט געהאַט ווייזט אויס, קיין אַנדער אָרט אויף אָנצולייגן זיין מידן קאָפּ, ווי אינעם קעלער פון אַ מוזיי־בנין?

כ׳גלויב דאָס נישט. דער קבר איז מער נישט געווען אין קעלער אָדער

אין הויף פון מוזיי אויפן „פּלאַץ וואָלנאָשטשי". די עצמות זענען אַוועק־געפירט געוואָרן, נאָר די מצבה איז געבליבן אָן אַ תיקון.

ס'איז פאַר מיר דעמאָלט געווען אַ קשיא, פאַרוואָס די אַלט־נייע פּויזנער קהילה, וואָס האָט זיך פריש באַלעבט מיט פּוילישע יִדן, זאָרגט נישט אַרויסצובאַקומען די דרייצן מצבות, כדי זיי אַוועקצושטעלן אויפן נייעם בית־החיים, ווו עס ליגט ר' עקיבא אייגער און אַנדערע גדולים. סוף־סוף איז נאָך אַזויפיל געקומען ר' מרדכי יפהן, אַז מען זאָל מער נישט לאָזן זיין מצבה זאָל פאַרשוועכט ווערן.

אָבער, ווייזט אויס, אַז די מצבה איז געווען נישט נאָר אַ זכר פון דער אַמאָליקער הערלעכקייט, נאָר אויך אַ סימבאָל פון קומענדיקן אונטערגאַנג. ווייל נישט לאַנג האָט געדויערט און אַ האָרדע פון מערב אין באַפאַלן די אַלטע פּוילישע שטאָט. דער „פּלאַץ וואָלנאָשטשי" (פרייהייט־פּלאַץ) האָט געביטן זיין נאָמען. ער האָט שוין געהייסן אַנדערש: „אַדאָלף היטלער־פּלאַץ". די דרייצן מצבות האָט מען אַרויסגעוואָרפן אין גאַס.

די האָרדע פון מערב איז נישט לאַנג געווען דער בעל־הבית פון פּויזן. זי איז אַוועק מיטן רוח. דער שיינער פּלאַץ האָט צוריק באַקומען זיין אַלטן נאָמען. אָבער די אַלטע מצבות האָט שוין נישט געהאַט ווער אויסצולייזן! די לעצטע רעשטלעך פון לעבעדיקע יִדן זענען שוין אַזוי ווייט פון דער אַלטער רעזידענץ פון ר' מרדכי יפה...

# ר׳ דוד גאַנז און זיינע ספרים

**1.**

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע יידישע געלערנטע פון זעכצנטן יאָרהונדערט איז געווען ר׳ דוד גאַנז, אַן אַסטראָנאָם און היסטאָריקער, וועמענס ספרים האָבן דערגרייכט אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט.

ר׳ דוד גאַנז האָט געשטאַמט פון דייטשלאַנד, געלערנט אין פּוילן און געווירקט אין בעמען. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1541 אין ליפּ־שטאַדט. נאָכדעם ווי ער האָט געלערנט אין דייטשלאַנד אין אייניקע ישי־בות, איז ער אָנגעקומען אין קראָקע, ווו ר׳ משה איסרלש, דער גרויסער רמ״א, האָט אָנגעפירט מיט אַ ישיבה. ר׳ דוד גאַנז קומט אונטער דעם איינפלוס פון גוואַלדיקן פּוסק, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ נייגונג צו געשיכטע (דער רמ״א האָט געשריבן באַמערקונגען צום ספר „יוחסין״). ענדלעך קומט ער קיין פּראָג, ווו ר׳ ליווא בר בצלאל, דער באַרימטער מהר״ל מפּראָג, האָט געגרינדעט אַן אייגענע ישיבה; דאָרט ווערט אַנטוויקל־טיק אויסגעפורעמט דער גייסטיקער פּרצוף פון יונגן פאָרשער. ער זאַפּט אין זיך איין נישט נאָר ידיעות פון תורה; ער באַהערשט אויך שפּראַכן, מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע. ר׳ דוד פאַרמעסט זיך צו זיין איינער פון די גרויסע געלערנטע פון זיין צייט. ער טרעפט זיך, אָדער שרייבט זיך איבער מיט אַזעלכע גייסטיקע ריזן ווי טיכאָ דע בראַהע אָדער יאָהאַן קעפּ־לער. ווען ער שטאַרבט, אין יאָר שע״ג (1613), איז ער שוין ווייט און ברייט באַקאַנט אַלס מחבר פון אייניקע וויכטיקע ספרים, בעיקר פון היס־טאָרישן האַנטבוך „צמח דוד״, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין פאָלק און זיך מיט דער צייט גאָר שטאַרק קונה־שם געווען. זיין אינטערעסאַנטסטער חיבור אין מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, וואָס רופט זיך „נחמד ונעים״ און וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן ווינציקער ווי אַ חודש פאַרן מחברס

טויט, איז געלעגן אין כתב־יד גאַנצע הונדערט און פערציק יאָר. ס׳איז געדרוקט געוואָרן ערשט אין יאָר תק״ג. אַ רב פון אויסטערליץ, ר׳ יואל בן יקותיאל, האָט דעם כתב־יד באַקומען אין דער האַנט און זיך געמאַכט אַ קאָפּיע. אַ האַלבערשטאַטער ייִדישער נגיד האָט באַצאָלט פאַרן דרוק און דאָס ספר „נחמד ונעים" איז אַרויס פון דער פרעס אין דער שטאָט יעס־ניץ, אין יאָר תק״ג (1743).

אָט די צוויי חיבורים, דעם „צמח דוד" און דעם „נחמד ונעים", איז כדאי נענטער צו באַטראַכטן. זיי געהערן, לכל הדעות, צו די מערקוויר־דיקסטע אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון דער תקופה ביים איבערברוך פון זעכצנטן און זיבעצנטן יאָרהונדערט.

דאָס ספר „צמח דוד", וואָס איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין יאָר שנ״ב (1592), באַשטייט פון צוויי טיילן: 1) אַ ייִדישע געשיכטע פון דער וועלט־באַשאַפונג ביז צום יאָר 1592; 2) אַן אַלגעמיינע געשיכ־טע, „ימות עולם", וועלכע הייבט זיך אָבער אָן נישט ווי די ייִדישע, פון אָדם הראשון, נאָר פון זיין אייניקל, אנוש, אָדער פון נאָך איין דור שפּע־טער, פון קינן בן אנוש. פאַרוואָס בלויז די ייִדן שטאַמען אָפּ פון אָדם הראשון, זאָגט ר׳ דוד גאַנז נישט און וואַרשיינלעך האָט ער דאָס גאָר נישט געמיינט צו באַהויפּטן. אָבער דער איינדרוק ביים פאַרגלייכן דעם אָנהייב פון ביידע טיילן איז דאָך, אַז דער יחוס צו אָדם הראשון האָט אונדזער געשיכטע־שרייבער געוואָלט איבערלאָזן פאַר ייִדן, ווייל אין צווייטן טייל, וואָס רעדט פון „ימות עולם", איז דער שטאַם־פאָטער פון דער וועלט אין גאַנצן נישט דערמאָנט.

ביידע טיילן פון „צמח דוד" האָבן באַזונדערע הקדמות, אין וועלכע דער מחבר דערקלערט די הויפּט־יסודות און דעם צוועק פון זיין אַרבעט. דאָס גאַנצע בוך איז געווידמעט זיין עלטערן ברודער, ר׳ יהושע זעליקמאַן גאַנז, וואָס איז געווען אַ דיין און מנהיג אין פּראָג. אַ שיר פון פינף חרוזים, וועמענס ערשטע אותיות פורעמען דאָס וואָרט „יהושע", הויבט אָן די הקדמה צום ערשטן טייל. ר׳ יהושע זעליקמאַן גאַנז ווערט באַשאָנ־קען מיט אויסערגעוויינלעכע טיטלען און דער מחבר דערציילט, אַז פון זיין פריִעסטער יוגנט האָט ער געשטרעבט צו קענען אַלע פאַרגאַנגענע געשעענישן. ענדלעך איז אים געלונגען אָנצושרייבן „לכבודו" פון זיין

ברודער דאָס ספר, וואָס איז אויפגעבויט אויף פאָלגנדע מקורים: 1) די 24 ספרים פון די כתבי הקודש, 2) סדר עולם רבא, 3) סדר עולם זוטא, 4) די איינלייטונג פון רמב״ם צום סדר זרעים, 5) ספר הקבלה פון ראב״ד, 6) ספר כריתות, 7) הלכות עולם, 8) ספר יוחסין, וועלכן ער פאַרהערלעכט שטאַרק (ער זאָגט וועגן אים, אַז „תמיד אענדנו לי לנזר ולעטרת צבי״), 9) יוסיפון, וועלכער איז פאַר אים דער מקור פאַרן פעריאָד פון די חשמו־נאים און מלכות בית הורדוס, 10) שלשלת הקבלה פון ר׳ גדליה אבן יחייא, (פון וועלכן ער זאָגט זייער פאַרזיכטיק, אַז ער האָט פון אים גע־נומען בלויז „מקצת דורות האַחרונים״). די נייעסטע געשעענישן האָט ער באַשריבן, שרייבט ר׳ דוד גאַנז, פון זיינע אייגענע ידיעות.

אַלע מקורים, וואָס ווערן אָנגעגעבן אין דער הקדמה צום ערשטן טייל זענען באַקאַנט. דאָס „ספר כריתות״, וואָס ער דערמאָנט, איז פון ר׳ שמשון ב״ר יצחק מקינון (1260—1330), און באַהאַנדלט אייגנטלעך די כללי התלמוד. איין טייל פון „ספר כריתות״ איז געווידמעט אויך דער געשיכטע פון די תנאים, אַמוראים און רבנן סבוראי. אָט דעם טייל האָט ר׳ דוד גאַנז באַנוצט. וואָס ער מיינט אונטער „הלכות עולם״ איז נישט קלאָר. די רעזערווירטע האַלטונג בנוגע דעם ספר „שלשלת הקבלה״ איז פולשטענדיק באַרעכטיקט, ווייל אויף דעם ספר קען מען זיך נישט פאַר־לאָזן און איז, ווי באַקאַנט, אָנגערופן געוואָרן „שלשלת השקרים״.

די מקורים פאַר דער „וועלט־געשיכטע״ זענען, נאַטירלעך, אַנדערע. ער גיט אָן אַכט ביכער פון מחברים, וואָס זענען געווען באַקאַנט אין זיין צייט, ווי שפאַנגענבערג, לוירענץ פויסטוס אָדער געאָרג קאַסיוס. אויף זיי האָט ער אויפגעבויט דעם צווייטן טייל פון „צמח דוד״.

מעג מען זיך באַנוצן מיט נישט־יידישע מקורים, כדי צו שרייבן גע־שיכטע? ר׳ דוד גאַנז ווייסט, אַז מען וועט אים דאָס פאָרוואַרפן און דע־ריבער שטעלט ער באַלד פעסט, אַז נאָר דאָרט וווּ די נישט־יידישע מקו־רים באַשטעטיקן די דברי חז״ל, זאָל מען זיי אָננעמען. אויב ס׳איז פאַראַן אַ סתירה, דאַן דאַרף מען זיך האַלטן ביי די דברי חז״ל. ער שרייבט וועגן דעם אין אַ טאָן פון אַ פייערלעכער דעקלאַראַציע: „ואומר אני עוד נגד זקני עמי מסירת מודעה זו, שבכל מקום שיש בהם (ד״ה אין די ווערטער פון די נישט־יידישע מחברים) צד התנגדות נגד דברי אַגדת חז״ל אַפילו

כמלא נימא ידחו את דברינו והיו כלא היו״. ר׳ דוד גאַנז גייט אפילו אַזוי ווייט, אַז ער שרייבט דאָס בנוגע זיינע אייגענע ווערטער, וואָס זענען אויפגעבויט אויף די נישט־ייִדישע מקורים; אויך זיי דאַרפן באַטראַכט ווערן, ווי זיי וואָלטן איבערהויפּט נישט עקזיסטירט אויב זיי שטימען נישט איין מיט די דברי חז״ל.

אַזוי ווי אַזאַ דעקלאַראַציע איז נאָך נישט געווען גענוג כדי צו באַזייטיקן אַלע מעגלעכע חששות, האָט ר׳ דוד גאַנז געפּרוווט באַרעכטיקן זיין געשיכטע־שרייבעריי אויפן יסוד פון נישט־ייִדישע מקורים דורך ציטירן פּרעצעדענטן: אַריסטאָטעלעס איז דאָך געוואָרן באַנוצט דורך אַלע געטלעכע פילאָזאָפן. אין דער היסטאָריאָגראַפיע גופא האָבן דריי ייִדן שוין זיך געשטיצט אויף נישט־ייִדישע מקורים: ר׳ אברהם זכות, דער מחבר פון ספר „יוחסין״, ר׳ יוסף הכהן אין זיין ספר „דברי הימים למלכי צרפת ובית אוטמאַן״ און ר׳ אַברהם פריצול אין ספר „אורחות עולם״. און דאַן שטיצט זיך ר׳ דוד גאַנז אויף זיין רבין, דעם רמ״א, וועלכער האָט אין אַ באַמערקונג צום „שולחן ערוך״, „אורח־חיים״, סימן ש״ז (סעיף א׳) געשריבן: „ובני אָדם שסיפור שמועות ודברי חידושים הוא עונג להם מותר לספרם בשבת כמו בחול״. קומט אויס, אַז שבת מעג מען דערציילן וועלט־געשיכטע.

ר׳ דוד גאַנז ציטירט נאָך אַ פּסק פון רמ״א, וואָס איז זייער אינטערעסאַנט. ס׳איז פאַראַן אַ דין, אַז „ספרי מלחמות אָסור לקרות בהם בשבת״, ממילא איז דאָך אויך אַ פּראַגע וועגן וועלט־געשיכטע, וואָס איז סוף־סוף אויך נישט מער ווי אַ „ספר מלחמות״. אָבער דער רמ״א האָט (אין זעלבן סימן, נאָר סעיף ט״ז) געשריבן וועגן דעם אָט וואָס: „ונראה לדקדק הא דאסור לקרות בשיחת חולין וספורי מלחמות היינו דוקא אם כתובים בלשון לע״ז, אבל בלשון הקודש שרי״. אַ וועלט־געשיכטע אויף העברעיִש איז אַ גאַנץ אַנדער ענין, ווי ווען זי איז געשריבן אין אַ פרעמדער שפּראַך. אַ געשיכטע־בוך אויף לשון הקודש מעג מען לייענען שבת. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳מוז זיין אויפגעבויט אויף נישט־ייִדישע מקורים — אָבער דאָס באַקומט אַ ייִדישן כאַראַקטער דורך דעם, וואָס ס׳איז געשריבן אויף העברעיִש.

נאָך דעם ווי ער האָט געבראַכט אַזאַ בר־סמכא, ווי דעם רמ״א, באַ־

ווייזט ר׳ דוד גאַנז, אַז אין די כתבי הקודש גופא פאַררופט מען זיך אויף נישט־יידישע געשיכטע־ביכער. וועגן מרדכין שטייט דאָך אין דער מגילת אסתר, אַז „וכל מעשה תקפו וגבורתו ופרשת גדולת מרדכי אֲשר גדלו המלך הלא הם כתובים על ספר דברי הימים למלכי מד ופרס״. אין ספר ירמיהו (י״ח, י״ג) שטייט: „לכן כה אמר ד׳ שאַלו נא בגוים מי שמע כאלה שערורת עשתה מאד בתולת ישראל״. הייסט עס, אַז מען האָט געהייסן „פרעגן די גויים״, וואָס איז דאָס זעלבע ווי שרייבן געשיכטע אויפן יסוד פון נישט־יידישע מקורים. ר׳ דוד גאַנז ברענגט אַפילו אַ פסוק פון דער תורה, וואָס זאָל באַשטעטיקן זיין שטאַנדפונקט: „כי שאַל נא לימים ראשונים אֲשר היו לפניך למן היום אֲשר ברא אלקים אָדם על האָרץ ולמקצה השמים ועד קצה השמים הנהיה כדבר הגדול הזה או הנשמע כמוהו״ (דברים, ד׳ ל״ב). ווייזט אויס, אַז ער האָט אינטערפרעטירט די ווערטער „שאַל נא לימים הראשונים״ ווי זיי וואָלטן געמיינט: „גיי בלעטער אין דער וועלטגעשיכטע...״ דאָס איז, נאַטירלעך, זייער פּראָבלעמאַטיש.

אויף יעדן פאַל — שרייבט ר׳ דוד גאַנז — וועט זיין בוך זיין אַ גייסטיקע רעקרעאַציע. די יידן וועלן זיך משמח־זיין. די „בעלי־בתים עגומים״, וואָס אַרבעטן אַזוי שווער אויף זייער ברויט, וועלן נאָך דער טרדה זיך אויסרוען, לייענענדיק די וועלטגעשיכטע.

בשעת ביים ערשטן טייל פון „צמח דוד״ איז דער הויפּטצוועק דער קיצור — כדי צו באַקענען זיך מיט דער יידישער געשיכטע „על רגל אחת״ — זענען פאַראַן גאַנצע צען סיבות צוליב וועלכע עס איז כדאַי צו לערנען און לייענען וועלטגעשיכטע:

ערשטנס, מען וועט זען די השגה פרטית איבערן יידישן פאָלק. אַנדערע פעלקער, וואָס זענען געווען גרויס און מעכטיק, זענען אונטערגעגאַנגען, אָבער יידן זענען געבליבן לעבן. די רעליגיעזע קאַמפן צווישן דער „פויפּסטלעכער פאַרטיי״ און דער „לוטעראַנישער פאַרטיי״ (ד״ה די פּראָטעסטאַנטן) האָבן „אין די לעצטע פופציק יאָר״ גורם געווען דעם טויט פון מער ווי אַ מיליאָן מענטשן, אָבער קיין איין ייד האָט פון דעם נישט געליטן.

צווייטנס, דער מענטש, וואָס איז עולה לגדולה וועט לערנען פון דער

וועלטגעשיכטע, אַז הגם די גרעסטע מאַכט איז תמיד קאָנצענטרירט אין דער האַנט פון אַ קייזער, אָבער דאָך זענען מער ווי פּופציק קיסריים גע־הרגעט געוואָרן, אייניקע האָט מען פאַרסמט, אייניקע זענען געטריבן גע־וואָרן צו זעלבסטמאָרד, אייניקע האָט מען אויסגעשטאָכן די אויגן, ביי אייניקע האָט מען אָפּגעשניטן די בּעז. פון דעם וועט מען לערנען צו זיין אַן „עניו ושפל רוח ומרוצה לעם".

דריטנס, די געשיכטע ווייזט, אַז אַפילו אַ קליינעם שונא טאָר מען נישט באַגאַטעליזירן, ווייל אַ סך קיסריים זענען אונטערגעגאַנגען דורך זייערע קליינע און שפלדיקע שונאים.

פערטנס, מ'דאַרף אייגזען, מ'זאָל זיך נישט שלאָגן מיט קיין שטאַר־קערן פון זיך אָדער מיט איינעם, וואָס „השעה משחקת לו", ווייל אין דער געשיכטע זעט מען, אַז דער רוב פון די קעגנער פון די גרויסע מאַכטהאָ־בערס איז געפאַלן אין קאַמף מיט זיי.

פינפטנס, מען דערקענט אין דער וועלטגעשיכטע, אַז ס'איז פאַראַן אַ השגחת השם, ווייל דער רוב פון די שלעכטע און טיראַנישע קיסריים איז אונטערגעגאַנגען און ס'איז געווען „נותן לרשע רע כרשעתו".

זעקסטנס, מ'וועט זיך באַקענען מיט פאַרשיידענע דברי מוסר, וואָס די קיסריים האָבן געזאָגט, און מ'נעמט גיכער אָן אַ זאַך, וואָס ווערט אי־בערגעגעבן אין נאָמען פון אַ קייזער.

זיבעטנס, פון די דערציילונגען אין דער וועלטגעשיכטע קען מען אַרויסנעמען אַ באַווייז פאַר פאַרשיידענע „זמנים ומאמרים" אין די דברי חז"ל, ווי דאָס האָט נאָך אויפגעוויזן דער רמ"א.

אַכטנס, די פאַרשידענע נאַטור־קאַטאַסטראָפעס און געשעענישן, וועגן וועלכע עס דערציילט אויך די וועלטגעשיכטע וועלן ברענגען צו אַ התעו־ררות לתשובה ביים לייענער.

נייַנטנס, אַזוי ווי מיר לעבן צווישן די גוֹיִם איז נישט שיין, אַז מיר זאָלן נישט קענען ענטפערן בשעת זיי וועלן אונדז פרעגן וועגן די פאַר־גאַנגענע געשעענישן, און מיר וועלן אויסזען ווי בהמות אָדער, ווי מיר וואָלטן ערשט נעכטן געבוירן געוואָרן. דאַקעגן, ווען מיר וועלן קענען עפּעס זאָגן וועגן דער געשיכטע, דאַן וועלן מיר געפינען „חן ושכל טוב" אין זיירע אויגן.

צענטנס, לויט דער וועלטגעשיכטע קומט אויס, אַז די פעלקער האָבן געהאַט אַזעלכע מעכטיקע קעניגן און קיסרי־ם, אָבער מיר האָבן אין גלות גאָר נישט געהאַט, דעריבער וועלן מיר תפילה טאָן צום השם־יתברך, ער זאָל אונדז אומקערן אונדזער אומאָפּהענגיקייט.

ווי מיר זעען פעלן נישט קיין טעמים, לויט ר׳ דוד גאַנז, צו שטודירן וועלטגעשיכטע...

## 2.

חוץ דעם ספר „צמח דוד״, וואָס איז געשריבן און געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1592 און וואָס האָט פאַרזיכערט זיין מחבר אַ בכבודיקן פּלאַץ צווישן די יידישע היסטאָריקער, איז ר׳ דוד גאַנז באַקאַנט אַלס אַסטראָנאָם און מאַטעמאַטיקער. דעם דאָזיקן רום האָט ער צו פאַרדאַנקען דעם ספר „נחמד ונעים״, וואָס איז געדרוקט געוואָרן לאַנג נאָך זיין טויט, אין יאָר 1743. אָבער אַ טייל פון ספר „נחמד ונעים״ האָט ר׳ דוד פאַרעפנטלעכט נאָך ביי זיין לעבן, אין יאָר 1612, אונטערן נאָמען „מגן דוד״.

דאָס ספר האַלט 305 קאַפּיטלעך און אַ זייער אינטערעסאַנטע הקדמה. צווישן די קאַפּיטלעך געפינען זיך אויך אייניקע, וואָס געהערן צום געביט פון קאָסמאָגראַפיע; זיי פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע ענינים ווי, למשל, די אַנטדעקונג פון אַמעריקע.

אין דער הקדמה גיט ר׳ דוד גאַנז, קודם־כל, אַן איבערזיכט איבער די יידישע אַסטראָנאָמען. דער ערשטער איז לויט אים געווען אַברהם אָבינו, ווייל ער האָט אַמאָל געזאָגט צו גאָט: „רבונו של עולם, נסתכלתי באיצטגנינות שלי ואיני ראוי להוליד בן״ (שבת, דף קנ״ו, ע״א). איצטגנינות מיינט אַזוי פיל ווי „חכמת המזלות״ און אַברהם אָבינו האָט דעמאָלט דערקלערט, אַז לויט די געזעצן פון אַסטראָנאָמיע (אָדער בעסער געזאָגט: אַסטראָלאָגיע) קען ער מער קיין זון נישט האָבן. אויף דעם האָט אים ג־ט געענטפערט: „צא מאיצטגנינות שלך שאין מזל לישראל״. מיט אַנדערע ווערטער: דער געבורט פון אַברהמס זון וועט זיין קעגן די דאָזיקע געזעצן. ישראל ווערט נישט באַהערשט פון „מזלות״, פון די פּלאַנעטן.

ווייטערע יידישע אַסטראָנאָמען זענען געווען, שרייבט ר׳ דוד גאַנז,

די בני יששכר, ווייל וועגן זיי שטייט אין ספר דברי הימים א׳ (י״ב, ל״ב): „ומבני יששכר יודעי בינה לעתים לדעת מה יעשה ישראל״. דוד המלך און זיין זון שלמה זענען אויך געווען קלאָר אין חשבון פון די צייטן און די באַשטימונג פון די מועדים, וואָס דאָס איז נישט מעגלעך אָן צו קענען אַסטראָנאָמיע.

פון די חכמי התלמוד, וואָס זענען געווען בקי אין אַסטראָנאָמיע, רעכנט אויס ר׳ דוד גאַנז די פאָלגנדע: ר׳ אליעזר בן הורקנוס, רבן גמליאל, ר׳ אליעזר בן חסדא און ר׳ יוחנן בן גודגדא אין דער צייט פון ר׳ עקיבא (וואָס וועגן זיי האָט מען געזאָגט, אַז זיי האָבן געקענט אויסרעכענען וויפל טראָפּנס וואַסער זענען פאַראַן אין ים). דאַן קומט שמואל ירחינאי, וועלכער האָט וועגן זיך אַליין געזאָגט, אַז אים זענען אַזוי באַקאַנט די וועגן פון הימל, ווי די וועגן פון זיין שטאָט נהרדעא.

די פעסטקייט פון ייִדישן קאַלענדאַר במשך טויזנט יאָר איז דער בעסטער באַווייז, לויט גאַנזן, ווי גרויס עס זענען געווען די ידיעות פון די חכמי התלמוד אין אַסטראָנאָמיע. אָן דעם וואָלט דער קאַלענדאַר נישט אויסגעהאַלטן, ווי ס׳איז, אַגב, געווען דער פאַל מיטן קריסטלעכן, וואָס האָט שוין געמוזט זיבן מאָל געענדערט ווערן.

די ייִדישע חכמים, וואָס האָבן געשריבן חיבורים וועגן אַסטראָנאָמיע, זענען געווען: דער רמב״ם, ר׳ אַברהם אבן עזרא (זיינע חיבורים אויף דעם געביט האָט ער, ר׳ דוד גאַנז, אָבער נישט געזען), ר׳ אַברהם בר חייא, ר׳ יצחק הישראלי, דער מחבר פון ספר „יסוד עולם״ (אַ תלמיד פון ראַ״ש), ר׳ לוי בן גרשון.

אין דער גרויסער וועלט זענען די עגיפּטער געווען באַקאַנט פאַר קענער פון מאַטעמאַטיק און געאָמעטריע. זיי האָבן זיך אָבער דאָס אויסגעלערנט פון יעקב אָבינו און זיינע זין. דערנאָך האָבן די ייִדן דאָס פאַרגעסן צוליבן עול הגלות און די חרטומי־מצרים זענען געבליבן ביי דער וויסנשאַפט.

חוץ דעם דאָזיקן טעם פאַר דער גרויסער קענטעניש פון מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע ביי די עגיפּטער (אַז זיי האָבן דאָס איבערגענומען פון די ייִדן), גיט ר׳ דוד גאַנז צוויי אַנדערע: ערשטנס, גיסט דער ניל יעדעס יאָר אויס אַזוי פיל וואַסער, אַז דער גאַנצער באָדן ווערט פאַר־

וייכט און אַלע גרענעצן ווערן פאַרווישט, דעריבער מוז מען זיך באַנוצן מיט געאָמעטרישע באַרעכענונגען כדי צו וויסן וועלכעס שטיק באָדן גע־הערט צו וועמען; צווייטנס, אין אַלע אַנדערע לענדער פאַרדעקן טיילמאָל די וואָלקנס דעם הימל און מען קען נישט מאַכן קיין אַסטראָנאָמישע חשבונות, אָבער אין עגיפּטן גייט קיינמאָל נישט קיין רעגן. צוליב די ביידע אומשטענדן האָבן די עגיפּטער זיך ספּעציאַליזירט אין מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע.

פון די „חרטומי מצרים״ האָבן די דאָזיקע וויסנשאַפטן איבערגענו־מען די גריכן. ר׳ דוד גאַנז גיט אונדז אַ לאַנגן איבערזיכט פון די גריכישע מאַטעמאַטיקער. ער דערמאָנט, אַז פּיטאַגאָראַס זאָל האָבן מודה געווען, אַז ער האָט אַ סך געלערנט ביי די ייִדן, ביי וועלכע, אַגב, די גריכישע וויסנשאַפטלער זענען געווען באַקאַנט אַלס די „אַלטע פון אַטען״ („סבי דבי אתונא״).

אַלס ווייטערדיקע גרופּע ווערן אַנגעגעבן די באַבילאָנישע געלערנ־טע, וועלכע האָבן געלערנט ביי די עגיפּטער און די גריכן צוזאַמען.

ר׳ דוד גאַנז שטעלט זיך דאָ באַזונדער אָפּ אויף יוקלידעסן, וועמען ער רופט: „איש השנון החכם המפורסם המחודד ברוב שכלו מכל אשר היה לפניו באומות וגם מלאחריו עד היום הזה כמוהו לא היה״. אָן יוקלידעסן, שרייבט ער, „קען מען נישט אויפהויבן קיין קאָפּ און מ׳קען זיך בכלל נישט אויסקענען אין געאָמעטריע״. זיין ספר איז „ווי אַ לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און גרייכט ביזן הימל״. וועגן יוקלידעסן ציטירט ער די מיינונג פון ספר „יוחסין״, אַז ער האָט געלעבט אין די צייטן פון מרדכי און אסתר.

דער נעקסטער איז אַרכימעדעס, וועגן וועלכן ער שרייבט, אַז ער איז געווען „בקי בכל החכמות״ און געוווסט וויפל זאַמד־קערנדלעך עס געפי־נען זיך אין דער וועלט.

נאָכן אויסרעכענען נאָך אייניקע גרויסע גריכישע געלערנטע (באַ־זירנדיק זיך בעיקר אויפן ספר „יוחסין״ און דעם „מאור עינים״ פון ר׳ עזריה מן האדומים), קומט ר׳ דוד גאַנז צו פּטאָלאָמעוסן פון אַלעקסאַנד־ריע. אים באַצייכנט ער אַלס „החכם הגדול החוזה המופלא ומופלג אַשר מלפניו גם לאחריו עד היום הזה כמוהו לא היה״. ווי מיר זעען, איז עס

כמעט די זעלבע באַצייכענונג ווי פון יוקלידעסן. אויך וועגן פּטאָלאָמעוסן שרייבט גאַנז, אַז ס׳איז „ביי אים נישטאָ קיין ספק״, אַז פּטאָלאָמעוס האָט אַ סך זאַכן געלערנט ביי די ייִדן פון אַלעקסאַנדריע.

אינטערעסאַנט איז אַ וואָרט פון טיכאָ דע בראַהע, וואָס ר׳ דוד גאַנז ציטירט ביי דער געלעגנהייט: די רוימער, האָט געזאָגט טיכאָ דע בראַהע, האָבן אַוועקגענומען די פּאָליטישע מאַכט ביי פּטאָלאָמעוסעס אָבות, אָבער ער האָט זיי דאָן באַזיגט אין גאַנצן מיט זיין גייסט; נישט מיט קיין געפּאַנצערט מיליטער, נאָר מיט דער פּעדער; ער האָט זיך אויפגעהויבן איבער די זיבן הימלען און איז צוגעקומען ביזן אַכטן. „בטולומיאוס זה מושל בשכלו על התחתונים ועל העליונים ומלכות זו עולה מעלה מעלה ונתקיים בידו וכל יושבי תבל מלכי ורוזני ארץ המשכילים הם נכנעים תחת ממשלתו וישימו חבורו כתר לראשו מימות עד היום הזה ועד סוף כל הדורות״.

נאָך אַ גרויסן שפּרונג — ער רעכנט נאָך פּטאָלאָמעוסן נאָר איין אַראַבישן געלערנטן — קומט ער צום קעניג אַלפאָנס און ער ציטירט דעם ספר „יוחסין״, אַז אין יאָר 5011 פון דער ייִדישער צייטרעכענונג (1251) האָט ר׳ יצחק אבן שיד מחבר־געווען די אַזוי גערופענע „אַלפאָנסינישע לוחות״. ר׳ יצחקס „לוחות התכונה״ זענען געווען געשריבן אויף שפּאַניש און דאַן איבערזעצט געוואָרן אויף העברעיִש פון דער דאָזיקער העברעיִשער איבערזעצונג האָט ר׳ דוד גאַנז געמאַכט אַ נייע איבערזעצונג, דאָס מאָל אויף דייטש, פאַרן געברויך פון טיכאָ דע בראַהע.

דער נעקסטער נאָך אַלפאָנסן און ר׳ יצחק אבן שיד איז — ניקאָלאַוס קאָפּערניק. וואָס ר׳ דוד גאַנז שרייבט וועגן אים איז היסטאָריש אינטערעסאַנט און וויכטיק. ער רופט אים „איש פרוסיא״ און זאָגט, אַז ער איז געווען דער גרעסטער זינט פּטאָלאָמעוסן. וועגן קאָפּערניקס וועלט־באַרימטער טעאָריע שרייבט ער אַזוי: „ובהפלגת חידוד שכלו מלאו לבו להוכיח שכדור הארץ סובב סיבוב כדורי תדירו ו א י ן ז ה ד ב ר ח ד ו ש כ י ג ם ל ה ק ד מ ו נ י ם ל פ נ י א ל פ י ם ש נ ה ע ל ה כ ז א ת ע ל ר ו ח ם, כ י מ צ א ת י ב ס פ ר ה ש מ י ם ו ה ע ו ל ם ב פ ר ק ש נ י מ כ ל ל ה ר ב י ע י, ש כ ן ה י ה ד ע ת ם ה ח כ ם ה מ ו פ ל א פ י ט ו ג ו ר ו ס ו ס י ע ת ו״.

אַזוי ווי די דאָזיקע ווערטער זענען געשריבן געוואָרן בערך זיבעציק

יאָר נאָך קאָפּערניקס טויט, איז וויכטיק פעסטצושטעלן, אַז די רעוואָלו־ציאָנערע טעאָריע פון דעם דאָזיקן גרויסן אַסטראָנאָם איז מיט אַזאַ פּאַר־העלטנישמעסיק קורצע צייט שפּעטער געוואָרן באַטראַכט שוין אַלס אַזוי־זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מען האָט זי צוגעשריבן פּיטאַגאָראַסן.

ר׳ דוד גאַנז פאַרענדיקט זיין הקדמה מיטן באַהאַנדלען די פאַרשידנ־אַרטיקע נוצן, וואָס דאָס שטודיום פון מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע ברענגט מיט זיך.

די 305 קאַפּיטלעך פון ספר „נחמד ונעים״ זענען אַן אמתדיקער אוצר פון ידיעות. זיי זענען אילוסטרירט מיט אַ גאַנצער מאַסע פון טאַבעלעס און צייכענונגען.

צום סוף דערציילט דער מחבר, אַז אין יאָר 1600 האָט דער קייזער רודאָלף באַצויגן פון דענעמאַרק דעם גרויסן געלערנטן טיכאָ דע בראַהע קיין בעמען. ער האָט געשטעלט צו זיין רשות אַ פּאַלאַץ נישט ווייט פון פּראַג און אים געגעבן אַ געהאַלט פון 3,000 טאָלער אַ יאָר, פולע אויס־האַלטונג און צוועלף אַסיסטענטן צו דער אַרבעט. אין דעם פּאַלאַץ האָט מען אויפגעשטעלט אַן אָבסערוואַטאָריע, פון וועלכן מען האָט געגוי גע־קענט אָבסערווירן דעם גאַנג פון די שטערן. כדי מען זאָל קענען מיט איין מאָל פון פאַרשיידענע אינסטרומענטן זען די כסדרדיקע באַוועגונגען פון די פּלאַנעטן, זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין איין ריי דרייצן צימערן; אין יעדן צימער איז געווען אַ באַזונדערער טעלעסקאָפּ.

ר׳ דוד גאַנז איז דריי מאָל צוגעלאָזט געוואָרן דורך זיין גרויסן פריינד, טיכאָ דע בראַהע, צו די טעלעסקאָפּן. ער איז יעדעס מאָל געזעסן צו פינף טעג אין שלאָס און מיטגעמאַכט דעם אָבסערווירונגס־פּראָצעס פון די שטערן. ער האָט געזען, ווי מען האָט אַלץ גענוי געמאָסטן און פאַרשריבן. דער איינדרוק איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. „אַגיד נאמנה״, שרייבט ר׳ דוד גאַנז, „שהשתדליות וחקירות גדולות כאלה מימינו לא ראינו ולא שמענו, גם אבותינו לא ספרו לנו ולא מצאנו כתוב בספר הן מבני ישראל הן מאומות העולם, להבדיל, שנהיה כדבר הזה עוד״...

ער גיט נאָך קורץ איבער די וויכטיקסטע רעזולטאַטן פון טיכאָ דע בראַהעס פאָרשונגען, אָבער ער גיט צו, אַז ס׳איז „קצת קשה להסבירו

לתלמידים כראוי", ווייל „עט סופר תשכחו לציירו ולהעלותו על הנייר כדין"...

דאָס האָט ער געשריבן פּרייטיק, דעם 5טן אָב שע"ג (1613). אַ חודש שפּעטער איז ער געשטאָרבן.

# ר׳ אריה־לייב, דער מחבר פון „שאגת אריה״

ר׳ אריה־לייב, דער מחבר פון „שאגת אריה״ איז געבוירן געוואָרן אין אָדער אַרום מינסק בערך אין יאָר תנ״ה (1695). דער משפחה־נאָמען „גינצבורג״ פון זיינע אייניקלעך שטאַמט נישט פון אים, נאָר פון זיין זון ר׳ אָשר, וועלכער האָט זיך גערופן מיט דעמדאָזיקן נאָמען.

גאָר פרי איז ר׳ אַריה־לייב געוואָרן אַ גדול בתורה און אָנגעפירט מיט אַ גרויסער ישיבה אין מינסק. אָבער זיין אויסערגעוויינלעך שאַרפער מוח האָט אים געבראַכט אין כסדרדיקע קאָנפליקטן מיט די אָנפירער פון דער שטאָט. רב אין מינסק איז דעמאָלט געווען ר׳ יחיאל היילפּערין, דער מחבר פון „סדר הדורות״, וועמען דער יונגער ראש־ישיבה האָט אָפט קריטיקירט.

איינמאָל, נאָך אַ דרשה פון ר׳ יחיאל היילפּערין, וועלכער האָט אויף דער עלטער געהאַט די טבע, צוליב שוואַכקייט, צו גיין ווי ער וואָלט געטאַנצט, האָט ר׳ אַריה־לייב אויסגערופן: „כשם שהוא רוקד כך אינו יכול...״ דער וויץ האָט זיך צעטראָגן איבער דער שטאָט און פאַרשאַרפט די באַציִונגען צווישן ר׳ב און ראש־ישיבה. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט ר׳ אַריה־לייבן אַרויסגעטריבן פון מינסק אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט און ער האָט געמוזט האַלטן שבת אין אַ וואַלד לעבן מינסק.

מיט דער דאָזיקער פאַרטרייבונג איז פאַרבונדן די מעשה מיט דער אַזוי גערופענער „בלומקעס קלויז״ אין מינסק: אַן אָרעמע ייִדענע מיטן נאָמען בלומקע האָט צוגעטראָגן צו דער פור, אויף וועלכער ס׳איז געזעסן דער ראש־ישיבה ר׳ אַריה־לייב און זיך געזעגנט מיט זיינע פריינד — דריי חלות אויף שבת. דער גערירטער גאון האָט זי געבענטשט מיט רייכקייט און ווען דאָס איז שפּעטער מקוים־געוואָרן, האָט זי אויפגעבויט דעם קלויז.

נאָך זיין פאַרלאָזן מינסק, איז ר׳ אַריה־לייב געוואָרן רב אין וואָלאָ־זשין. די שטאָט איז, ווייזט אויס, שוין דעמאָלט געווען מסוגל, אַז ס׳זאָלן אין איר געשאַפן ווערן חידושי־תורה, ווייל דאָרט האָט דער קעמפּפערישער גדול אָנגעשריבן און מסדר־געווען זיינע גענילאַלע תשובות, וועלכע זענען אַריין אין דער „שאַגת אַריה״־זאַמלונג.

נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו דרוקן דאָס ספר לויט זיין ווּנטש אין דער ליטע, לאָזט ער אַלץ איבער און פאָרט קיין דייטשלאַנד. אין פראַנקפורט, ביים טייך אָדער, אין דער דרוקעריי פון „דאָקטאָר פּראָפּע־סאָר גרילאָ״ (ווי ס׳שטייט אויפן שער־בלאַט), באַווייזט זיך אין יאָר תקט״ז (1756) דער „שאַגת אַריה״, וועלכער נעמט באַלד „מיט שטורעם״ די לומדישע וועלט.

ר׳ אַריה־לייב האָט נישט אַריינגענומען אין זיין חיבור אַלע זיינע וווּנדערבאַרע חידושי־תורה. ער פלעגט אויפצייכענען פון זיין פריִעסטער יוגנט אָן נאָר די חידושים אויף ש״ס און פוסקים, וועלכע ער האָט באַ־טראַכט אַלס וויכטיק פאַר דער הלכה. פּלפּולים אָדער דרשות פאַר זיינע תלמידים האָט ער נישט געהאַלטן פאַר כדאַי אַפילו אויפצושרייבן, הגם ער האָט זיך באַמיט, אַז אויך דאָס זאָל זיין „לאַמיתה של תורה״, אָבער אַזוי ווי דאָס איז נישט מעגלעך — שרייבט ער אין דער הקדמה צום „שאַגת אַריה״ — ווייל „אי אפשר שלא יתערב בו דברים שאינן לאמי־תה״, דעריבער האָט ער, דער גרויסער מפלפל, מוותר־געווען אויף דער פאַראייביקונג פון זיינע פּלפּולים. וואָס פאַר אַ שאָדן! וויפל וואָלטן היינט לומדים אַ־יועקגעגעבן פאַר אַ פּלפּול פון „שאַגת אַריה״!

אויך די חידושי־תורה, וועלכע ר׳ אַריה־לייב האָט יאָ געהאַלטן פאַר ראוי צו ווערן אויפגעשריבן, זענען ביי אים פאַרלוירן געגאַנגען. „כל אלה שהיו רשום אצלי מנעורי נאבדו ממני ולא נשאר בידי מהן מאומה״ — שרייבט ער ווייטער אין דער הקדמה — און ער האָט דערזען, אַז עס דער־נענטערט זיך די עלטער, „ומתי אעשה גם אנכי לביתי לבנות לי בית נאמן ויחוקו בספר מילי?״

ער האָט מתפּלל געווען צו ג־ט — „והנה שמע ד׳ לתפלתי וחנני אלקים במתנת חנם״. ער האָט אָנגעהויבן פריש מחדש צו זיין און באַלד האָט ער געהאַט אַ דאָפּלטן סכום פון כתבים, ווי פריִער. זיין אייזערנע

לאָגיק, זיין מייסטערהאַפט באַהערשן פון די מקורים, האָט געבראַכט די הערלעכע רעזולטאַטן אין דער פאָרעם פון תשובות, בעיקר אויף ענינים, וועלכע געהערן צום חלק אורח־חיים פון שולחן־ערוך. ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ קלאַסיש ווערק פון דער תלמודישער ליטעראַטור, אָן וועלכן אַ למדן קען מער נישט אויסקומען.

קיין וווּנדער, פאַרוואָס ר׳ אַריה־לייב האָט אַוועקגעוואָרפן זיין רבנות אין וואָלאָזשין, כדי צו קענען אָפּדרוקן די חידושי־תורה אין דייטשלאַנד. די ליבשאַפט זיינע צו תורה איז געווען שטאַרקער ווי די צוגעבונדנקייט צום מקור פרנסה. ער איז געווען תמיד גרייט צו זיין נע־ונד פאַר תורה.

ווען ר׳ אַריה־לייב איז צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד מיט זיין אָפּגעדרוקטן חיבור, האָט ער זיך באַזעצט אין שטעטל סמילאָוויטש. נאָכדעם איז ער צוריק אַוועק קיין וואָלאָזשין, ווו ער האָט אָנגעפירט מיט אַ גרויסער ישיבה. פון איר איז אַרויסגעקומען ר׳ חיים וואָלאָזשינער, וועלכער האָט געמאַכט וואָלאָזשין פאַר אַ סינאָנים פון תורה־לערנען.

איינער פון זיינע תלמידים מובהקים נאָך פון דער מינסקער תקופה איז געווען ר׳ רפאל הכהן (וועלכער איז אויך געווען רב אין סמילאָוויטש אין דער צייט ווען ר׳ אריה־לייב איז אַהין אָנגעקומען פון דייטשלאַנד). אָט דער תלמיד איז אויך געוואָרן אַ רעפּרעזענטאַנט פון ליטווישן תורה־גייסט אין דייטשלאַנד, איבערנעמענדיק שפּעטער דאָס רבנות אין האַמבורג.

אַ צווייטער חיבור פון ר׳ אריה־לייבן, וואָס געניסט פון אַ געוואַלדיקער רעפּוטאַציע אין לומדישע קרייזן, איז דאָס ספר „טורי אבן״.

זיין קאָנטאַקט מיט דער מערבדיקער וועלט און זיינע וואַנדערונגען האָבן זיך נישט געענדיקט מיט דער נסיעה קיין פראַנקפורט ביים אָדער אין יאָר 1756. אַלט זייענדיק שוין בערך 70 יאָר האָט ער פאַרלאָזט זיין געבוירנלאַנד. ער באַווייזט זיך דעמאָלט אויף זיין וואַנדער־וועג אין שלעזיע, אין דער שטאָט גלאָגע. פון דאָרט ווערט ער גערופן, אין יאָר 1765, קיין מעץ, אין עלזאַס.

אין מעץ האָט ער דורכגעמאַכט פיל קריטישע מאָמענטן. באַקאַנט איז דער קאָנפליקט זיינער מיט דער קהילה צוליב דעם, וואָס ער האָט געענדערט אַן אַלטן מנהג: אין מעץ פלעגט מען, ווי אין אַ סך אַנדערע קהילות,

לייענען שבועות דעם ערשטן פּסוק פון דער קריאה און דאַן געזאָגט „אַקד־מות”. ווען ר׳ אַריה־לייב איז אָנגעקומען אין דער שטאָט, האָט ער מתקן געווען, אַז מ׳זאָל נישט לייענען צוערשט דעם ערשטן פּסוק, נאָר אַז מען זאָל אָנהייבן פון „אַקדמות” און דאַן לייענען די גאַנצע פּרשה. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויס מחלוקת, ווייל די בעלי־בתים האָבן נישט געוואָלט נאָכלאָזן פון זייער מנהג.

אויף דער עלטער איז ר׳ אַריה־לייב בלינד געוואָרן און דיקטירט פון זכרון זיינע חידושי־תורה, בעיקר פאַר זיין תלמיד ר׳ גדליה ראָטענבורג. כ״ה תמוז תקמ״ה (1785) איז ער נפטר געוואָרן.

אינטערעסאַנט איז, אַז די פאַרבינדונג פון „שאגת אַריה” מיט דייטשלאַנד איז באַנייט געוואָרן כמעט צוויי הונדערט יאָר נאָכן אָפּדרוקן פונעם מאָנומענטאַלן חיבור אין פראַנקפורט ביים אָדער. דער „שאַגת אַריה” איז אין יאָר תש״ז, ווי איינס פון די ערשטע, אפשר גאָר דאָס ער־שטע לומדישע ספר, געדרוקט געוואָרן דורך דער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד. דער „ועד ההצלה” פון ניו־יאָרק האָט די פאַרטריבענע מזרח־ייִדן, וועלכע זענען אָנגעקומען אין דייטשלאַנד פון פּוילן, ליטע און רוס־לאַנד, געבראַכט זייער גייסטיקע שפּייז און, דורך אַ מאָדנע סמיכת הפּר־שיות, איז דער „שאַגת אַריה” געווען דער ערשטער שליח.

ווייזט אויס, אַז דער מחבר איז געווען אויך אַ מין „דיספּלעיסד פּער־סאָן”... פון ליטע איז ער דאָך געקומען קיין דייטשלאַנד און דאַן ווייטער קיין מערב צו. פאַרטריבן פון מינסק, נישט פילנדיק זיך גוט אין וואָלאָ־זשין, האָט ער מיטגענומען זיין תורה קיין דייטשלאַנד און זי אויפגע־וויקלט און פאַרפעסטיקט אין די ערטער, ווו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין וואַנדערונג. די „דיספּלעיסד פּערסאָנס” האָבן צוויי הונדערט יאָר שפּעטער אויך אויפגעשטעלט דאָס מזרחדיקע תורה־געצעלט אויפן דייטשן באָדן. דער אומשטערבלעכער תורה־גייסט האָט אויפסניי אינספּירירט די עלנטע ייִדישע מחנות פון מזרח, וואָס זענען געצוווּנגען גע־וואָרן דורך די אומשטענדן זיך אויפצוהאַלטן אַ ווייל אין דייטשלאַנד.

נאַטירלעך, זעט אויס דער „שאַגת אַריה”, וואָס איז אָפּגעדרוקט גע־וואָרן אין מינכען אין יאָר 1947, אַביסל אַנדערש, ווי דער ערשטער פון פראַנקפורט ביים אָדער פון יאָר 1756, צי אַפילו דער צווייטער פון ברין

פון יאָר 1797, אָדער דער פּאָפּולערער פון יוזעפאָוו פון יאָר 1855. דער מינכענער „שאגת אַריה״ זעט אויס ווי אַן אמתדיקער „דיספּלעיסד פּער־סאָן״: מאָגער, קליין, די אותיות מטושטש, דאָס פּאַפּיר דין, ממש פּאַפּי־ראָס־ביבולקע...

הגם ס׳איז שוין באַשערט געווען פון תמיד אָן צו „מוטשען זיך״ אי־בערן „שאגת אַריה״, איז קלאָר, אַז איבערן מינכענער „שאגת אַריה״ מוז מען זיך מוטשען נאָך מער ווי איבער די פריִערדיקע (ווייל חוץ דעם תוכן איז נאָך דאָ צוגעקומען דער בצימצומדיקער אויסערלעכער לבוש). אָבער דער באַנייטער קאָנטאַקט פון ליטווישן גדול מיט דייטשלאַנד איז אַ סימ־באָל. ער איז אַ נייער „מעשה אָבות סימן לבנים״. ער זאָגט, אַז ווי שרעק־לעך ס׳זאָל נישט זיין דער ליידנסוועג פון ייִדישן פאָלק, ווי מוראדיק דער גורל פון אַ ייִדישן וואַנדערער איבער דער וועלט, דאָך איז שטאַרקער פאַר אַלץ זיין פאַרבינדונג מיט דער תורה. און נישט נאָר מיט דער תורה סתם — נאָר מיט דער טיפקייט און שיינקייט פון דער תורה, וואָס איר אויסדרוק איז דער „שאגת אַריה״...

# ר׳ חיים־אלעזר וואַקס, דער מחבר פון „נפש חיה״

ר׳ חיים־אלעזר וואַקס איז געווען איינער פון די גרעסטע רבנים אין פוילן אין 19טן יאָרהונדערט.

ער איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט טאַרנאָגראָד, אין יאָר 1822. זיין פאָטער, ר׳ אַברהם, איז געווען רב אין דער דאָזיקער שטאָט. זיין מוטער האָט געהייסן חיה און לכבוד איר הייסט דאָס באַרימטע תשובות־ספר פון ר׳ חיים־אלעזר וואַקס „נפש חיה״.

נאָך זייענדיק גאָר יונג, איז ער באַוווסט געוואָרן אַלס גרויסער עילוי. ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבן, איז ער בסך־הכל אַלט געווען אַכצן יאָר. אַ גרויסער טייל פון די בעלי־בתים פון טאַרנאָגראָד האָט דעמאָלט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל איבערנעמען דאָס רבנות, נישט געקוקט אויף זיין יונגן עלטער.

אויף דער כסא־הרבנות פון טאַרנאָגראָד זענען אין פריערע צייטן געזעסן גרויסע גאונים ווי, למשל, ר׳ יוסף ב״ר אַביגדור, דער מחבר פון ספר „תבנית אות יוסף״ (געדרוקט אין פראַנקפורט ביים אָדער אין יאָר תקי״ב), ר׳ אלעזר הורוויץ, דער מחבר פון ספר „נועם מגדים״ (געדרוקט אין לעמבערג אין יאָר תקס״ז), אָדער ר׳ יהושע־העשיל אורנשטיין, דער מחבר פון „ים התלמוד״ אויף בבא קמא (געדרוקט אין לעמבערג אין יאָר תקפ״ח מיט די באַרימטע „מפרשי הים״ פון ר׳ מרדכי־זאב איטינגאַ און ר׳ יוסף־שאול נאַטהאַנזאָן).

פאַרשטייט זיך, אַז ווען אַזאַ יונגערמאַן האָט געדאַרפט איבערנעמען אַזאַ וויכטיקע רבנות איז עס נישט געגאַנגען אָן אַ מחלוקת. די מוטער פון ר׳ חיים־אלעזר וואַקס האָט גענומעז אַ לעבהאַפטן אָנטייל אין קאַמף פאַר די רעכט פון איר זון און איז, אין מיטן פון דער מחלוקת, שווער

קראַנק געוואָרן. זי האָט דעמאָלט אויסגעדריקט דעם ווונטש, אַז איר זון זאָל אַמאָל נאָכטאָן ר׳ יחזקאל לאַנדאַ, דעם „נודע ביהודה״, וועלכער האָט זיין חיבור „ציון לנפש חיה״ אָנגערופן נאָך זיין באָבען, וואָס האָט אים דערצויגן.

הגם דער ווונטש איז נאָר געווען אָנגעזאָגט ברמז, דאָך איז ער גע־ווען הייליק פאַר ר׳ חיים־אלעזרן, און בשעת ער האָט זיך גענומען מסדר זיין זיינע כתבים צום דרוק, העכער דרייסיק יאָר שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען וועלט־באַרימט, האָט ער נישט געדאַרפט זוכן קיין נאָמען פאַר זיין ספר. די תשובות האָבן געהייסן „נפש חיה״ — אַ מאָנומענט נאָך זיין מוטער חיה. דאָס ספר איז דערשינען אין יאָר תרל״ח (1878).

ר׳ חיים־אלעזר וואַקס איז דעמאָלט געזעסן אויף דער כסא־הרבנות אין דער גרויסער שטאָט קאַליש, וווהין מען האָט אים גענומען פון טאַר־נאָגראָד. אָבער באַלד ווען דער חיבור האָט זיך באַוויזן און דער רום פון מחבר האָט זיך גענומען נאָך מער פונאַנדערשפּרייטן צווישן די לומדים, איז אים גראָד געווען באַשטימט צו איבערלעבן דעם קריטישסטן פּעריאָד פון זיין לעבן.

דעם 23טן יוני 1878 איז אין קאַליש פאָרגעקומען אַ מוראדיקער פּאָג־ראָם. די פּוילישע באַפעלקערונג האָט זיך געלאָזט אין די יידישע גאַסן, פאַרניכטעט די שיל, ראָבירט יידישע היימען און געשלאָגן יידן. אויף אַ מערקווירדיקן אופן האָט מען דעם פּאָגראָם געבראַכט אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט אַן עירוב, וועלכן ר׳ חיים־אלעזר וואַקס האָט מתקן געווען. ר׳ חיים־אלעזר וואַקס איז געוואָרן אָפּגעזאָגט פון רבנות אין קאַליש.

ער איז אַוועק קיין וואַרשע, ווו ער האָט אָנגעפירט מיט אַ ישיבה. אין יאָר 1883 איז ער געוואָרן באַשטימט אַלס רב אין פּיעטרקאָוו. מיט דער דאָזיקער רבנות האָט ער אָנגעפירט זעקס יאָר. אין יאָר תרמ״ט (1889) איז ער געשטאָרבן.

ר׳ חיים־אלעזר וואַקס איז געווען אַ געוואַלדיקער חובב־ציון. זיין ליבע צו ארץ־ישראל איז געווען אומגעהויער גרויס. דריי יאָר פאַר זיין פּטירה האָט ער געמאַכט אַ רייזע קיין ארץ־ישראל, כדי זיך פאַרזענלעך צו איי־בערצייגן פון דעם, וואָס ס׳איז נויטיק צו טאָן פאַר ארץ־ישראל.

אין זיין ספר „נפש חיה״ האָט ער אַלס ערשטע תשובה באַהאַנדלט

דעם פּראָבלעם צי מען איז מחויב היינט־צו־טאָג עפּ״י דין מחזיק־זיין דעם ישוב אין ארץ־ישראל און צי מען דאַרף אויך אין גלות־צייט האָבן אַ בית־דין פון ישראל, וואָס זאָל פעסטשטעלן דעם יידישן קאַלענדאַר (קידוש־חדשים און עיבור־שנים). ער האָט אויף דעם געענטפערט פּאָזיטיוו. „נראה לפי עניית דעתי להלכה", שרייבט ער, „דגם בזמן הזה צריכין בית דין לקדש חדשים בארץ־ישראל ולעבר שנים ומהראוי אשר המה יעשו לוח כל שנה מקביעת החדשים והמועדות, ובל״ז מהראוי לעשות כן ולא לסמוך על לוח מקביעת המועדים ור״ח מאנשים אשר לא נבדקו לנו אם המה ראוים לכך ואם המה ראוים להיות יודעי בינה לעתים לדעת מה יעשה ישראל".

תיכף נאָכן אָפּדרוקן דעם חיבור האָט ר' חיים־אלעזר וואַקס זיך גענומען צו פאַרווירקלעכן דעם געדאַנק פון אַרויסגעבן אַן אויטאָריטאַטיוון לוח פון ארץ־ישראל. ער האָט געלאָזט אויסאַרבעטן אין ירושלים אַ לוח אויפן יאָר תרל״ט אונטער דער אויפזיכט פון די דאָרטיקע רבנים, ר' מאיר אויערבאַך (אויך אַן אַמאָליקער קאַלישער רב) און ר' אַברהם אַשכנזי, און אָפּגעדרוקט דעם לוח. דאָס האָט, נאַטירלעך, אַרויסגערופן אַ שטורעם, ווייל ס'האָט געהאַט גרויסע קאָנסעקווענצן.

אינטערעסאַנט איז, אַז חיים־זעליג סלאָנימסקי איז אין „הצפירה" פון ב' חשון תרל״ט אַרויסגעטראָטן קעגן ר' חיים־אלעזר וואַקס' לוח און געשריבן, אַז זיין פאָדערן אַן ארץ־ישראלדיקן בית־דין פאַר עיבור־שנים איז „אָן אַ יסוד בהלכה". אויב מען זאָל די פאָדערונג אָנערקענען, וואָלט מען געקענט פטרן דעם „יום טוב שני של גליות", האָט געשריבן סלאָנימסקי, לויטן מוסטער פון ארץ־ישראל. ער האָט פאַרגעוואָרפן, אַז דער תכלית פון לוח איז נאָר „להשביח מקחו אצל המון עם בארצנו" (ד״ה צו פאַרקויפן אים גיכער ביים פאָלק).

דער פאָרוואורף איז געווען לגמרי נישט אויסגעהאַלטן, ווייל ר' חיים־אלעזר וואַקס איז אין געלט־ענינים געווען באַזונדערס אָפּגעהיטן. ער האָט, זייענדיק אַליין נישט קיין אָרעמאַן, געטיילט נדבות ביד רחבה. קיינמאָל האָט ער קיינעם נישט באַוואָלהט.

פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז וויכטיק אַ בריוול, וואָס ר' חיים־אלעזר וואַקס האָט אָפּגעדרוקט אין „נפש חיה" אַלס עפּילאָג פון דער

תשובה סימן א׳. דאָס איז אַ קליין בריוול פון ר׳ אליהו גוטמאַכער, דעם גריידיצער רב, וועלכער איז, ווי באַוווּסט, געווען אַ אומגעהויערער חובב־ציון און ווערט מיט גרויס יראת־הכבוד באַצייכנט אַלס „הרב הדומה למלאך ד׳ צבאות״. ר׳ אליהו גוטמאַכער הויבט אָן, אַז ווען ס׳וואָלט אים געווען מעגלעך צו מאַכן אַ נסיעה קיין פוילן (גריידיץ האָט געהערט צו פרייסן), כדי זיך דורכצושמועסן מיט ר׳ חיים־אלעזרן און אַנדערע רבנים וועגן „לפקח על עסק הקודש ישוב ארץ־ישראל״, וואָלט ער געשפּרונגען איבער בערג, אָבער ליידער איז ער צו שוואַך צו דעם. צו בעטן דעם קאַלישער רב, אַז ער זאָל קומען צו אים קיין גריידיץ — האָט ער נישט קיין מוט. דעריבער מוז ער אַלץ איבערלאָזן „לרצון הבורא יתברך״.

ווייטער שרייבט ר׳ אליהו גוטמאַכער: ס׳איז ביי אים קלאָר, אַז אויב די ייִדן וועלן נאָר אָנהויבן צו באַאַרבעטן דעם באָדן פון ארץ־ישראל און ס׳וועלן זיך באַזעצן „בסך ק״ל משפחות״, דאַן וועט זיין „התחלת הגאולה גם כשלא יהיו ישראל ראוים לכך״. אָבער אין אַ בריוו קען מען נאָר „ווינציק וואָס״ דערקלערן... ער דערמאָנט דעם פּסוק אין תהלים ק״ב: „אתה תקום תרחם ציון כי עת לחננה כי בא מועד, כי רצו עבדיך את אבניה ואת עפרה יחוננו״, וועלכן ר׳ עובדיה ספורנו האָט דערקלערט אַזוי: די גאולה וועט קומען אַלס תיקון פאַרן חטא פון פאַרמיאוסן ארץ־ישראל, ד״ה ווען מען וועט ליב־האָבן די שטיינער פון דעם שטויב פון ארץ־ישראל.

צום סוף פון קורצן בריוול, וואָס זיין צוועק איז גאַנץ קלאָר, הגם ער שטייט נישט אין קיין דירעקטער פאַרבינדונג מיט דער תשובה אין סימן א׳ פון „נפש חיה״, ציטירט ר׳ אליהו גוטמאַכער אַ ווונדערבאַר וואָרט פון ר׳ משה אַלשיך און פון ר׳ יצחק עראַמה, דעם בעל „עקידת יצחק״. עס שטייט אין דער תורה — זאָגן די צוויי גדולים — „וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור והארץ אזכור״ (ויקרא כ״ו, מ״ב). איז שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס שטייט דאָס וואָרט „אזכור״ צוויי מאָל ביים סוף פון פּסוק, הגם עס הייבט זיך דאָך אָן מיטן וואָרט „וזכרתי״, וועלכעס נעמט אַרום אַלץ? אָבער דער זין איז אַזוי: „וזכרתי״ — זאָגט ג־ט — איך וואָלט געדענקט דעם זכות פון די אָבות און נישט פאַרטריבן די ייִדן פון זייער לאַנד, נאָר זיי באַשטראָפט אויפן אָרט, אָבער: „והארץ אזכור״, איך געדענק די שאַנד, וואָס זיי האָבן אָפּ־

געטאָן דעם לאַנד! דאָס קען איך נישט מוחל־זיין ביז זיי וועלן נישט אי־בערבעטן דאָס לאַנד...

און ר׳ אליהו גוטמאַכער פאַרענדיקט: „מען קען זען, ווי די קליפּה באַזיגט אַפילו די גרעסטע צדיקים, כדי מבטל צו זיין אָט דאָס גוטס, ווייל דער כוח פון דער קליפּה הענגט אָפּ פון גלות און ווען דער גלות וועט זיך פאַרענדיקן, וועט אויך ער אַריבערגיין...״

ר׳ חיים־אלעזר וואַקס האָט אָפּגעדרוקט דאָס בריוול פון זיין פריינט און צוגעגעבן, אַז מיט אַ יאָר צוריק האָט ער געקויפט דריי גערטנער אין אַ דאָרף חאַטין לעבן טבריה, וווּ עס געפינט זיך יתרוס קבר. דאָרט האָט ער פאַרפלאַנצט 600 אתרוגים־ביימער ביים ים החולה. אַזוי־אַרום קען מען האָפן, אַז מען וועט אָנקומען אויפן וועג, וואָס פירט קיין „בית ק״ל״ (דאָס איז געווען, ווייזט אויס, אַ רמז אויף ר׳ אליהו גוטמאַכערס פאַר־לאַנג וועגן באַזעצן „ק״ל משפחות״), כדי צו באַאַרבעטן דאָס לאַנד. אויך וועלן ייִדן האָבן כשרע אתרוגים אָן אַ שום חשש. „ואי״ה כאשר יצא לפועל מחשבתינו לטובה שיושלח לוח בכל שנה מאה״ק על קידוש חדשים ושנים, שמה יבואר כל פרט ופרט הנעשה באה״ק לרוות צמאון שלומי אמוני ישראל המתרפקים על טהרת הקודש הכמהים ותאבים לדעת שלום ירו־שלים ומה נעשה בה.״

ר׳ חיים־אלעזר וואַקס האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט פלאַנצן אתרו־גים־ביימער אין ארץ־ישראל. ער האָט אויפגענומען אַ שטאַרקן קאַמף מיט די פּאָפּולערע קאָרפו־אתרוגים און אויסגעאַרבעט אַ גרויסע תשובה וועגן די חששות, וואָס זענען פאַראַן (סימן ב׳ און ג׳ פון „נפש חיה״). ער האָט צונויפגעזאַמלט 120 חתימות פון די באַדייטנדסטע פּוילישע רבנים, וואָס האָבן מסכים געווען מיט אים (סימן ד׳). עס דערקענט זיך אין זיינע אייב־לייטונגס־ווערטער צום כרוז פון די רבנים אַ הייליק פייער פון ליבשאַפט צו ארץ־ישראל, וואָס זיין בעסטער אויסדרוק איז געווען דער קאַטעגאָרי־שער פּסק: „ובשבטי ישראל יודע נאמנה כי הוסכם אצל חכמי הדור שבכל מקום שהמצא תמצא אתרוג מארץ הקדושה אין לברך לכתחילה על אתרוגי קאָרפו״.

דאָס ספר „נפש חיה״ איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין ניו־יאָרק, אין יאָר תש״ו, דורך דער „ווירגין תורה פאונדעישאָן״, מיט אַ הקדמה און

ווערטפולע באמערקונגען פון הרב אליעזר סילווער פון סינסינעטי. אויך איז צוגעגעבן געוואָרן אַ תשובה פון ר׳ חיים־אלעזר וואַקס פון יאָר תרל״ט אין די ענינים פון טבל, תרומה און נזירות. די דאָזיקע וויכטיקע תשובה איז געווען געשריבן אַ יאָר נאָך דעם, ווי דאָס ספר „נפש חיה״ איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן. דער כתב־יד האָט זיך געפונען ביי הרב ש. א. פרדס ז״ל, פון שיקאַגאָ.

# מקורים

1. די אָפּהאַנדלונג „יצחק אַבראַמאָוויטש פון לעמבערג און בת־שבע פון ווין" איז אויפגעבויט אויף מיין בוך (אין פויליש) „דער ווינער גט" (לעמבערג 1931). די מקורים זענען בעיקר די תשובות־ספרים: „מנהיר עיני חכמים" (ווענעדיג 1618), „גאונים בתראי" (טשערנאָוויץ 1860), „משאת בנימין" (מעץ 1786), „בית חדש החדשות" (קאָריץ 1791). אַ נייע תשובה אין דעם ענין האָב איך געפונען אין אַ זאַמלונג פון תשובות פון פּוילישע רבנים פון 17טן יאָרהונדערט אין דער באָדלעיאַן ביבליאָטעק אין אָקספאָרד (מאַנוסקריפּט אָפּענהיימער נר. 327).

2. די אָפּהאַנדלונג „ווי אַ רייכער גוי איז אַמאָל געוואָרן אַ סוחר פון אתרוגים" האָט אַלס מקור די דאָקומענטן, וואָס זענען אָפּגע־דרוקט געוואָרן אין „פּנקס ועד ארצות" (ירושלים תש"ה), זייטן XXVII, XXIX, XXX, XXXI, XXXII, XXXVIII, XL, ווי אויך פאַרשיי־דענע נאָטיצן אין דאָזיקן פּנקס (אין העברעישן טייל), וואָס האָבן אַ שייכות צו קריסטאָף ברעסלער (ז"ז 152, 160, 161, 162, 167, 203 אאַז"וו).

3. די אָפּהאַנדלונג „ווי ר' חיים כהן ראַפּאַפּאָרט האָט זיך געלאָדן מיט לעמבערגער קהל וועגן זיין געהאַלט" איז בעיקר אויפגעבויט אויף דריי דאָקומענטן, וועלכע זביגניעוו פּאַזדראָ האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין בוך (אויף פויליש) „די אָרגאַניזאַציע און פּראַקטיק פון די יידישע יוריצע־וואָיעוואָדישע געריכטן" (לעמבערג 1903). חוצדעם זענען באַנוצט גע־וואָרן מאַטעריאַלן פון שלמה בובערס בוך „אנשי שם" (קראָקע 1895) און בער באָלעכאָווערס זכרונות (בערלין 1922). די אָפּהאַנדלונג איז צום ערשטן מאָל געווען געדרוקט אין לעמבערגער „מאָרגען" אין יאָר 1927, דאַן אין מיין בוך „פון אַמאָל און היינט" (לאָדז 1939), ז' 41—60.

4. די אָפּהאַנדלונג „אַ סדרה קהילה־וואַלן אין לעמבערג אין 18טן יאָרהונדערט" האָט אַלס הויפּט־מקור אויך דאָקומענטן פון דערמאָנטן בוך פון פּאַזדראָ און דעם כתב־יד פון לעמבערגער קהל־פּנקס, וועלכן איך האָב

באַנוצט זייענדיק פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אין לעמבערג. אויף פּויליש האָב איך וועגן דעם געשריבן אין מיין בוך „צושטייערן צו דער געשיכטע און ליטעראַטור־געשיכטע פון די ייִדן אין פּוילן״ (לעמבערג 1935), ז״ז 21—38.

5. „אַ קאַפּיטל ייִדישע שתדלנות אין אַלטן פּוילן״ איז אויפגעבויט אויף מיין אָפּהאַנדלונג (אויף פּויליש) „דער אַנטייל פון די ייִדן אין די סיים־וואַלן אין אַלטן פּוילן״, וואָס איז געווען געדרוקט אין „מיעסענטש־ניק זשידאָווסקי״ (וואַרשע 1932). דער הויפּט־מקור איז דער ליטווישער „פּנקס המדינה״, אַרויסגעגעבן פון שמעון דובנאָוו, אין בערלין 1925, און דער אַפּטער פּנקס, לויט ווי ער איז באַנוצט געוואָרן דורך ע. נ. פרענק אין זיין בוך „העירונים והיהודים בפולין״ (וואַרשע 1921).

6. די אָפּהאַנדלונג „שבת, שחיטה, שבועה און חרם אין אַלטן פּוילן״ איז אויפגעבויט אויף מיין אַרבעט (אויף ענגליש) „דער שוץ פון די ייִדישע רעליגיעזע רעכט דורך קעניגלעכע דעקרעטן אין אַלטן פּוילן״ (ניו־יאָרק 1943). דער טייל, וואָס איז נוגע דעם חרם, איז אויך אויפ־געבויט אויף מיין בוך (אויף פּויליש) „דער ייִדישער חרם אין ליטע אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט״ (לעמבערג 1932).

7. דער עסיי „ר׳ מרדכי יפה און זיין מצבה אין פּויזן״ איז צום ערשט מאָל געדרוקט געוואָרן אויף דייטש אין דער „ייִדישער פּרעסע״, וואָס איז דערשינען אין ווין, אין יאָר 1933. דער סוף פון עסיי איז צו־געגעבן געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

8. די אָפּהאַנדלונג „ר׳ דוד גאַנז און זיינע ספרים״ איז אויפגעבויט אויף ר׳ דוד גאַנזס ספרים „צמח דוד״ (פּראָג 1592 און שפּעטערדיקע איבערדרוקן) און „נחמד ונעים״ (יעסניץ 1743).

9. די אָפּהאַנדלונגען וועגן ר׳ אריה־לייב, דעם מחבר פון „שאגת אריה״ — און

10. וועגן ר׳ חיים אלעזר וואקס, דעם מחבר פון „נפש חיה״, איז געשריבן געוואָרן נאָך דעם ווי עס זענען דערשינען די נייע אויסגאַבן פון „שאגת אריה״ (מינכען 1947) און „נפש חיה״ (ניו־יאָרק 1946).

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאַנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואָגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגעניש (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך (אויספאַרקויפט)
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע" (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראטור־פאנד אין סאן־פאולא, בראזיל, 1951)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאנד
75) **זיגמונט טורקאוו** — פראגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון א גאנץ יאר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראטור־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, ווארשע, 1937
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשארני** — ווילנע
79) **ז. סעגאלאוויטש** — דער לעצטער לאדזשער ראמאן (אויספארקויפט)
80) **יזכור־בוך** — בעלכאטאוו (אויספארקויפט)
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף א פולער וואך
82—83) **יצחק פערלאוו** — דער צוריקגעקומענער (ראמאן)
84) **יוסף אקרוטני** — דאס בוך פון די עלנטע
85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות (אויספארקויפט)
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאליציע — מיין אלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פארטאג (זכרונות)
89) **משה דוד גיסער** — דאס געזאנג פון א לעבן (אויספארקויפט)
90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אנדערע כתבים
91—92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאפיטלען געשיכטע
93) **שמעון הארענטשיק** — אין געררויש פון מאשינען (ראמאן)
94) **גרשם באדער** — מיינע זכרונות (קראקע)
95—96) **יאנאס טורקאוו** — פארלאשענע שטערן (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1954).
97—98) **אלטער קאציזנע** — שטארקע און שוואכע (ראמאן)
99) **פועה ראקאווסקי** — זכרונות פון א יידישער רעוואלוציאנערין
100) **מארק טורקאוו** — די לעצטע פון א גרויסן דור (אויספארקויפט)
101) **י. הירשהויט** — יידישע נאפט־מאגנאטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, ביי „די אידישע
צייטונג״, בוענאס־איירעס, 1955).
102) **משה זאנשיין** — יידיש ווארשע
103) **פ. מינץ** (אלעקסאנדער) — די געשיכטע פון א פאלשער אילוזיע
104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (ראמאן)
105־106־107) **מיכאל בארוויטש** — ארישע פאפירן
(פרעמירט דורכן ניימאן־פאנד, פאריז, 1958).
108—109) **מרדכי שטריגלער** — געארעמט מיטן ווינט (ראמאן)
110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — ווארשע און לאדזש
(פרעמירט דורכן האפער־לייב ליטעראטור־פאנד, ניו־יארק, 1956).
112) **ברוך האגער** — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, בוענאס־איירעס, 1956).
113) **ב. שעפנער** — נאוואליפיע 7 (אויספארקויפט)

114) פנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס (אויספאַרקויפט)
116) מאַקס ווײַנרײַך — פון בײדע זײַטן פּלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פּרעמירט דורכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנען
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פּרעמירט דורך דער באָריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נײַע צײַטן (ראָמאַן)
(פּרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַרײַן
(פּרעמירט דורך דער האַפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן בײדע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלײַבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פנחס וועלנער — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווונדענע געשטאַלטן
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1959)
139) ב. טערקעל — צווישן שאַקאַלן
140) י. ל. וואָלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
141—142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות (אויספאַרקויפט)
143—144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרײַאונג
146) העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה (אויספאַרקויפט)
147) פנחס שטיינוואַקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען
148) וואָלף מערקור — די וועלט איז כּעלעם (אויספאַרקויפט)
149) ראובן בן־שם — פּוילן ברענט...
150) יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פּנימער און מאַסקעס
151) שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער
152) דוד לעדערמאַן — פון יענער זײַט פאָרהאַנג (אויספאַרקויפט)

153) שיינע־מרים בראָדעריזאָן — מיין ליידנס־וועג מיט משה בראָדערזאָן
154) פּאָלאַ אַפּענשלאַק — יאַנוש קאָרטשאַק
155) שלמה בריינסקי — מענטשן פון זשעלעכאָוו
156) זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה
157־158) אינזש׳ דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן
159) א. אַלמי — זאַמלבוך
160) ד״ר יצחק לעווין — יידן אין אַלטן פּוילן

## עס גרייט זיך צום דרוק:

מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן
יעקב צינעמאַן — די שטאָט ביים טייך סאַן
ב. טערקעל — די זון פאַרגייט ביים אמור

ווענן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער־סעריע

„דאָס פּוילישע ייִדנטום"

ווענדן זיך:

**UNION ISRAELITA POLACA**

**Pueyrredón 667** **Buenos Aires**

---

Este libro se terminó de imprimir en el mes de enero de 1962, en los Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN S.R.L., Corrientes 1976, Buenos Aires.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 160

Copyright by
Dr. ISAAC LEWIN, New York

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

Dr. ISAAC LEWIN

# Los Judíos en la Polonia de Antaño

Editado por la
**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**
Buenos Aires, 1962